STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02933

Y.L. PERETS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

זאמלבוך
צום הונדערטסטן געבוירן-טאג



ר. יאָסל בראָנשטיין

פארלאג „יידיש-בוך“ ווארשע 1951

I. L. PEREC

ZBIÓR UTWORÓW KU CZCI 100-EJ ROCZNICY URODZIN

Redaktor: D. SFARD

Wydawnictwo „Idisz-Buch" Warszawa 1951

Nakład 3000 ark. wyd. 7 ark. druk. 7,5 nr zam. 389 2-B-19733

Druk. „Nowe Życie", Warszawa, Al. Gen. K. Świerczewskiego 79.

יצחק־לייבוש פּרץ

געבוירן אין זאַמאָשטש, דעם 18 מאַי 1851,
געשטאָרבן אין וואַרשע, דעם 3 אַפּריל 1915.

הערש סמאָליאַר

י. ל. פּרץ — דער שטענדיק־לעבעדיקער

צווישן יידישן בירגערטום האָט י. ל. פּרץ קיינמאָל נישט געהויזט. די האַזיקע שיכטן האָבן פֿײַנד געהאַט דעם אומרויִקן גײַסט, דעם רחמנותלאָזן אויפֿדעקער פֿון זייער זאָאָלאָגישן עגאָאיזם, פֿון זייער פֿילשטענדיקער גײַסטיקער אויסגעהוילטקייט. דער ליטעראַרישער נאָכפֿרעג פֿון דעם יידישן בירגערטום איז געווען אָדער אויף אַפּאָלאָגעטיק פֿון דער געטאָ־„אידיליע", פֿון דעם געשטיקן מאַג, אָדער אויף דעם פֿאַרשיידנאַרטיקסטן שונד פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער הירשעה. אויף זייער נאָכפֿרעג איז געקומען דער אָנבאָט פֿון די עפּיגאָנען, וועלכע האָבן זיך רעקלאַמירט אַלס די יורשים פֿון דער פּרץ־טראַדיציע. און זיי האָבן געגעבן „לויטן קאַליר און לויטן אויסוואַל" — סיי דאָס און סיי יענץ. דערפֿון שטאַמט עס דער פּאַראַט לגבי פּרץ, מצד דעם גרעסטן טייל אַריינגייער אינעם הויז אויף ציעגלאַנע גאַס און מצד די, וועלכע זיינען שפּעטער אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין זייער אייזקאַלטן שאָטן. אין דער האַזיקער ליטעראַרישער טראַדיציע איז אַפֿילו קיין זכר פֿון פּרץ נישט געווען.

צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, צווישן האָרעפּאַשנעם פֿאָלק האָט פּרץ דערמוטיקונג געפֿונען און אַ וואַרעמגאַרנדיק האַרץ, וואָס איז גרייט געווען שטענדיק אים אויפֿצונעמען און אַפֿילו מוחל זיין דאָס, ווען ער האָט זיך געבראָכט און הויך אַרויסגעזאָגט זיינע ספֿיקות, צי זיינען זיי, די אַרבעטער, די ווירקלעכע אָנזאָגער פֿון דעם באַפֿרייטן מאָרגן.

אין די ענגע בוידעם־שטיבלעך (אין די זעלבע, ווו פּרץ איז אַמאָל מיט ספּעקטאָרן אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג געקומען) האָט מען אים דעם אויבנדאָן אָפּגעגעבן און נאַכט נאָך נאַכט איז מיט אים אָנגעגאַנגען אַ ליידנשאַפֿטלעכער וויכוח וועגן זיינע פֿערסאָנאַזשן, וועגן זייערע וועגן און אידעען. אָט דאָרטן טאַקע איז דאָס אַנטפּלעקט גע־

וואָרן דער גרויסער וואַנדערער פון פּרצעס שטענדיקן יונגער הערץ, פון זיין טרעפן צו די טיפסטע באַגערן און טרוימען פונעם אַרבעטס־מענטש. דאָרטן איז געוועבט געוואָרן די ווירקלעכע פּרץ־טראַדיציע, דאָרטן זיינען אויפגעקומען אירע איינציקע ווירדיקע טרעגער — די יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער, דערציילער, קריטיקער, מאָלער, טעאַטער־טוער, קינדער־דערציִער. אַליין אָפּשטאַמיקע פון די דאָזיקע בירגערשטיבלעך האָבן זיי זייער קונסט געשטעלט צום אַקטיוון דינסט פונעם פאָלק. אַזוי ווי עס האָט עס אין זיינע בעסטע יאָרן געטאָן י. ל. פּרץ.

די פּרץ־טראַדיציע פון פאָלקסטריבונאַט, פון אַקטיוון ציל־געווענדטן וואָרט, פון אַנטפּלעקטער נשמה־רייניקייט, הגם אַ רעליגיאָזירטע, אַ פאַרשוויגענע און פאַקטיש פאַרליקנטע דורך דער „אַפּיציעלער" יידישער ליטעראַטור, האָט געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין איר נאַטירלעכער ווירקונגס־ספערע — צווישן דעם אַקטיוו־קעמפנדיקן פאָלק, צווישן זיינע רעוואָלוציאָנערע קונסט־שעפער.

די יידישע אַרבעטערשאַפט, די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן זיינען מיט די אינטימסטע פעדעם פאַרבונדן מיט די הערלעכע פּרץ־געשטאַלטן, מיט די, וואָס פאַרמאָגן די קרישטאָלענע העלקייט פון ריינע, גאַנצע נשמות. אין שמריהון פונעם „משולח", און אין טוביהון דעם טרעגער פון די „זיבן גוטע יאָר", אין שמערל האָלץ־העקער פונעם „אוצר" ווי אין סאַטיע פון „נסים אויפן ים", און נעמיראָווער פון „אויב נישט נאָך העכער" ווי אין די פאַרקערפּערער פון עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון די „דריי מתנות", האָט דער יידישער פאָלקסמענטש געזען די גרויסע גייסטיקע אָנלאָדונג, די מערקווירדיקע עטישע קראַפט, וואָס עס דאַרפן פאַרמאָגן די, וואָס האָבן געוואָלט ענדערן און האָבן געענדערט דעם סדר פון דער פאַרקריפּלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אָרנטלעכקייט, פּשטות, ווידערווילן צו דער קליינלעכער פערזענלעכער אויסרעכענונג, ריינקייט אין דער באַציִונג צום מיטמענטש, עניוות, אַפּאָטעאָז פון דער קרבנות־גרייטער טאַט לטובת דעם ליידנדיקן, און איבער אַלץ — דער טיפער גלויבן, אַלס קעגנזאַץ צום ציניזם פון די אַרויפגעאַרבעטע, פון די, וואָס לעבן אין געיעג נאָך דער געלעגנהייט, נאָך דער מינוט — אַזעלכע זיינען די אייגנשאַפטן, וואָס האָבן פּרץ־פּערסאָנאַזשן בלוט־קרובֿיש געמאַכט צו די יידישע פאָלקסמאַסן.

אין אונדזער יונגער דור, וואָס איז שוין אין די פרייהייטס־באַדינגונגען אויפגעקומען, האָט אין די וואונדערבאַרע פּרץ־געשטאַלטן דערזען

די װעלכע בלוטיקרובֿ־השאַפֿט מיט אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָװן, פֿאַר װעמען עס איז קיין ספֿק נישט געװען, אַז ער דאַרף זיין לעבן אָפּגעבן, כּדי דעם שונאס קױלנװאַרפֿער זאָל אַנטשטומט װערן; מיט נפֿתּלי באָטװינען, װאָס איז אױף דער תּליה געגאַנגען אָן דעם מינדסטן צװייפֿל, אַז ער און נישט דער תּליין, איז דער זיגער; מיט אַנוזשיי שמידטן, װאָס האָט טראָפּן נאָך טראָפּן אָפּגעגעבן זיין בלוט אױף דעם שלאַכטפֿעלד פֿון שפּאַניע ביזן װאַרשעװער געטאָ.

און מיר אַלע צוזאַמען, װאָס ענדערן מיט יעדן טאָג דעם אױסזען פֿון אונדזער באַפֿרייט לאַנד און צוזאַמען דערמיט ענדערן מיר זיך אַליין — מיר זעען אַלץ בולטער און בולטער אין דעם נייעם מענטש פֿון אונדזער סאָציאַליסטישער עפּאָכע די ברייטאַנטװיקלטע אייגנשאַפֿטן, װעלכע פּרץ האָט געדאַרפֿט ערשט געפֿינען, זיך דורכשלאָגנדיק מיט מי און פּיין, דורך װילד־פֿאַרװאַקסענע שטעגן צו די, װעלכע זיינען דאַן געשטעלט געװאָרן מחוץ פֿון דער אָפֿיציעלער געזעלשאַפֿט. בלױז צװישן די מענטשן פֿון ערלעכער מי האָט פּרץ געפֿונען די פֿאַרקערפּערונג פֿון די גרױסע עטישע װערטן.

הערפֿון שטאַמט עס דער פֿאַקט, װאָס פּרץ געפֿינט זיך אױך היינט אין אונדזער אידעיִש־עטישן באַװאָפֿענונגס־אַרסענאַל, װאָס אױך צו אים װענדן מיר זיך נאָך הילף ביים לייזן דעם שװערסטן פּראָבלעם פֿון אונדזער עפּאָכע — דעם פּראָבלעם פֿון אױסרייניקן די מענטשלעכע מוחות און הערצער פֿון דעם לאַסט, װאָס די צייט פֿון מענטשן־װעלף האָט אונדז איבערגעלאָזט.

גרינג און גוט איז אונדז מיט פּרצן, װי גרינג און גוט פּרצן פֿלעגט זיין, װען ער האָט זיך מיט יידישע פֿאָלקס־געשטאַלטן אַרומגערינגלט. דאָן פֿלעגט פֿון אים פֿאַרשװינדן דער אָפּשיין פֿון דער מרה־שחורה, װאָס איז געקומען פֿון דער פֿױלנדיקער אָפֿיציעלער געזעלשאַפֿט פֿון זיין צייט. װי גוט איז אים געװען, װען ער פֿלעגט זיך װענדן צו עקיבֿא דעם שוסטער, ביי װעמען עס איז געװען פֿרייִלעך, לעבעדיק און „דאָס קלאַפּן און זינגען פֿון די געזעלן ביי די טישלעך פֿלעגט דערגיין עד לבֿ השמים", אָדער װען ער האָט דערזען בערל קאַלבאָסן, װאָס פֿלעגט זיין „מרים־לעב" דערלאַנגען אַ ברענענדיקן קוש אין די רױטע קאַרשן און װאָס האָט גאָר נישט פֿיינד געהאַט צו כאַפּן אַ קוק אױף די דינסטמיידלעך, װאָס נעמען װאַסער ביים פּלומפּ („זיי זיינען „חם ושלום, קיין כּהנים נישט און דובענען נישט"). מיר דערקענען דאָ פּרצן אין זיין נאָענטקייט צום נע־

מיטהצושטאנד פון יידישן פאלקס־מענטש, אין זיין פארהערלעכן דעם נאטירלעכן לעבנס־אפטימיזם, וואס איז אייגנטימלעך פאר אונדזער וועלט, פאר אונדזערע מענטשן, וואס אפילו אין דער שווערסטער עת צרה האבן זיי מיט לעבנס־באשטענדיקער קעמפערישער מוט אנגעזאגט דעם נצחון איבער דאס שלעכטס.

* * *

דער גרויסער דיכטער פון רוסישן פאלק א. ס. פושקין האט געהאט די זיכערקייט, אז ס'וועט נישט פארוואקסן ווערן דער פאלקס־וועג צו אים, אז זיין וואָרט וועט דערגיין אפילו צו יענע מענטשן, וועלכע האבן קיין אלף־בית נישט געהאט;

אדאם מיצקעוויטש האט אויסגעזונגען דעם לעבנסטרוים, אז זיינע שאפונגען זאלן זיך געפינען אונטער די דעכער פון די פויערישע כאטעס;

דער קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור פרץ האט אויסגעדריקט די טיפסטע איבערצייגונג, אז אין זיין באפרייטן היימלאנד — „אין דעם פוילן, וואס וועט קומען" — וועט ער האבן זיין חלק.

אונדזער פרץ האט ווירקלעך זיין חלק אין דעם פוילן, וואס איז שוין געקומען, וואס אנטוויקלט זיך און וואקסט אויך מיט דער הילף פון דער גרויסער קולטור־ירושה, וואס עס האבן אונדז געלאזן די גרעסטע גייסטער פון דער פארגאנגענהייט.

געשען איז אזוי, ווי י. ל. פרץ האט עס געזאגט נאך אין דער גאר ווייטער פארגאנגענהייט, דאן ווען ער האט געזען, אז

„דער ארבעטער שטייט פון דער ווייטנס, דער ווירקלעכער פאטריאט פון לאנד פאררעכנט די הענט. ער זעט די פערטע צעטיילונג פון פוילן. אבער די האבן נאך אין איצטיקן מאמענט קיין דעה נישט, מען הערט זיי נישט.

(„געדאנקען און אידעען", באנד 11, ז. 142).

אין אט יענער חושכדיקער צייט פון סאציאלער רעאקציע, האט י. ל. פרץ פארויסגעזאגט, אז די ווירקלעכע פאטריאטן פון פוילן, די ארבעטער, וועלן נישט בלייבן מיט קיין פארבראכענע הענט. זיי וועלן די דעה באקומען, זיי וועט מען דערהערן. י. ל. פרץ פראקלאמירט דאן:

„מאָרגן װעלן זײ קומען צום װאָרט" (דאָרטן).

מיט אָט דער צוקונפט פון די אַרבעטער־מאַסן פאַרבינדט אונדזער קלאַסיקער זײַן צוקונפט. ער זאָגט:

„שלעכט איז דער קעגנװאַרט, די צוקונפט אָבער געהער צו מיר! און אירע נעפל זײַטן מײַנע אױגן באַהעפטן, פון דאָרט װעט זיך אױסשײלן די פרישע זון פון אַ נײַעם געבענטשן מאָרגן! פון העכסטן טורעם װעט פלוצלינג אױסשלאָגן די שטונדע פון אױסלײזונג, דער לעצטער טאָג!" (חאָרטן ז. 169).

געשען איז אַזױ, װי י. ל. פּרץ האָט עס פאָרױסגעזען: אין פּױלן איז דער אַרבעטער געקומען צום װאָרט און אײנער פון זײַנע ערשטע אױפגאַבן איז געװען צו דערמעגלעכן, אַז די שטימע פון אונדזערע גרױסע קולטור־שעפער זאָל באַגלײטן, זאָל מיטהעלפן אין דעם אױפבױ פון די ברײטסטע פאָלקס־מאַסן, זאָל דערגײן צו אַלע שטאָטישע הײַזער און דאָרפישע כאַטעס, צו די פאָלקס־אײגענע פאַבריקן און באַפרײַטע פון פריציש־קולאַקישן צװאַנג — פעלדער.

עס איז אונדזער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, װאָס צו דער דאָזיקער רײ קולטור־שעפער פון דער פאַרגאַנגענהײט, װעלכע האָבן מיט זײערע בעסטע װערק אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער װעלט פון אױסנוצונג און פאַרקנעכטיקײט און אָנגעזאָגט דעם אומפאַרמײַדלעכן אומקום פון אונדזער באַפרײַטן הײַנט, געהערט אױך דער קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור יצחק לײבוש פּרץ.

מיט 50 יאָר צוריק, האָבן ייִדישע אַרבעטער אונטערגעטראָגן פּרצן, צו זײַן יובילײ אַן אײגנאַרטיקע מתּנה. דאָס איז געװען אַן אַלטער, אָפּגעניצטער און פאַרפלעקטער עקזעמפּליאַר פון זײַן, פּרצעס „ייִדישע ביבליאָטעק". דאָס איז געװען אַן עקזעמפּליאַר, װאָס האָט געטײלט דעם גורל פון די רעװאָלוציאָנערע ייִדישע אַרבעטער, װעלכע זײַנען געװען געפאַנגען אין דער צאַרישער תּפיסה: פון קאַמער צו קאַמער האָט געװאַנדערט פּרצעס „ייִדישע ביבליאָטעק" און די אותיות האָבן די פּאָליטישע אַרעסטירטע באַנוצט אַלס שיפר זיך צו פאַרשטענדיקן אין געהײם װעגן װײַטערדיקן קאַמף.

די ייִדישע אַרבעטער, די ייִדישע פאָלקס־מענטשן האָבן אין פּרצעס בעסטע װערק געזען אַ װיכטיקע הילף בײַם שטאַרקן דעם באַװוסטזײַן, די װירדע, די קאַמפס־אַנטשלאָסנקײט קעגן דעם אַלגעמײנעם און ייִדישן לעבן געמױזעכץ. י. ל. פּרצעס בעסטע װערק האָבן געװעקט בײַם ייִדישן פאָלקס־מענטש דאָס בירגער־געפיל, דעם פאַרלאַנג צו דערהױבן די פּער־

לע גלייכבארעכטיקונג, די פולע בירגערשאפט אינעם לאנד, ווו עס גרייכן גאר טיף אונדזערע ווארצלען, ווו ענג איז צונויפגעפלאכטן אונ־זער גורל־געמיינזאמקייט מיטן גורל פון די פוילישע פאלקס־מענטשן.

די יידישע ארבעטנדיקע באפעלקערונג פון נייעם, דורך פרצן אויס־געטרוימטן פוילן, געפינט אין די ווערק פון אונדזער קלאסיקער א באַ־קרעפטיקונג פאר איר פאטריאטיזם, וואס איז דער ארגאנישער המשך פון דעם פאטריאטיזם פון די יידישע מענטשן — אנטיילנעמער אין די נאַ־ציאנאל־באפרייערישע אויפשטאנדן פון פוילן, און די באריקאדן־קאמפן פונעם פוילישן פראלעטאריאט קעגן צאריזם.

דאס איז דער פאטריאטיזם, וואס האט זיך מיט א באזונדערער מאסן־קראפט באוויזן אין קאמף קעגן דער היימישער פוילישער רעאקציע, פון וועלכער פרץ רייסט אומברחמנותדיק אראפ די מאסקע, ווייזנדיק איר פאלקס־פארעטערישן, קאסמאפאליטישן פרצוף:

„נישט איך — זאגט פרץ, טויטלענדיק אויף דער האדיקער רעאקציע — האב פוילן צוליב אינטריגעס און פאמיליע־געשעפטן געטיילט, נישט איך האב פאר דער פוילישער קרוין פרעמדע קעפ אראפגעבראכט... נישט איך האב געברענגט מאָדעס און ציוויל־רעכט פון פאריז, נישט איך — רעליגיעס און יעזואיטן פון רים, נישט איך האב געווארט מיט דער באפרייונג פון פויער, ביז זי וועט קומען פון פעטערבורג... („געדאנקען און אידעען" ז. 50).

דעם ווירקלעכן פאטריאטיזם, וועלכער האט באאייניקט די דאן אונ־טערדריקטע פוילישע און רעכטלאזע יידישע פאלקס־מאסן האט י. ל. פרץ אויסגעדריקט אין דעם „טרייסט" אז

„...אין דעם פוילן, וואס איז דיין (דעם גוטבאזיצערס — ה. ס.) האט, אויסער מיר, וואס ארבעט און האנדלט אין שטאט, אויך דער פויער, וואס אקערט און זייט דאס פעלד אין דארף, אויך קיין חלק נישט! וואס אין דער קולטור, וואס דו באשאפסט מיט פרעמדע וועלט־אנשויונגען און געזעצן, האבן, אויסער מיר, קיין חלק נישט אויך די אלע, וואס פילן און דענקען מענטשלעך, נישט פריציש". (דארט).

דאס איז דער פאטריאטיזם, וואס האט גערופן צום קאמף קעגן דעם אלטן פוילן, מיט זיינע „פרעמדע וועלט־אנשויונגען און געזעצן", און האט מיטגעווירקט צום נצחון פון דער וועלט־אנשויונג פונעם ארבע־טער־קלאס, צום נצחון פון די געזעצן פון דער נייער סאציאליסטישער וועלט. דאס איז דער פאטריאטיזם פון די מענטשן, אויף וועמענס זייט

עס איז געווען די גאנצע סימפּאַטיע פון אונדזער גרויסן שרייבער און צווישן וועלכע ער האָט געהאַפּט צו האָבן אויך זיין חלק.

יצחק ליבוש פּרץ איז מיט אונדז, אין זיין באַפרייטן היימלאַנד — פּוילן; אין דעם לאַנד, ווי צום וואָרט זיינען געקומען די מענטשן פון אַרבעט און שאַפונג, די עכטע פּאַטריאָטן — די „וואָס פילן און דענקען מענטשלעך", די, וואָס גיבן אָפּ אַלע זייערע כּוחות פאַר דעם כּסדר־דיקן שטייגן פון באַפרייטן לעבן.

* * *

ס'איז פאַראַן אַ מעשהלע, וואָס פאַר אונדז איז עס קיינמאָל קיין מעשהלע נישט געווען. דער פּרץ־טרוים וועגן „אייביקן פרידן אין ערגעץ־לאַנד" איז פאַר דעם דור, וואָס איז דערצויגן און געפּרוווט געוואָרן אין דער האַרבסטער צייט פון צוויי וועלט־מלחמות, געוואָרן אַ לעבנס־פּראָגראַם. דאָס איז דער פּראָגראַם פון שלום נישט בלויז אויפן „הייכן שפּיץ פון באַרג", וווּ „יעדערער האָט איינעם צווייטן אַ מענטש דערקענט. (ווו) אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן אויף דער אייניציקער מענטשלעכער שטראַלן־שפּראַך", נאָר אומעטום, אין אַלע לענדער און וועלט־טיילן. אויף אַלע לשונות און דיאַלעקטן ווערט היינט איבערגעחזרט דער באַפעל, וועלכן פּרץ האָט געהערט בלויז פון „הייכן שפּיץ פון באַרג" — דער באַפעל: „געווער צו די פיס!". דאָס רייסט זיך פון די הערצער סיי פון די מענטשן פון די בערג, סיי פון די מענטשן פון די טאָלן, דער באַגער נישט צו דערלאָזן צו קיין נייער וועלט־צעשטערונג. דאָס פּרץ־מעשהלע ווערט היינט באַגלייט פון הונדערטער מיליאָנען מענטשלעכע ווילנס, וואָס הגם זיי זיינען אויף פאַרשידענע שפּראַכן אויסגעדריקט, רייען זיי דאָך אויף איין שפּראַך — אויף דער שטראַלן־שפּראַך פון שלום, פון אייביקן פרידן נישט בלויז אין „ערגעץ־לאַנד", נאָר אויף דער גאַנצער וועלט.

עס האָט י. ל. פּרץ געטרוימט דערפון, אַז פון דעם מעשהלע וועגן אייביקן פרידן זאָל ווערן „אַ ליד, אַ וויגן־ליד; זינגען וועלן די מוטערס, איבער דער ליבסטער קינדער־וויג... און איינעם קינדער־הערצל־קליין, הערצל־דריין, קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליד, און ס'וועט דערפון אַ בענק־שאַפט ווערן...

„אַ בענקעניש צו ערגעץ־לאַנד, צום הייכן באַרג אין ערגעץ־לאַנד, צום פרידן־לאַנד, מיט דער שטראַלן־שפּראַך, דער אייניציק־מענטשלעכער — אַ בענקשאַפט־פּיין, אַ בענקשאַפט־ריין!".

און ווען אונדזער גרויסן דיכטער איז אין די לעצטע חדשים פון

זיין לעבן אויסגעקומען איבערצוטראָגן די מוראדיקע פּיין פון קינדער, וואָס האָבן די מוטערס פאַרלוירן און די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך אַליין בײַ זייערע וויגעלעך אַוועקגעזעצט, זיי געבראַכט די טרייסט, די בענקשאַפט נאָך אַ וועלט אָן מלחמות, אָן פאַרשניטענע קינדער־לעבנס, אָן פאַראיינזאַמטע וויגעלעך, בײַ וועלכע קיין מאַמעס זינגען מער נישט זייער איביקן וויגליד.

די מוראדיקע וועלט־שחיטה, די ערשטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט נישט צעבראָכן דעם גלויבן פון אונדזער גרויסן פּרץ — דעם גלויבן, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיינע בעסטע ווערק — דעם גלויבן אינעם מענטש. זיין וואַרפן זיך לײַדנשאַפטלעך אין דער אַרבעט צו ראַטעווען די קינדער, זיינע לעצטע שאַפונגען פאַר די קינדער, — דאָס זיינען אויסדרוקן פון פּרצעס אַקטיוון הומאַניזם, די איינשאַפט, מיט וועלכער ער האָט באַשאַפן די גרונט־געשטאַלטן אין זיינע ווערק; דאָס זיינען אויסדרוקן פון פּרצעס גלויבן, אַז „אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט", אַז דאָס בייז איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַ פּאַראויס־געשטימטן גורל, נאָר דאָס „ווערק" פון קאָנקרעטע טרעגער פון בייז, פאַראינטערעסירטע צו צעקריגן צווישן זיך מענטשן און פעלקער.

נאָך אין פאַריקן יאָרהונדערט כאַראַקטעריזירט י. ל. פּרץ די צפון־אַמעריקאַנער און מערב־אייראָפּעישע בירגערלעכע דעמאָקראַטיע אַלס אַזאַ, וואָס:

> „פרייהייט הייסט בײַ איר דאָס רעכט צו מאַכן זיך מיט די עלנבויגנס אָן אָרט בײַם טיש, ווײַלן — הייסט קויפן שטימען פאַר געלט און בראָנפן, פּאַרלאַמענטן זיינען בערזעס, ווו פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּירן, ווו די דעפּוטירטע פאַרקויפן איינער דעם צווייטן די געקויפטע שטימען. די „פרייע פּרעסע", די שטאָלץ פון 20־טן יאָרהונדערט, איז אַ רינשטאָק פון בלאָטע און שאַנטאַזש".

מיט אונדזער נאָך־פּרצישער שרעקלעכער דערפאַרונג דערזען מיר אין דער גאַנצער גרויס די אַבסאָלוטע ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טעמפּעראַמענטפול־קעמפערישער כאַראַקטעריסטיק וועגן דער וועלט פון אימפּעריאַליסטישן רויב, וואָס זינקט אַלץ מער און טיפער, וואָס וויל מיט זיך מיטשלעפּן און אָפּגרונט אַלץ, וואָס מענטשלעכע פיזישע און גייסטיקע מי האָט אין יאָר טויזנטער געשאַפן.

באַגלייך מיט די טרעגער פון בייז זעט פּרץ די כוחות, וועלכע וועלן זיי באַזיגן, אַנטפּלעקנדיק די דאָזיקע כוחות, צופאַלנדיק צו זיי ווי אַ

דורשטיקער צו א פרישן קוואל, הערט אויף צו זיין די פרץ־מעשה וועגן „לאנד פון אייביקן פרידן" בלויז א טרוים. מיר דערהערן נאך מיט יארן פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אזעלכע ווערטער, וועלכע קלינגען היינט, ווי זיי וואלטן אנגעשריבן געווארן אלס אפרוף פון אונדזער גרויסן שרייבער אויף דעם אפעל פון אלוועלטלעכן שלום־פראנט.

י. ל. פרץ שרייבט:

„אין מערב־איראפע, צווישן די שווער־באוואפנטע פעלקער, וואס אטעמען קוים אונטער דער שטאלענער לאסט; אין מערב־איראפע, ווו די פרעסע פון האס צווישן פעלקער, רעליגיעס, ראסן און קלאסן רייסט און בייסט מיט ווילדן כעס דעם אייזערנעם נאר מאהדניק; ווו די רעגירונגען נוצן דעם אנטיסעמיטיזם אלס הור נער־אפליטער פאר די גאלדענע פאליען, ווו קינד און קייט ווארפט זיך אין ווילסטע חלומות פון דינאמיט... (י. ל. פרץ, אלע ווערק, באנד 8, ז. 114, פארלאג „יידיש", ארגענטינע).

צי איז דאס דאזיקע בילד נישט א פולשטענדיקער־רעאליסטישער אפשפיגלונג פון דער היינטיקער מערב־איראפע, אויף וועלכער דער זשאנדארם פון וואל־סטריט האט ארויפגעווארפן די שטאלענע לאסט פון אלץ וואקסנדיקער באוואפענונג? צי איז דא נישט איבערגעגעבן מיט דער פולסטער אויטענטישקייט די האל פון דער מערבדיקער העץ־פרעסע (פון דער יידישער בתוכם!), וואס ווארפט זיך ווי א משוגענער הונט, בייסט פון רציחה דעם נאמאהדניק, כדי אנצווארפן א פחד אויף די מענטשן, אנצווארפן זיי „ווילסטע חלומות פון דינאמיט"?! ווי געוואלדיק נאענט עס איז דאס באשריבענע דורך פרצן צום היינטיקן געמיטצושטאנד פון מי־ליאנען מענטשן אין אמעריקע, אין מערב־איראפע, ביי וועלכע די נע־פאר פון א נייער וועלט־מלחמה נעמט צו דעם שלאף פון די אויגן! און דער אויסגעוואקסענער אנטיסעמיטיזם, „דער הונער־אפליטער פאר די גאלדענע פאליען", דאס באפרייען די יידן־מערדער אין מערב־דייטש־לאנד, אין פראנקרייך, און בעלגיע, און עסטרייך, און טיטא־יוגאסלאוויע — דאס זיינען דאך די הערשינונגען, וואס גיבן קיין רו נישט דעם גע־וויסן פון אלע ערלעכע מענטשן אין דער וועלט!

אבער י. ל. פרץ, — דער אקטיוו־קעמפערישער הומאניסט, דער גלויביקער אינעם נצחון פון אייביקן שלום, זעט נישט בלויז דעם אנ־וואקס פון די געפארן, די טרויעריקע פון אומגליק, פון אויסראטונג פון מענטשלעכן מין. י. ל. פרץ האט שוין דאן (נאך מיט יארן פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה!) דערזען די כוחות, וועלכע זיינען היינט אויס־

געוואקסן צו אן אנטשיידענעם פאקטאר אין דער אנטוויקלונג פון דער וועלט — די כוחות, וואס קעמפן פאר שלום.

ווי היינטצייטיק קלינגען די ווערטער פון י. ל. פרץ:

...אין מערב־אייראפע באמערקט זיך אצינד א נייע באוועגונג...
איבערן היילד ברוינגרינדיקן ים פליט א טויב מיט א גרינעם בלאט פון שלום.

(דאָרט ז. 114).

די טויב, וואס איז היינט דער סימבאל פון דעם גרויסן אלוועלטלעכן פראנט פון די מענטשן, וועלכע ווילן שלום, איז פאר י. ל. פרצן אן אנזאג פון קאמף, כדי:

„...עס זאל אויפהערן דער אייביקער קריג צווישן רעליגיאנען, ראסן... מענטשן זאלן אוועקלייגן דאס מערדערישע געווער פון האנט; יעדער זאל אוועקלייגן דעם קאלטן רשע — דעם עגאָיזם...”
(דאָרט).

י. ל. פרץ ווייסט גענוי, ווער עס זיינען די טרעגער פון דעם דאזיקן וועלטהערלייזערישן קאמף פאר שלום, ווער עס זיינען די מענטשן פון יענער מאראל.

„...וואס איז נישט דער אָפּגלאַנץ פון דער בלאנקער שווערד,
וואס שטעקט נישט אין קרופּס קארטעטשן, וואָס האלט זיך נישט
אין דער געבײַלטער פויסט און גייט נישט האנט אין האנט מיט
אייגננוץ, שאָוויניזם און רעליגיאָנס־האס!...”.

(דאָרט. קורסיוו — מײַנער — ה. ס.)

דאס זיינען די מענטשן, וואס קעמפן היינט קעגן די זעלבע קרופּס, וועלכע זיינען ווידער געוואָרן די צושטעלער פון אויסראטונגס־געווער קעגן דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט, וואס קעמפן קעגן ווידער באוואפענען די ארמייען פון די היטלער־לייט אין מערב־דייטשלאנד, דאס זיינען די פשוטע מענטשן פון דער גאנצער וועלט, וואס באקעמפן דעם עגאָאיזם, דעם אייגננוץ פון די אמעריקאנער מיליארדערן און מיליאנערן, פאר וועלכע דאס אומגליק פון מיליאנען איז א קוואל פון אומגעהויערע רווחים; דאס זיינען הונדערטער מיליאנען מענטשן פון אלע פעלקער, וועלכע זיינען קעגן יעדן שאָוויניזם, וואס ווערט צילמעסיק אויפגעבלאזן דורך די וועלט־אונטערצינדער פון „ווייסן הויז”; דאס זיינען די מענטשן, וועלכע עס מיילן נישט פאנאנדער זייערע רעליגיעזע אנשויונגען, נאר עס פאראייניקט זיי דער ווילן צו פארשטעלן דעם ווען דער מלחמה־בעסטיע.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע מענטשן, צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען און פֿאַר אונדז אַלעמען דריקט אויס אונדזער גרויסער שרייבער דעם גלויבן, אַז:

„...דער מענטש מוז זיך אויפֿכאַפּן פֿון דעם וויסטן שלאָף און דערזען די ליכט, וואָס שלאָגט אים אין די אויגן! ער מוז דערפֿילן, אַז ער איז אַ מ ע נ ט ש, און אַז נישט דער עגאָאיזם מיט נעגל און באַקציין, נאָר די ריינע מענטשלעכע מאָראַליטעט דאַרף זיין דער קאָמפּאַס צו פֿירן זיין שיף אַקעגן ים!".

דער דאָזיקער ליידנשאַפֿטלעכער רוף פֿון דעם קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור קלינגט היינט נאָך מעכטיקער, ווי אין יענע יאָרן, ווען ער איז אויסגעשפּיגלט געוואָרן אין דער הייסגליענדיקער נשמה פֿון י. ל. פּרץ. דער דאָזיקער אַפּעל רופֿט זיך דורך מיט די ווענדונגען פֿון די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון אַלע פֿעלקער אין דער וועלט, פֿון די איידלסטע גייסטער פֿון אונדזער היינטצייטיקייט, פֿון די גרעסטע קולטור־שעפֿער פֿון אונדזער עפּאָכע. אין דעם גייסטיקן באַוואָפֿענונגס־אַרסענאַל פֿון די פֿעלקער, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן אַרויפֿצוּוואַרפֿן אַ צוים אויף דער צעווילדעוועטער אימפּעריאַליסטישער חיה, געפֿינען זיך די בעסטע ווערק פֿון אונדזער גרויסן שרייבער־הומאַניסט.

פֿאַר די יידישע פֿאָלקסמאַסן איז די דרייסטע אַנטשלאָסנקייט פֿון י. ל. פּרץ אין קאַמף קעגן די באַדראָער פֿון אונדזער פֿאָלקס־עקזיסטענץ אַ דערמוטיקונג אין קאַמף קעגן אונדזערע היינטצייטיקע בלוט־שונאים — קעגן די אַנגלאָ־זאַקסישע אַפּוטרופּסים פֿון מיליטאַריזם אין מערב־דייטשלאַנד. מיט י. ל. פּרצעס קאַמף קעגן אייגננוץ, שאָוויניזם און דער ליגיש־האַס שטאַלצירן די יידישע מענטשן, פֿאַר וועלכע די פּראָגרעסיווע גייסטיקע פּרץ־ירושה איז אַ לעבעדיקע, באַלערנדיקע און ווירקנדיקע.

י. ל. פּרצעס מוטיק קעגנשטעלן זיך די טרעגער פֿון פֿעלקער־אויסראָטונג טרעפֿט מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט די אַלע, וואָס וואָגן זיי דער־קלערן זיך אַלס די דירעקטע פֿאָרזעצער פֿון אונדזער קלאַסיקער, זייענדיק זיי די פֿאַרלייקענער פֿון זיין קעמפֿערישן הומאַניזם, פֿון זיין פֿאָלקס־נעמערישאַפֿט. זייער לעבנס־אָפּלייקנדיקן פּעסימיזם כאַראַקטעריזירט עס י. ל. פּרץ אַלס אַזאַ,

„...וואָס איז אַרויס ווי אַ הונט־שוואָם אויפֿן מיסט פֿון די לעצטע צייטן, איז אַ נאַכט־געוויקס און דרייט זיך אַוועק פֿון יעדן ליכטיקן שטראַל...". (דאָרט, זייט 115).

אַ נאַכט־געוויקס אין דער תשבות פֿון דעם אימפּעריאַליסטישן

נעפל איז יענע „ליטעראטור", וועלכע זייענדיק פולשטענדיק פרעמד דער פראָגרעסיווער טראַדיציע, דער פאָלקס־טראדיציע פון אונדזערע קלאסיקער, האָט זי קיין איין וואָרט נישט געלאָזט פאלן קעגן די, וואס מאָרדן די זין און טעכטער פון העלדישן קאָרעיִשן פּאָלק, קעגן די, וואָס באוואָפענען די מערדער פון 6 מיליאָן יידן — די עסעס־דיוויזיעס אין מערב־דייטשלאנד, קעגן די, וואָס באדראָען די מענטשלעכע ציוויליזאציע מיט דער אטאָם־באָמבע. א הונט־שוואָס אויפן מיסט פון אונדזער היינטצייטיקייט איז די שאפונג פון יענע יידישע דיכטער און פּראָזאיקער, וועלכע האָבן זייערע פעדערס געשטעלט אין דינסט פון דעם אימפּעריאליסטישן רויב־צוג קעגן דער מענטשהייט, וועלכע העצן מאַגנאַטן און טאַגנאַטן קעגן די לענדער, וווּ עס איז א סוף געמאכט געוואָרן אויף אייביק מיטן אויסנוץ, מיטן שאָוויניזם, מיט רעליגיעזן האס. ס'איז נישט די חרפּה פון די יידישע פאָלקס־מאסן, וואָס צווישן די קעמפער פאר שלום אויף דער וועלט, פאר אונדזער אלעמענס וווּיל און זיכערקייט, זייען נישט פאראן נישט שלום אש און נישט זלמן שניאור, נישט אַפּאַטאָשו און נישט ליוויק. ס'איז אויסשליסלעך און בלויז זייער חרפּה, ווייל זיי האָבן זיך באוויזן אלס די פארלייקענער פון דער פּראָגרעסיוו טראדיציע, פון די פרייהייטס־טראדיציעס פון די יידישע פאָלקס־מאסן, פון זייער שטרעבן צו שלום צווישן די פעלקער.

און ווען ס'וועט קומען די צייט, ווען:

„...דין־וחשבון וועלן אָפּגעבן די, וועלכע צעשטערן די וועלט".

(י. ל. פּרץ).

— וועלן אויך זיי, די פארלייקענער פון י. ל. פּרצעס טראדיציע, מוזן אָפּגעבן דין־וחשבון, אלס די, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם גרויסן פראָנט פון די קעמפער פאר שלום אויף דער גאנצער וועלט, אלס די, וואָס האָבן געשטערט דעם קאמף פאר דער זיכערקייט, פאר דעם לעבן, פאר דעם וווּיל און גליק פון די יידישע פאָלקס־מאסן.

אויך אויף זיי וועט דאן פאלן דער שטרענגער אָבער גערעכטער אורטייל פון י. ל. פּרץ:

„אלץ, וואָס שטיקט,
הריקט,
לעבט פון רויב
און ווערט פארגעטערט, —
מוז ווערן צעשמעטערט
אויף שטויב, אויף שטויב!".

ביגעם העלער

י. ל. פרץ — אונדזער גרויסער וועג־ווייזער

מיר, די קליינע גרופע געבליבענע יידישע קולטור־טוער, מיר, וואָס וועלן ערשט לעבן אויף דער ערד, ווו עס ליגן אונדזערע טייערע וואָרצלען, זייטען די איינציק באַרופענע יורשים פון די שיינע קאָמפּאָזיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. פון דעם יידישן וואַרשע האָבן די דייטשן געלאָזן בלויז דעם בית־עולם. אפשר האָבן זיי געמיינט צו לאָזן אים, ווי אַ סימבאָל פון דעם פּוילישן יידנטום, וואָס איז טויט. אָבער אויף אָט דעם בית־עולם איז געבליבן דער אוהל־פּרץ, דער קבר פון אונדזער גרויסן לערער און באַגייסטערער.

פאַר דער נייער ווידער־געבוירענער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן איז יצחק לייבוש פּרץ דער עמוד־האש, קודם כל דערפאַר, ווייל י. ל. פּרץ איז געווען דער גרייסטער קעמפער קעגן שאָוויניזם און באַגרענעצטער זעלבסט־צופרידנקייט. פּרץ איז אויך שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג און נאָכמאַלפּערײַ. פּרץ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש קאָן נישט זיין פרייַ אויב ער איז נישט גאַנץ — אַלס ייד און אַלס מענטש. פּרץ האָט נישט געזען קיין קאָליזיע צווישן מענטש און ייד, ווי עס ווילן אונדז איינרעדן די פאַרשידענע פרייש־געבאַקענע „בעלי־תשובות". פּרץ האָט מיט זיין גאַנצן שאַפן געוואָלט אויפרייסן די טירן פונעם יידישן גייסטיקן געטאָ, ברענגען דאָס יידישע וואָרט צו דער וועלט און דעם אָטעם פון דער וועלט אין דער יידישער סביבה. ווי גענבעכדיק־קליין זענען אויס לגבי אים די אַלע, וואָס פּריידיקן איצט איזאָלאַציע פון די „גויים", די אַלע, וואָס ווילן ווידער אַריינפירן דעם ייד אין אַ גייסטיקן געטאָ! צו אָט די „וואָרט־פירער" זיינען געווענדעט פּרצעס פלאַמיקע ווערטער:

„אַ נאַכט — אַ מחיה! דאָס געכטל איז טייער!

גאָר היט אייך פֿאַר פֿייער! היט אייך פֿאַר פֿייער!".

אויפֿן חשבון פֿון אָט די שרײַבער, וואָס האָבן זיך אַליין געקרוינט אַלס „נביאים" האָט פּרץ איבערגעזעצט די פֿײַער־ווערטער פֿון אונדזער גרויסן נביא יחזקאל:

„גאָט זאָגט מיר אַזוי צו זאָגן:
די נביאים וויל איך קלאָגן,
די שקרנים, די כזבנים,
מיטן אומפֿאַרשעמטן פּנים און פֿאַרגלאָצטע אויגן".

י. ל. פּרץ איז געווען דער ריטער־לעכער קעמפֿער קעגן יעדער נשמה־קליינקייט. לאָמיר זיך לערנען פֿון אונדזער גרויסן פּרץ, אַז די ליטעראַטור דאַרף זײַן די, וואָס דערנערט די מענטשלעכע נשמה, לערנט גוטסקייט און פּרינציפּיעלע גערעכטיקייט. לאָמיר גיין אין זײַנע שפּורן און שאַפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס רײַסט אַראָפּ פֿונעם מענטש דעם גאַנצן אָנוווּקס פֿון דורות־דיקער שקלאַפֿערײַ מיט אַלע זײַנע באַגלייט־דערשײַנונגען, ווי חניפֿה, זעלבסטבאַרימערײַ, גאווה און ציניזם.

די ייִדישע קולטור־באַוועגונג אינעם פֿרײַען פּוילן דאַרף באַהערשן די גרויסע ירושה, וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזן י. ל. פּרץ. לאָמיר זיך לערנען בײַ פּרצן, אַז די ליטעראַטור טאָר ניט זײַן די מאַסע, ווי אַן אַנאָנימע, נאָר אין דער מאַסע דאַרף זי אויסשיילן די באַזונדערע מענטשן, מיט יעדנס פּײַן און פֿרייד און מיט זײַן געקעמפֿט צו אַ גאַנץ און שיין לעבן, די ליטעראַטור, וואָס זעט אינעם מענטש די פּערזענלעכקייט. אַזאַ ליטעראַטור קאָן געשאַפֿן ווערן נאָר דורך דעם שרײַבער, וואָס שטייט אויף דער געהעריקער אידעיִשער הייך.

דער קולטור־קאָנסומענט אינעם היינטיקן פּוילן איז דער אַרבעטער. דער ייִדישער אַרבעטער איז שטענדיק געווען דער עיקרדיקער אָפּנעמער פֿונעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט; דער הויפּט־צושויער פֿון ייִדישן טעאַטער. אויב מיר, ייִדישע אינטעליגענץ ווילן מיטגיין און אַפֿילו העלפֿן אָנפֿירן מיטן גרויסן מאַרש צום סאָציאַליזם, צו אַ וועלט פֿון אַרבעט און גערעכטיקייט, מוזן מיר קודם כל אַליין באַהערשט ווערן פֿון אָט יענער גרויסער שעפֿערישער פֿרייד, וואָס עס לעבט איצט איבער דאָס גאַנצע פֿאָלק. דעמאָלט וועלן אונדז ניט אָפּשרעקן קיין שום שווערוקייטן, דעמאָלט וועלן מיר קאָנען אַדורכמאַכן די אַלע חבלי־לידה פֿון דער נײַער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג.

די ביזאַנטיקע דערגרייכונגען פֿון אונדזערע אמתע, עכט־מאָראַלישע שרײַבער זאָגן עדות וועגן דעם, אַז מיר האָבן אַלע פֿאַרבאַדינ־

קומען צו ווערן די שרייבער פון פאָלק, אין בעסטן זין פונעם דאָזיקן וואָרט. דאָס וועט זיין די גאַראַנטיע, אַז מיר וועלן נישט פאַרוויִעט ווערן פון קיין שום ווינט, וואָס קומט פון דרויסן; דאָס וועט אונדז געבן די זיכערקייט, אַז די יידישע אינטעליגענץ וועט זיך נישט שלעפּן אין עק — נאָר ווי עס פּאַסט פאַר די יורשים פון דער פּראָגרעסיווער ייִדי־שער קולטור — אָנוועקפירן דעם יידישן פאָלקסמענטש צו שיינקייט און דערהויבנקייט, פאַרוואַנדלען זיין וואָך אין יום־טוב און באַגייסטערן אים אַזוי, אַז ער זאָל אין זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט זען זיין גרויסן טאַט — דאָס ענדערן די תקופה, דאָס איינפירן די גערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

משה שקליאַר

צו י. ל. פּרץ

דער אַלטער מאַרק איז מער נישטאָ שוין,
מען רופֿט נישט מער: אין שול אַריין!
און האָך — דאָס פֿאָלק, זיין ייִדיש לשון,
ווי דיין געזאַנג — וועט נישט פֿאַרגיין.

אַ, גרויסער פּרץ, דו האָסט געהערט
ווי באַנטשעס און זיין שוויגן — שרייט!
אַז נישט אין הימל, נאָר אויף דער ערד
צעררייסט דאָס פֿאָלק די פּאַליש־קייט...

פֿאַרשוווּנדן איז דער אַלטער מאַרק,
די וואַנט אויף חורבות שטייען שטום.
נאָר נישט אינצווישן באַרג און באַרג
שוועבט היינט דיין פֿרייער גייסט אַרום.

דיין גייסט שטייגט אויף אונדזער ערד
און אַרויסאַל פֿון קאַמף געהילט,
און ס'ווערט פֿון דיין געזאַנג גענערט
דאָס ליד, וואָס פֿירט צום גרויסן ציל.

אויב נישט נאָך העכער

פאַראַניען ווערטער, וועלכע דויערן דורך צייטן
און אַלע מאָל זיי מונטערן און וועקן,
מיט קיין שום אַנדער וואָרט דו וועסט זיי נישט פאַרבייטן —
אַזאַ געוועזן איז דיין זאָג —
אויב נישט נאָך העכער!

און היינט, ווען אונדזער טאָג איז שבת־יום־טובדיק באַפליגלט,
ווען ס׳קאָן אידישע הייליקייט אונדזער טראָט דערגרייכן,
עס איז דיין וואָרט אין האַרצן מיינעם טיף פאַרזיגלט
און הייסט כסדר מיך די טאַט מיט מעגלעכקייט פאַרגלייכן —
אויב נישט נאָך העכער

ווען כ׳זע, אַ מויער שטייגט אויף אויף רושטאָוואַניעס
און הייבט אַלץ העכער זיך דעם הימל צו דערלאַנגען,
ווען ס׳גייען אויף מיט ברייט די רחבותדיקע לאַנען
און ס׳טראָגן זיך צו וואָלקנס פרייִדיקע געזאַנגען,
איך הער אין זיי דיין שטים — אויב נישט נאָך העכער!

פאַראַניען ווערטער, וועלכע דויערן דורך צייטן,
נאָר דיין וואָרט וועט אַלע צייטן איבערלעבן
און ס׳וועלן עס די פעלקער די באַפרייטע,
ווי אַ פּאַראָל פאַר דורות איבערגעבן —
אויב נישט נאָך העכער

מ. מירסקי

י. ל. פרץ דער הומאַניסט און פּאַטריאָט פון פוילן

מענטש װעט נישט שטיין קעגן מענטש
און פאָלק נישט קעגן פאָלק

דאָס באַװײַזן זיך פון פּרצן אין דער ייִדישער ליטעראַטור פאַלט אויס אין ערך אין סוף פון די אַכציקער, אָנהייב ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דאָס איז דער יוניקער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער געזעלשאַפט, װען די „נאַראָדנישע" באַװעגונג מיט איר אוטאָפּישן סאָציאַליזם לעבט איבער איר פאַנאַנדערפאַל־פּראָצעס.

צוליב דער ראַשער אַנטװיקלונג פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, װעלכער קומט פאָר אין באַדינגונגען, װען דער קאַפּיטאַליזם אין װעלט־מאַסשטאַב האָט שוין פאַרענדיקט זיין ליבעראַל־פּראָגרעסיװע עפּאָכע און איז שוין אַרויפגעטרעטן אויף דער שװעל פון זיין אימפּעריאַליס־טישער סטאַדיע — האָט די סאָציאַלע און אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פּאָלאַריזאַציע אין דער רוסלענדישער געזעלשאַפט אָנגענומען שנעלע טעמפּן. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק צווישן דער אינטעליגענץ. די רוסלענדישע אינטעליגענץ, אַ געקומענע פון פאַרשיידענע פריערדיקע קלאַסן און שיכטן, פּאָלאַריזירט זיך. געװיסע באַדייטנדיקע טיילן װאַקסן אַריין אין דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, װערן שפּעטער אַפילו די פירער פון דער ליבעראַל־בורזשואַזער קאָדעטישער פּאַרטיי, אַנדערע טיילן גייען צום פּראָלעטאַריאַט, ברעכנענדיק מיט זיך פּאַראורטיילן פון נאַראָדנישן אוטאָפּישן סאָציאַליזם.

אין דער ייִדישער געזעלשאַפט קומט אייגנטלעך אויך פאָר דער דאָזיקער פּראָצעס אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, אין די ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע פאָרמען.

אין די ניינציקער יאָרן קומט פאָר דער ענדגילטיקער פאַנאַנדער־

פֿאַל פֿון דער השׂכּלה־באַוועגונג. די קליינבירגערלעכע ייִדישע משׂכּילישע אינטעליגענץ, וועלכע סימפּאַטיזירט אָדער איז אַקטיוו אין דער נאַראָד־ניקישער באַוועגונג, לעבט איבער אַ קריזיס.

זי פּאָלאַריזירט זיך. געוויסע טיילן פֿון איר גייען אַוועק אין לאַגער פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע, ווערן טרעגער פֿון דער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע פֿון ציוניזם צווישן די ייִדישע דעקלאַסירטע קליינבירגערלעכע מאַסן, אַנדערע טיילן באַהעפֿטן זיך מיט דער אויפֿקומענדיקער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט, מיט דער האָרעפּאַשנער ייִדישער פֿאָלקסמאַסע, וועלכע טרעט אויף אַקטיוו צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג, פֿאַר פּאָליטישער פֿרייהייט, פֿאַר דעמאָקראַטישע רעכט. די דאָזיקע געוועזענע משׂכּילישע אינטעליגענץ ברענגט מיט זיך, פֿאַרשטייט זיך, רעשטן פֿון זייער פֿאַרנעפּלטן אוטאָפּישן סאָציאַליזם, וועלכן זיי אידענטיפֿיצירן מיטן אידעאַל פֿון אַרבעטער־קלאַס.

שמאָל זיינען די ראַמען פֿון דעם דאָזיקן געלעגנהייטס־אַרטיקל, כּדי צו געבן אַ פֿול בילד פֿון דער קינסטלערישער און פּובליציסטישער טעטיקייט פֿון פּרצן אין ליכט פֿון אויבנגעזאָגטן. מיר וועלן בלויז אָנמערקן אויף אייניקע וועזנטלעכע מאָמענטן פֿון פּרצעס לעבן און שאַפֿן, וועלכע זיינען ענג פֿאַרבונדן מיטן דאָזיקן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן אויסגאַנגספּונקט.

איין מאָל באַהאָפֿטן מיט די ייִדישע האָרעפּאַשנע פֿאָלקסמאַסן, מיט זייערע נויטן און פֿאַרלאַנגען, מיט זייערע ליידן און שטרעבונגען, גייט פּרץ מיט זיי אויף זייער שווערן, דערנערפֿולן וועג, באַהעפֿט זיך פּרץ מיט די אידעען פֿון קאַמף פֿאַר פּאָליטישער פֿרייהייט, פֿאַר דעמאָקראַטישע רעכט, פֿאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג.

שאַרף קומט צום אויסדרוק די דאָזיקע פּאָזיציע פֿון פּרצן אין זיינע קינסטלערישע און פּובליציסטישע שאַפֿונגען פֿון די 90־ער יאָרן. זיי פֿאַרמאָגן אין זיך בולט צוויי עלעמענטן — די אַנטפּלעקונג פֿון דער נויט און פּיין און די ראָמאַנטיק פֿון סאָציאַלן יושר.

אויב ביי פּרצן איז דער סאָציאַליזם געווען נישט קיין דורכגעטראַכטער, אַ פֿאַרנעפּלטער, אַן אוטאָפּיש־נאַיווער, איז אָבער זיין קאַמף מיט דער פֿינצטערניש פֿון קלער, מיטן פֿעאָדאַל־אַלט־פֿרומקישן לעבנס־שטייגער, מיטן שלעכטס, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט, און מיט די טרעגער פֿון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע געווען אַ קאָנקרעטער און אויסגעשפּראָכענער. פּרץ דערשיינט אין יענעם פּעריאָד ווי אַ קריטישער רעאַליסט און סאָציאַלער ראָמאַנטיקער.

וועגן פּרצעס אידעיִש־קינסטלערישע אײַנשטעלונגען פֿון יענער צײַט דערציילט אונדז ה. ד. נאָמבערג אין זײַנע זכרונות אַט וואָס:

„איך האָב געטראָפֿן פּרצן אין אַ צײַט, ווען ער איז געווען באַ־דײַשט פֿון סאָציאַליסטישע אידעען, אמת, נישט גענוג קלאָרע און דורכגעטראַכטע. עס איז געווען באַלד נאָך די „יום־טוב־בלעטלעך״, אין אָנהייב פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער ייִדישער גאַס. אַרום פּרצן האָבן זיך גרופּירט עטלעכע יונגע סאָציאַליסטן. צו זיי האָט געהערט אויך דוד פּינסקי, וואָס האָט אין די „בלעטלעך״ פֿאַרטראָטן שוין אַ „שטאַנדפּונקט״, אַ סאָציאַליסטישן. דער „בונד״ האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט אָרגאַניזירט, פֿון די איבעריקע יונגע־לײַט זײַנען געווען אָנהענגער און מיטגלידער פֿון דער פּפּס און אויב איך האָב קיין טעות נישט, פֿון „פּראָלעטאַריאַט״, די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן (ייִדישע ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע פֿון ליטעראַטור און קריטיק, קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג קולטור־ליגע, קיעוו 1928, זײַט 244).

און ווײַטער לייענען מיר בײַ נאָמבערגן:

„אין די „בלעטלעך״ פֿאַרשווינדט דער אַלטער משכּילישער טאָן אינגאַנצן. דאָס איז נישט קיין אויסנווייניקסטע ענדערונג, אַ צופּאַסונג צו די אומשטענדן. פּרץ רײַסט אינעווייניק איבער מיט די אידעען פֿון די וואַרשעווער משכּילים. ער ווערט אינערלעך פֿאַר־פֿרעמדט פֿון דעם דור שרײַבער, צווישן וועלכע ער לעבט. ער שטייט אין דער שאַרפֿסטער אָפּאָזיציע צו דער גאַנצער העברעישער פּרע־סע און ליטעראַטור פֿון יענער צײַט.

אין דער צײַט, ווען איך האָב אים געטראָפֿן, איז נישטאָ געווען קיין שרײַבער, קיין שום ליטעראַרישע דערשײַנונג, אחוץ דעם צו י. ל. גאָרדאָן, וואָס פּרץ זאָל האָבן דערפֿאַר מער ווי עטלעכע קורצע ווערטער פֿון פֿולשטענדיקן ביטול״ (דאָרטן זײַט 245).

אמת, אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערט די סאָציאַלע ראָמאַנטיק נישט רעליעפֿער בײַ פּרצן, דעם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם האָט פּרץ קיינמאָל נישט דערקענט, אָבער דערפֿאַר ווערט זײַן שאַרף קעגן קאַפּיטאַ־ליזם, קעגן די אומרעכט לגבי די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן, זײַן שאַרף קעגן דעם ייִדישן קלער, ייִדישער גבֿיראָקראַטיע און איר נאַציאָנאַליס־טיש־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע נישט אָפּגעשטעמפּט אויף קיין האָר. דער־פֿאַר איז פּרץ געווען דער שטענדיקער באַגלייטער פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן אין זייער קאַמף קעגן די רעשטן פֿון פֿעאָדאַל־אַלטפֿרענקישן לע־

בנס־שטיגער, און זײער קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם. העריבער געהער פּרץ צו אונדזער פּראָגרעסיװער ירושה.

אװדאי איז דער אידעיש־קינסטלערישער װעג פון פּרצן נישט קײן גראָדע ליניע פאַרױס.

נישט דערבליקנדיק ביזן סוף אינעם אַרבעטער־קלאַס די מעכטיקע קאָלעקטיװע קראַפט, װאָס איז אומשטאַנד איבערצואַנדערשן די װירקלעכקײט, פילנדיק די מאַכטלאָזיקײט פון דער ייִדישער האָרעפּאַשנער מאַסע צוליב איר סאָציאַלער צעשטויבטקײט, גײט פּרץ טײלמאָל אַװעק פון דער װירקלעכקײט — זוכט פּרץ די שײנע, שטאַרקע גאַנצע געשטאַלטן אין דער ייִדישער פאַרגאַנגענהײט, אינעם פאָלקלאָר. ער שאַפט זײנע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אָבער אויך דאָרטן לעבט ער צװישן דער האָרעפּאַשנער מאַסע. זײנע אויסגעטראַכטע, שײנע געשטאַלטן געפינט ער צװישן די פּשוטע אַרבעטס־מענטשן, פּשוטע פאָלקס־מענטשן. זײן נעגאַטיװע באַציִונג צום ייִדישן קלער װערט אָבער נישט געענדערט, זײן פאַרלײקנדיקע באַציִונג צום קאַפּיטאַליזם װערט אויך נישט געענדערט. די ראָמאַנטיק פון דער צוקונפט װערט אַריבערגעטראָגן אויף דער פאַרגאַנגענהײט. עס איז אָבער נישט פאַראַן קײן אידעאַליזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהײט.

אפילו אין דער „גאָלדענער קײט", װוּ דער הױפּט־העלד איז דער רבי שלמה, װעמען פּרץ שענקט זײן סימפּאַטיע צוליב דער גאַנצקײט פון זײן כאַראַקטער, אפילו אין דער „גאָלדענער קײט" דערשײנט דאָך דער רבי שלמה אױפן פאָן פון דער דעגענעראַציע און אונטערגאַנג פון צדיקיזם, װאָס װערט אַזױ בולט געשילדערט אינעם דאָזיקן װערק. די אײנציקע פאָזיטיװקײט איז די אױסגעטראַכטע, די דעגענערירטע פּערסאָנאַזשן זײנען די װירקלעכע.

דער דאָזיקער אָנשטרענג אַרויסצוברענגען אַ גאַנצע פּערזענלעכקײט פון מיטלאַלטער קאָן אָבער נישט באַפרידיקן פּרצן, דעם קינסטלער און פּובליציסט, װאָס שטײט מיט בײדע פיס אין דער װירקלעכקײט און ראַנגלט זיך מיטן שלעכטס פון זײן צײט. און „בײנאַכט אױפן אַלטן מאַרק" קומט צו אַ דורכאױסיקן אױפרײס פון אַלץ און אַלעמען.

אװדאי איז דאָס דאָזיקע װערק אַן אױסדרוק אױך פון די ירידה־שטימונגען צװישן דער ייִדישער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ נאָכן דורכפאַל פון דער רעװאָלוציע פון 1905, אװדאי איז פּרץ אַװעק פון דעם רעאַליסטיש־ראָמאַנטישן סטיל אױף די װעגן פון דעקאַדענטישער סימבאָליק. „בײנאַכט אױפן אַלטן מאַרק" איז אָבער גלײכצײטיק אַ שאַרפע דעמאַסקירונג פון די פּאָליטישע, מאָראַלישע און ליטעראַרישע פאַרהעל־

טעניש אויף דער יידישער גאס פון יענער צייט. פון קלער און פון זיין פארגאנגענעם לעבנס־סדר איז שוין אפגערעדט. — ער חוזקט פון אים אפ, ער מאכט פון אים אויסצוהדרייען. דער בדחן פראוועט שטיק איבערן „הייליקן שווינדל פון זיין ליבן נאמענס גענזינדל".

אויפן קלויסטער און הער שול האט ער אויך באצייכענונג:

„אייער גאט — איז באנקראט".

אבער אויך די ווירקלעכקייט פון זיין צייט ווערט דורך פרץ אראנטערגעריסן.

פרץ לאכט אויס די נישטיקייט פון די אידעען פון סיימיסטן, ציוניסטן, בונדיסטן.

פרץ האט דערבליקט די קליינלעכקייט און נישטיקייט פון די יידישע פארטייאישע קרעמלעך, ער האט נישט געפונען אין זיי חאס הערהויבענע, האס פירנדיקע, דאס איבערגעשטאלטנדיקע. דערפון דער חוזק, הערפון דער שפאט. דערפון די אייגענע קרענקונג, פעסימיזם.

אוודאי האט פרץ נישט דערזען דאס גרויסע, דאס מעכטיקע, וואס האט געשטעקט אין פראלעטאריאט אלס צווישן־פעלקערלעכער כוח. פרץ האט אבער אפילו מיט זיין סימבאליק דעמאסקירט דאס סיסטעם פון קאפיטאליזם און אלע אידעאלאגישע, פאליטישע, מאראלישע און ליטערארישע דערשיינונגען, וועלכע זיינען מיט אים פארבונדן. פרץ האט געזען אין יידישן לעבן א סך טומל פון די יידישע פארטייען און גרופן, קיין הויכע ווערטן האט ער אבער נישט געזען.

האט ער זיך אפגעקערט פון זיי און זיי אויסגעחוזקט.

נישט אומזיסט האט פרץ געשריבן וועגן אט דעם יידישן פארטייאישן אינטעליגענט אויף אן אנדער ארט:

„טראגי־קאמיש איז דער יידישער, היימיש געבאקענער און אפרינדיקער אינטעליגענט, וואס ווייזט ראדיקאלע פויסטן דער גאנצער וועלט, מאכט באמבן פארן פויפסט מיט אלע קלויסטערס, שטריק פאר אלע שרים און מלכים, נאר אז סע קומט צו אים אליין, ווערט ער פארציטערט...

(„געדאנקען און אידעען", אלע ווערק, באנד 11, פארלאג „יידיש", ארגענטינע, זייט 252).

עס וואלט אבער געווען פאלש, ווען עמיצער וואלט מיינען, אז פרץ האט זיך אנטוישט אין די יידישע פאלקס־מאסן, אדער אין די אידעען פון פרייהייט און גערעכטיקייט. שוין נאכן אנשרייבן „ביינאכט אויפן אלטן מארק" ליענען מיר ביי פרץ:

„שלעכט אין דער קעגנווארט, די צוקונפט אבער געהער צו מיר! אין אירע נעפל זייען מײַנע אויגן באהעפט, פון דארט וועט זיך אויסטיילן די פרישע זון פון א נײַעם געררעכטן מארגן!

(„געדאנקען און אידעען", אלע ווערק, באנד 11, זייט 169).

דער דאזיקער גלויבן אין „גערעכטן מארגן" איז בײַ פרצן פארבונדן מיט זײַן גלויבן בכלל אין מענטש און מיטבירגער פון לאנד.

פרץ האט העריבער פארטרויען צום פוילישן ארבעטער. רעדנדיק וועגן באויקאט פון דער ענדעציע, שרײַבט פרץ:

„דער ארבעטער שטייט פון דער ווייטנס, דער ווירקלעכער פאטריאט פון לאנד פארברעכט די הענט. ער זעט די פערטע צעטיילונג פון פוילן. אבער די האבן אין איצטיקן מאמענט נאך קיין דעה נישט. מען הערט זיי נישט. מארגן וועלן זיי קומען צום ווארט".

(דארט, זייט 142).

פרצעס גלויבן אין פוילישן ארבעטער, ווי אינעם „ווירקלעכן פאטריאט פון לאנד", וואס וועט „מארגן קומען צום ווארט" איז דער יסוד פון זײַן קאמף פאר א בעסער און שענער לעבן אין פוילן, פאר א בעסער און שענער לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן. אין קעגנזאץ צו דער ציוניסטישער „גלות"-טעאריע, טרעט פרץ אקטיוו ארויס פאר א מעגלעך צווישן פעלקערלעך צוזאמענלעבן פון דער יידישער באפעלקערונג מיט דער פוילישער. ער שרײַבט:

„און נאכאמאל מוזן מיר דערקלערן דער פוילישער געזעלשאפט, דער יונג-פוילישער געזעלשאפט, וואס איז נישט קראנק אויף הערש-זוכט, וואס וויל נישט לעבן פון פויסט, נישט געניסן פון מאנאפאלן און פריווילעגיעס:

— עס איז דא — זאגן מיר איר — אין לאנד א פרייער פלאץ פאר אייך און פאר אונדז און גענוג ארבעט פאר אײַערע און אונדזערע הענט.

און ארבעטן ווילן מיר מיט אייך האנט-אין-האנט; און סאלידאר אין אלע לאקאלע עקאנאמיש-פאליטישע אינטערעסן"

(דארט, זייט 115).

צו זיינען דאס נישט קיין נביאישע רייד.

פרץ האט געגלויבט אין מענטש, פרץ האט געגלויבט אין די יידישע פאלקסמאסן, פרץ האט געגלויבט אין פוילישן ארבעטנדיקן פאלק. ער איז געווען דער פרייער גייסט, דער גרויסער הומאניסט.

אין מאל זיך פארבונדן מיט די יידישע פאלקסמאסן, האט ער זיי

טריי געדינט זיין גאַנץ לעבן מיט זיין קינסטלעריש און פובליציסטישן וואָרט, האָט געדינט מיט קאָנקרעטער טאָט.

פרץ האָט טיף געגלייבט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען
„מענטש וועט נישט שטיין קעגן מענטש און נישט פאָלק קעגן
פאָלק; קאַמף אויס דאָזיין וועט זיין צווישן מענטש און נאַטור".

י. ל. פּרץ אַלס פובליציסט און קעמפער

פרץ איז געווען נישט בלויז דיכטער. פרץ איז געווען פובליציסט, קעמפער. אויף אַלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין לעבן פון פוילן האָט ער רעאַגירט, צו אַלע גענומען שטעלונג. אַרונטערגעריסן דאָס אַלטע, דאָס פאַרשימלטע: שאַרף, ביסיק, מיט קראַפט, מיט טעמ־פּעראַמענט; געקעמפט פאַר נייעס, פאַר בעסערס, פאַר שענערס, הגם נישט שטענדיק געהאַט די קלאָרע פאָרשטעלונג ווי דאָס בעסערע און דאָס שענערע דאַרף אויסזען.

פרץ איז געווען דורכאויס דעמאָקראַט און ווייל ער איז געווען טע־טיק קעמפעריש, האָט אים זיין דורכאויסיקער דעמאָקראַטיזם סטיכיש צו־געפירט נאָענט צו דער סאָציאַליסטישער קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדענונג.

דערפון פּרצעס גרויסער הומאַניזם.

מיר ווילן זיך באַמיען אַרויסצוברענגען איניקע עיקרדיקע פּאָליטיש־סאָציאַלע איינשטעלונגען פון פּרצן צו די פּראָבלעמען פון זיין צייט. מיר ווילן זיי ווינציק וואָס קאָמענטירן, ווייל זייער אויסדריקלעכקייט רעדט פאַר זיך אַליין.

די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — איז דער אויפקום־פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם. פרץ האָט דערבליקט מיט זיין שאַרף אויג די צעשטערערישע אייגנשאַפטן פון אימפּעריאַליזם, באַזונדערס די אידעאָ־לאָגיע, וואָס האָט געזאָלט די דאָזיקע צעשטערערישע אייגנשאַפטן באַ־רעכטיקן, אָט וואָס פרץ האָט שוין דעמאָלט געשריבן וועגן מערב־איראָ־פּע:

„אין מערב־איראָפּע, צווישן שווערבאַוואָפנטע פעלקער, וואָס עטעמען קוים אונטער דער שטאָלענער לאַסט; אין מערב־איראָפּע,

ווו די פרעסע פון האס צווישן פעלקער, רעליגיאנען, ראסן און קלאסן רייסט און בייסט מיט ווילדן כעס דעם אייזערנעם נאמארד־ניק, ווו די רעגירונגען נוצן דעם אנטיסעמיטיזם אלס דונער־אפלייטער פאר די גאלדענע פאליען, ווו קינד און קייט ווארפט זיך אין ווייסטע חלומות פון דינאמיט... אין מערב־איראפע באמערקט זיך אצינד א נייע באוועגונג...".

(„אויפזאצן און פעליעטאנען" זייט 161).

און דא כאראקטעריזירט פרץ די „פילאזאפיע" פון ליפערטרספענ־צער, די אידעאלאגישע באגייער פון היטלעריסטישן און טרומאניסטישן אימפעריאליזם.

פרץ האט געשריבן:

„און אמתע נאקעטע וואלד־פילאזאפיע — אלץ ווענדט זיך אין דער פויסט. די וועלט איז א קניזש: ווער ס'איז שטארקער, בייסט פריער אריין; ווער ס'האט א ברייטער מויל און בעסערע ציין, רייסט אפ א גרעסער און בעסער שטיק...".

(הארטן ז. 163).

„אפשר שרעקט איך, וואס דער שטאף איז ברודיק פון ארער מען שווייס און רויט פון אומשולדיק בלוט? וואס מאכט עס אויס? פון דעם שטאף קומען דאך ארויס אזוינע שלאפרעק, פרעק און זיידענע קליידער פאר א צענטליק אויסדערוויילטע... אייביקע מל־חמה, אייביקע קאנקורענץ צווישן מענטשן, פעלקער און ראסן; און מענטשן, פעלקער און ראסן וועלן אזוי לאנג אראפפאלן ווי פוילע עפעלעך פון בוים, ביז עס בלייבן סאמע פעיקע מאנטשעסטער־פאב־ריקאנטן!

איר פרעגט, צי דאס איז מאראליש?

מאראליש? ענטפערט אייך די פילאזאפיע „איז דען דא מאראר ליטעט?".
(הארטן ז. 169).

פרץ זעט די צעשטערונגס־קראפט פון קאפיטאליזם, ער זעט די פאר־ברעכערישע פאליטיק פון די בורזשואזע פארטייען און רעגירונג. ער זעט, וויפל הוטס און מענטשליכע ענערגיע ווערן פארטאכליעוועט דורך די ווילדע צעשטערערישע כוחות. פרץ האט געזאגט, ארויסגעפילט די גרויסע פאטענציעלע כוחות, וועלכע ליגן אין דער נאטור, און וועלכע דער מענטש קאן אויסנוצן, כדי זיין לעבן צו מאכן בעסער און שענער. די גרויסע נאטור־פארענדערונגען, וועלכע צייכענען דעם אנקום פון קאמו־

ניזם און ראָטנפאַרבאַנד האָט פּרץ געזען אין זיין וויזיע פון די קומענ־דיקע דורות.

פּרץ האָט געשריבן.

„מיט דער צייט וועט דער מענטש אײַנזען, אַז די ערד קאָן דערנערן 10 מאָל אַזוי פיל מענטשן, ווי ס'איז דאָ אויף דער וועלט, אַז מיר דאַרפן אָנשטרענגען אונדזער אינטעליגענץ, נישט איטער זאָל דעם צווייטן אַרויסרייסן פון מויל, נאָר מער באַנוצן די נאַטור־קרעפטן, וואָס דינען אונדז נאָך אין אַ קלײנעם פּראָצענט. מען האָט געמיינט, אַז איינער וועט אַרויסנעמען די הענט פון צווייטנס טאַש, דער צווייטער וועט אויפהערן צו רייסן דעם ערשטנס נאָז, און זיי וועלן זיך ביידע נעמען צו די וואַסער־פאַלן, וואָס רוישן, הילכן און בײַזערן זיך, פאַרוואָס זיי פאַרלירן אַזויפיל קראַפט אומזיסט...". (דאָרטן, זייט 167).

פּרץ האָט קריטיקירט נישט בלויז די „פילאָזאָפיע", די „אידעאָלאָגיע" פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, ער האָט דערבליקט די קאָנקרעטע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם, און הגם דער קאַפּיטאַליזם האָט באַמיט זיך צו פּוצן אין ליבעראַלע פּעדערן, הגם דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטאַריזם איז דורך דעם פּאַרעטעריש סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם באַטראַכט געוואָרן ווי דער העכסטער אויסדריק פון פּאָליטישער הערשאַפט — האָט שוין פּרץ אַרויסגעריסן פון אים זיינע אַלע שווינדלערישע שלייערן און אים אַנטפּלעקט אין זיין העסלעכער עקספּלאָאַטאַרישער פאָלקס־פיינדלעכער געשטאַלט.

פּרץ האָט געשריבן:

„דער ליבעראַליזם איז דורך גאַנץ אייראָפּע ווי אַ זאַראַזע. פריי־הייט הייסט אַ רעכט צו מאַכן זיך מיט די עלנבויגן אַן אָרט ביים טיש; ווײַלן — הייסט קויפן שטימען פאַר געלט און בראָנפן; פּאַרלאַמענטן זיינען בערזן, ווו פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָ־ליטישע פּאַפּירן, ווו די דעפּוטירטע פּאַרקויפן איינער דעם צווייטן די געקויפטע שטימען מיט אַן אומגעהויערן ראַבאַט... די „פריִע פּרעסע", דער שטאָלץ פון נײַצנטן יאָרהונדערט איז אַ רינשטאָק פון בלאָטע און שאַנטאַזש..." (דאָרטן, זייט 172).

צי איז עס נישט ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר הײַנט אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע.

אָדער לאָמיר נעמען פּרצעס באַציונג צום קלער, צום יידישן קלער בפרט. פּרץ האָט פיינד געהאַט גאָטס סטראַפּטשעס בתכלית השנאה. ער

האט זי געזען אין זייער העסלעכער געשטאלט פון זיין צייט, פרץ האט זי געזען אין זייער דעגענערירטער אנטוויקלונג.

פרץ האט געשריבן:

„פרווט גיט אונדזערע רבנים די ממשלה אין די הענט אריין, וועט איר שוין זען, ווי אזוי די פאסטוכער פאשן די שאף! און אפילו היינט, אין היינטיקן דור, דא ביי אונדז, ווו דער רב האט נאר א פראווע אויף קדושין, מילה, און א שטריימל, האט זיך דאך געפונען א רבל, וואס האט אפגעמסרט זיין אייגן קהל מיט כלל ישראל צוזאמען: אן רב, קיטל און טלית שווערן אלע ידהעלעך פאלש, וואָרן... ווארן, אז דער רב קומט צו דער שבועה, כאפט ער א רובל פארן ווייג.

נעמט דאס אייגענע רבל און שיקט עס איבער קיין ירושלים, גיט אים די ממשלה איבער קהל דורך דער חלוקה. גיט אים א שטיקל חעה ביים טערק, וועט ער... אפילו שותפות מאכן מיטן טערק אין „עבודת הבורא". דער טערק וועט שלאגן מיטן באמבוס אין דער פאדעשווע אריין פון הינטן ארויף, דאס רבל וועט קלאפן במקל ורצועה, מיטן שופר און שולקלאפער אין קאפ אריין פון אויבן אראפ און אזויערנאך וועט זיך אמבעסטן דערהאלטן דאס „פינטעלע ייד" אינעם יידישן הארץ אין חער מיט".

(הארטן, זייט 32).

צי האט פרץ נישט אריבערגעקוקט אויף א גאנצן האלבן יארהונדערט פאָרויס! צי אין פרצעס ווערע זעען מיר נישט דעם יידישן קלער פון ישראל, מיט דעם אונטערשיד בלויז וואס אנשטאט דעם טערק דינט ער זיך אוים בשותפות מיט דער יידישער בורזשואזיע און מפא"י דעם אמער ריקאנער אימפעריאליזם, מיט דעם אונטערשיד בלויז, וואס די באמבוס־שטעקנס, מיט וועלכע מען שלאגט יידישע ארבעטנדיקע נישט בלויז פון הינטן ארויף, נאר איבער די קעפ, פון אויבן אראפ — געפינען זיך אין די הענט שוין נישט פון גוישע טערקן, נאר פון כשרע יידישע ציוניסטישע פאליציי־לייט!

פרץ האט געהאט א שארף אויג, געווען קאנקרעט אין דער אפשאצונג. ער האט זיך דעריבער נישט געלאזט פארפירן פון די „סאציאליסטישע" טעאריעס פון „בונד" און ציוניסטן־סאציאליסטן וועגן דער „דערלייזער־רישער" ראל פון דער קאאפעראציע אין קאפיטאליסטישע באדינגונגען. ער האט אין איר נישט געזען קיין שום שטאפל פון סאציאליזם, ווי דאס האבן געוואלט זען בונדאווצעס און כלערליי ציוניסטישע סאציאליסטן.

פארקערט, ער האט זי באטראכט און מיט רעכט ווי א קאפיטאליסטישע אונטערנעמונג. אט וואס ער האט וועגן איר געשריבן:

„מען רופט צוזאמען פופצן שניידער און מען מאכט א שותפות. נאר דער דאקטאר מיינט, אז אלע שניידער זאלן זיך בונדן צו פופצן, עס זאלן ווערן ארטעלן און פארגעסט, אז דערמאלט וועלן די ארטעלן צווישן זיך פונקט אזוי קאנקורירן ווי היינט די איינציקע שניידער. ס'וואלט דערפון אפשר געווען א טובה, נאר נישט דעם בעל־מלאכה". (ליטעראטור און לעבן" זייט 159).

ווי נעבעכדיק און אָרעם זעען אויס די פארשידענע „טעאָרעטיקער" פון „סאָציאַליסטישע" קבוצים אין קאפיטאליסטישע באדינגונגען היינט אין ליכט פון פרצעס ווייטזעעוודיקייט צוריק מיט פופציק יאָר.

אָדער לאָמיר נעמען די פרויען־פראגע.

פרץ האט געשילדערט די קנעכטישע לאגע פון דער פרוי אין דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאפט. ער האט זיך געשטעלט אומצווידייטיק אויף איר זייט און געפאָדערט גלייכבארעכטיקונג פאר איר. פרץ האט געזען די סיבות פון איר פארקנעכטונג.

ער האט געשריבן:

„דער קאָנסערוואטיזם קלערט נאָך אויס פארשידענע תירוצים און טעאָריעס. דאס ווייב איז באשאפן געוואָרן פון מאנס ריפ, איז פון דאנען געדרינגען, אז זי דארף קיין גאנצער מענטש נישט זיין! אז א פרוי האט בטבע מער געפיל אלס שכל, מער געשמאק אלס כוח וכדומה. מען מאכט זיך פארגעסן, אז דאס קומט ארויס פון דער טויזנטיאָריקער דערציונג, פון דער דומער דאמען־טראכט און נאָך און נאָך אנדערע זאכן" (דאָרטן זייט 167).

זייער כאראקטעריסטיש איז פרצעס באציונג צו די מעטאָדן פון ענדערן די קאפיטאליסטישע אָרדענונג. פרץ, וואס האט נישט איינמאָל אויסגעדרוקט זיין איינשטעלונג, אז די וועלט מוז געבויט ווערן לויט די פרינציפן פון קעגנזייטיקער אכטונג און ליבע, האט אָבער אויף א מינוט נישט אויפגעהערט צו פראפאגאנדירן דעם געדאנק פון דערציען האס צו די שונאים פון דער מענטשהייט. די ליבע צו מענטשן נעמט זיך פון דער שנאה צו די אונמענטשן. און דעם האס האט פרץ באטראכט אלס אויסדרוקס־געפיל פון גערעכטיקייט־פרינציפ.

„האס, וואס איר רופט האס און איז ווירקלעך נישט מער אלס גערעכטיקייט". („אויפזאצן און פעליעטאָנען" זייט 189).

פרץ איז דעריבער געקומען קאָנסעקווענט צום אויספיר, אז האס האט

דערמלט אַ זין, ווען ער באַקומט אַ קאָנקרעטן אויסדרוק. האָס דאַרף זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר. דעריבער האָט פּרץ זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס איז געבויט אויף געוואַלט מוז דורך געוואַלט אומגעוואָרפן ווערן.

„האָס פרעכע אינסטרומענט, וואָס האָט שלעכט אריינגעבלאָזן אין דער מענטשלעכער סימפּאָניע מוז פארשטומט ווערן... די האַרמאָניע, וואָס איז צעשטערט געוואָרן מיט געוואַלט, מוז צוריקגעשטעלט ווערן מיט געוואַלט" (האַרטן).

באַזונדערס האָט פּרץ דערבליקט די ברוטאַלע געוואַלט אין אַמעריקע. דערפון זיין טיפער האָס צום לאַנד פון דאָלאַר, ווו אַלץ ווערט געמאָסטן לויטן דאָלאַר.

„צי האָט איר געהערט פון לעצטן באַן־שטרייק אין אַמעריקע?

די אַרבעטער און דינער פון דער באַן האָבן געוואָלט אַ גרעסערן לוין, די באַלעבאַטים פון דער באַן האָבן נישט געוואָלט געבן, האָבן זיך די אַרבעטער מיישב געווען און אויפגעהערט צו אַרבעטן... דאָס הייסט אויף זייער לשון — אַ „שטרייק"... דאָס מחלוקת האָט לאַנג געדויערט, די אַרבעטער האָבן פאַר הונגער געמאַכט באַוועריעס, צעבראָכן וואַגאָנען, פאַרברענט סטאַציעס... די באַלעבאַטים האָבן געבעטן הילף ביים פּרעזידענט, מען האָט געשיקט סאָלדאַטן מיט ביקסן... מען האָט געשאָסן, עס איז בלוט פאַרגאָסן געוואָרן... נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט... אין אונדזערע צייטן הענגט דער ווערט פון אַ זאַך נישט אָפּ פונעם בלוט, וואָס זי האָט געקאָסט...

ביי אונדז טייען אַלע רעכענונגען, אַלע חשבונות אויף געלט! אויף געלט ווערט געשאַצט די אַרבעט, אויף געלט ווערן געשאַצט הענט און פיס, וואָס מען פאַרלירט ביי דער מאַשין און אפילו אַ גאַנצער לעבעדיקער מענטש, אויב ער ווערט אַמאָל צעקוועטשט צווישן אירע ציין... בפרט אין אַמעריקע, ווו מען שאַצט אויף געלט אפילו אַ קוש, וואָס אַ מיידל קריגט אַן איר גוטן ווילן..." (דאַרטן, זייט 284).

צי קאָן מען נאָך געבן אַ מער צעשמעטערנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישן „לעבנס־סטיל", ווי דאָס האָט געטאָן פּרץ.

עס איז נישט געווען קיין שום געביט פון סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן, ווו פּרץ זאָל נישט האָבן זיך ארויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך פאַר פּראָגרעס און קעגן רעאַקציע, ווו ער זאָל נישט האָבן דעמאַסקירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

פּרץ אַלס פּובליציסט איז דעריבער אין דער ערשטער ריי — דער אומברחמנותדיקער דעמאַסקירער.

און גלייכצייטיק דער גרויסער מענטשן־פריינד, דער וויזיאָנער פון דער שענערער צוקונפט, וואָס וועט אויסגעקעמפט ווערן דורכן פּראָלעטאַריאַט.

און אַפילו דאַן, ווען פּרץ האָט נישט גענוי באַנומען די ראָל פון אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט געצאָלט צינזן זיין אַפּשטאַמונגס־סביבה און האָט געבראַכט צום אויסדרוק ספיקות וועגן די אופנים פון וועלט־אויסלייזונג — האָט ער געשריבן:

„מיין האַרץ איז מיט אייך.

מיין אויג ווערט נישט זאַט פון אייער פלאַמענדיקער פאָן;
מיין אויער ווערט נישט מיד, הערנדיק אייער מעכטיק געזאַנג.

מיין האַרץ איז מיט אייך: זאַט דאַרף זיין דער מענטש און ליכטיק דאַרף אים זיין... און פריי מוז ער זיין און האָבן איבער זיך צו שאַפן, איבער זיך און איבער זיין אַרבעט". (דאָרטן, זייט 265).

דער נצחון פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד, די גרויסע דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין פּוילן און אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער זיינען די רעאַליזירטע טרוימען פון י. ל. פּרץ.

פּרצעס ירושה

די רעאַקציע באַמיט זיך צו אוזורפּירן אַ נאָמען פון אַ שרייבער, וואָס איז ליב און טייער דעם פאָלקס־מענטש, פאַר זיך, פאַר איר שוואַרצער פאָן, אויסהוילנדיק דערביי פון אים זיין קאַמפס־גייסט, זיין פּראָגרעסיוון אינהאַלט.

אַזוי האָט געטאָן די יידישע רעאַקציע מיט י. ל. פּרץ.

די עיקרדיקע פונקציע פון דער דאָזיקער צביעות באַשטייט אין מאַכן פאַרגעסן די פּראָגרעסיווע אידעען פון פּרצן, זיין קאַמף.

ס'איז דעריבער די אויפגאַבע פון דער מאַרקסיסטישער קריטיק לכבוד דעם גרויסן יובל — הונדערט יאָר זינט פּרץ איז געבוירן געוואָרן — אַרויסצוברענגען פּרצעס אידעען און איינשטעלונגען. דאָס וועט זיין די בעסטע פייערונג פון קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

פּרצעס ירושה איז זייער גרויס. מיר וועלן זיך דעריבער באַגרענעצן צו זיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור, קריטיק און טעאַטער.

פּרץ און סטאַגנאַציע זיינען אייביקע שונאים געווען. פּרץ האָט שטענ־

דיק געזוכט האָט נייע, געקעמפט פאַרן נייעם. ער האָט העריבער געהאַלטן, אַז דער דיכטער מוז זיין פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט, דער דיכטער דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס קאָנקרעטע לעבן.

פּרץ האָט געשריבן:

„די דיכטונג מוז זיין לעבן. מיר זוכן דעם דיכטער, מיר זוכן די שעפּפונג. און אויך זוכן מיר ביים דיכטער, נישט די פאַרגאַנגענהייט, באַשפּיגעלט אין גאָלד באַוועבט. מיר זוכן ביי אים דאָס נייע לעבן...״

(„דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער״, „ליטעראַטור און לעבן״ פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע 1926 זייט 11).

פּרץ איז געווען אַ שונא פון נאַטוראַליזם. ער האָט פאַרלאַנגט פון דיכטער אַריינצודרינגען מיט זיין דיכטעריש אויג אינעם מהות פון זאַכן און דערשיינונגען, ער האָט פאַרלאַנגט אידעישקייט פון דיכטער, ער האָט פאַרלאַנגט פון אים וועלט־אַנשויונג.

מיר לייענען ביי פּרצן:

„אָבער ווען וויל מען מיט אויג פון קינסטלער, און דאָס קינסטלערישע אויג זעט די ווירקלעכקייט, נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר פיל ווירקלעכער. וואָרום ער זעט איר אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציונג און אָפּהענגיקייט פון דער נשמה פון דער וועלט און מיט דעם וואָס טוט זיך הינטער די קוליסן פון דער וועלט און אָפּהענגיקייט פון קינסטלערישער וועלט־אַנשויונג״ („געדאַנקען איבער ליטעראַטור״, „אויפזאַצן און פעליעטאָנען״, 9־טער באַנד, זייט 302).

פּרץ האָט פאַרלאַנגט פּרינציפּיעלקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז קעגנזעצלעכע אידעען קאָנען נישט הויזן צוזאַמען, נאָר מוזן זיך קעגנזעצלעך באַקעמפן. פאַר דער דאָזיקער איינשטעלונג פּרצעס איז כאַראַקטעריסטיש אַן אינטערעסאַנטער פאַל. אין 1910 יאָר האָט געזאָלט אַרויסגיין אַ זאַמל־בוך „בוך און פייער״. פּרץ האָט נישט מסכים געווען מיטן כאַראַקטער פון בוך און געשטעלט באַדינגונגען, אונטער וועלכער ער וואָלט געקאָנט אַריין אין רעדאַקציע־קאָמיטעט.

„צו מיין ערשטוינען — שרייבט פּרץ — בין איך געוואויר געוואָרן, אַז סעגן מיין ווילן בין איך געוויילט געוואָרן (דורך וועמען)? אַלס מיטרעדאַקטאָר פון טויטגעבוירענעם רעדאַקציאָנס־קאָמיטעט פון „פייער־בוך״...

אינטערעסאַנט איז נאָך דאָס, וואָס דער קאָמיטעט באַשטייט פון מיטגלידער, מיט אַזוינע פאַרשידענע טיפּ־עסטעטישע פיזיאָנאָמיען,

אַז עס איז גאָר אוממעגלעך, ער זאָל פעיק זיין צו וואָס עס איז אַ געמיינזאַמער אַרבעט" („ליטעראַטור און לעבן" זייט 285 אונטערגעשטראָכן דורך אונדז).

ס'איז דעריבער אַזוי פאַרשטענדלעך פּרצעס קאַמף קעגן דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פון שרייבער, וועלכע האָבן געפּרוווט מאַכן פון ליטעראַטור אַ מסחר. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט פּרץ געמוסרט בערדיטשעווסקין, ווייל פּרץ האָט אויפגעפּאַסט די ליטערטור אַלס געזעלשאַפטלעכע שליחות, וועלכע דאַרף דינען דעם פאָלק. דער שרייבער איז נישט קיין פּריוואַט־מענטש; וועלכער טוט זיך זיין אַרבעט אָפּגעריסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט אויפרעגונג שרייבט דעריבער פּרץ:

„וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן? פּריוואַט לעבט אַ מענטש אין אַ מדבר. פּריוואַט לעבט אַ פרוש אין וואַלד, אפשר נאָך אַ פּאַרצייטיקער בטלן הינטערן בית־המדרש־אויוון. אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל נישט פּריוואַט. דער, וואָס טוט עפּעס — בפרט דער, וואָס שרייבט — לעבט געזעלשאַפטלעך, עפנטלעך, דער מוז זיין נוצלעך, אָדער שעדלעך..." (דאָרטן, זייט 60).

ווי הויך פּרץ האָט געשאַצט די געזעלשאַפטלעך־דערציערישע ראָל פון שרייבער!

שרייבן איז אַ וויכטיקע פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. פּרץ האָט אונטערגעריסן די דעקאַדענטישע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דער בירגערלעכער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט נישט געהאַלטן פון קונסט לשם קונסט. ער האָט די שרייבערישע טעטיקייט פון קינסטלער געשאַצט לויט דער קריטעריע פון נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון פאָלק. דערפון זיין פּרינציפּיעלקייט לגבי די נייע ליטעראַרישע דערשיינונגען פון אַלגעמיינעם און פון יידישן לעבן אין פּוילן.

אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג האָט פּרצעס מיינונג וועגן דער שעפערישער געזעלשאַפטלעכער ראָל פון דער ליטעראַרישער קריטיק. ווי צאַפּלדיק אַקטועל עס קלינגען פּרצעס ווערטער, געשריבן מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערטער צוריק:

„...עפנטלעך קריטיקירט דאַרף ווערן אַלץ און פריער פאַר אַלץ דער שרייבער: ווער עס רעדט צום פּובליקום, געהערט דעם פּובליקום! דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָפּציִען דעם טלית פון די, וואָס שטייען בײַם עמוד, בײַם שולחן

און ווייזן אים, ווער עס בעט פאר אים, ווער עס בלאָזט פאר אים שופר!

אמאָל פלעגט מען זאָגן: קריטיקירן דאַרף מען דאָס ווערק, נישט דעם אויטאָר. היינט — דעם אויטאָר, צוליב דעם ווערק! וייל דאָס פּרצוף־פּנים פון באַהאַלטענעם אויטאָר קריכט אַרויס אין זיין ווערק פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות! ווי ער זאָל זיך נישט פאַרשטעקן, וועמען און וואָס ער זאָל הייסן רעדן, וואָס ער זאָל נישט וועמען לייגן אין מויל אַריין — ער רעדט עס, זיין האַרץ זאָגט עס!" (חאַרטן).

ווי טיף פּרץ האָט באַנומען די גײַסטיק־מאָראַלישע און אַרטיסטיש־דערציערישע ראָל פון דער ליטעראַרישער קריטיק! מיר פילן דעם איינפלוס פון די קאָריפייען פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק, פון די רעוואָלוציאָנערע דע־מאָקראַטן, טשערנישעווסקי, האָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און אַנדערע. פּרץ חערשיינט דאָ ווי דער ווידזיאָנער, וואָס האָט אַריבערגעקוקט אין דער צוקונפט אויף דורות.

פּרץ איז דער גרויסער הומאַניסט.

פּרץ איז געווען אַ קאָמפּעריסטע פּערזענלעכקייט, פיינט געהאַט יעט־וועדן שימל סיי אין לעבן סיי אין דער ליטעראַטור.

פּרץ האָט יעטוועדע נייעס באַגריסט, געווען נאָוואַטאָריש, דעריבער איז ער געווען שטענדיק קאָנקרעט.

פּרץ האָט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם נישט געקענט, פּרץ איז אָבער געווען אַ סטיכישער דיאַלעקטיקער:

„אַלץ, וואָס געשעט — האָט ער געשריבן — געשעט אין רוים און צייט...

אויפן פּלאַץ איז דאָס געשעענע, דאָס שטאַנדהאַפטע, פעסטע, און דעריבער דאָס פאַרגליווערטע און געפרוירענע, דער היינט, וואָס דאַרף און מוז אונטערגיין...

די צייט איז פאַרענדערונג, זי בייט, אַנטוויקלט; זי איז דאָס אייביקע אויפשפּראָצן, אויפבליען, דער אייביקער מאָרגן..." (אויפ־זאָצן און פעליעטאָנען ז. 267).

פּרץ האָט נישט בלויז דעפינירט די ראָל און אויפגאַבע פון דער לי־טעראַטור־קריטיק. ער האָט זי אויך מייסטערהאַפט אָנגעווענדט, זיינע קור־צע קריטישע מיינונגען וועגן יידישע שרייבער זיינען דעריבער פון אַ הוי־כער וויסנשאַפטלעכער באַדייטונג.

אין מענדעלען האָט פּרץ תיכף דערבליקט נישט דעם ליבעראַלן משׂ־כיל, וואָס זאָרגט זיך וועגן בילדונג פאַרן המון־עם, נאָר דעם משׂכיל־דע־

מאַקראָט, וואָס רוקט אַרויס אויפֿן ערשטן אָרט דאָס עקאָנאָמישע פּראָבּלעם. ער שאַצט הויך מענדעלען דערפֿאַר, וואָס ער האָט דער ערשטער דערזען און געשילדערט די עקספּלאָטאַציע אין דער ייִדישער סביבה און די אויפֿקומענדיקע בורזשואַזע ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס האָט געזוכט צו מאַכן קאַריערע אויפֿן רוקן פֿון ייִדישן האָרעפּאַשניק.

אין זיבן געדרוקטע שורות זאָגט פּרץ דעם תּמצית וועגן מענדעלען:

„ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משׂכּילים און קולטור־טרעגער געזאָגט: „פֿון דעפּאָרם, דעוחט איר, פֿון השׂכּלה — דאָס פֿאָלק וויל ברויט" און דער ערשטער, וואָס האָט דערזען דעם קהלשן בעל־טובֿה אין זיין ווירקלעכן געשטאַלט און דעם אינטעליגענט פֿון זיין דור — בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער קליאַטשע" (ליטעראַטור און לעבן זייט 70).

אָדער די טרעפֿלעכע אָפּשאַצונג פֿון שלום־עליכמען, וועלכע פּרץ האָט געגעבן.

רעדנדיק וועגן שלום־עליכמען איז פּרץ געשטעלט געוואָרן פֿאַרן פּראָבּלעם פֿון הומאָר. ער האָט געמוזט געבן אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע וועגן קינסטלערישער און געזעלשאַפֿטלעכער באַדייטונג פֿון דער דאָזיקער פֿאָרם; און ער האָט געגעבן.

פּרץ האָט אין הומאָר דערזען די יעניקע קינסטלערישע פֿאָרם, וועלכע האָט די סאָציאַלע פֿונקציע פֿון אַנטפּלעקן דאָס פֿוילע, פֿאַרשימלטע און קראַנקע אין לעבן, כּדי דורך דער אַנטפּלעקונג ברענגען עס צום באַוווסטזיין פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון יענע פֿאַקטאָרן אין דער געזעלשאַפֿט, וועלכע זיינען אומשטאַנד דאָס פֿוילע, פֿאַרשימלטע און קראַנקע צו באַזייטיקן פֿון לעבן. פּרץ באַנעמט אַזוי אַרום הומאָר גאַנץ קאָנקרעט און קאָנסטרוקטיוו! אַנטפּלעקן דאָס פֿוילע, כּדי צו בויען געזונטס, נייעס, מנחם מענדל מוז פֿאַרשווינדן! — אַזוי האָט פּרץ פֿאַרשטאַנען דעם געזעלשאַפֿטלעכן רעזולטאַט פֿון שלום־עליכמס הומאָר.

פּרץ האָט געשריבן:

„דער אַפּלאַבער שפּילט זיין גרויסע סאָציאַלע ראָלע — ער איז דער שימל־אָפּקראַצער. נאָכן אָפּקראַצן דעם שימל זעט זיך אַרויס דאָס פֿוילע, דאָס קראַנקע — וועלן זיך שוין באַוויזן הענט צו באַזייטיקן, און דערנאָך הענט צו פֿאַרבויען.

און אָפּלאַכער איז שלום־עליכם.

לאַכט ער אויס דאָס גוטע? דאָס געזונטע? דאָס שטאַרקע אין אונדז? און ביי אונדז?

ער לאַכט אויס די לופטשליִנגענדיקע נעכטנדיקעס און תוהו ובוהו.

זיי ווערן דורך אים אָנטפּלעקט, אַנטפּלעקטע מוזן זיי גיין... אַוועקגיין...״ (דאָרטן זייט 33).

די האַזיקע שאַרפע שעפערישע קריטיק האָט פּרץ דערנענטערט צו דער סאָציאַליסטישער קריטיק.

טרעפלעך האָט פּרץ אָפּגעשאַצט אויך אַש.

שוין אין יאָר 1907 האָט פּרץ געזען אין אַש דעם נישט דורכשניטלעכן טאַלאַנט, אָבער ער האָט אין אים שוין דערבליקט דעם יונגן שרייבער, וועלכער איז פֿעיק דעם טאַלאַנט צו ברענגען אַלס קרבן אויפֿן מזבח פֿון גאָלדענעם קאַלב.

פּרץ האָט געשריבן:

„פֿון אַשס ליכטזייטן דאַרף מען הייַנט שוין נישט ריידן... עס איז שוין צייט דעריבער פֿון אַשס פֿעלערן צו ריידן. וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער דער שאָטן, און וואָס טאַלאַנטפֿולער דער דיכטער — אַלץ שעדלעכער, — וואָרום צו אַלעם ערשטן — אַנשטעקנדיקער זיין פֿעלער... און נישט קיין גרינגע זיינען אַשס פֿעלערן. סצענישע עפֿעקטן און אַ חנדל צו יענעם צד, איבער דער יידישער גרענעץ אַריבער״ (דאָרטן, זייט 97).

ווי מיר זען האָט פּרץ אין זיין קריטיק איבער אַש באַרירט אַן אַלגעמיין קונסט־פּראָבלעם, נעמלעך דאָס פּראָבלעם פֿון נוצלעכקייט און שעדלעכקייט פֿון קונסט. פּרץ האָט דערמיט אַרונטערגעריסן די אומבאַרירלעכקייט פֿון דער קונסט, וועלכע איז געפּרעדיקט געוואָרן דורך פֿאַרשידענע דעקאַדענטן. גראָד ווייל פּרץ האָט הויך געשאַצט די באַדייטונג, דעם באַווירקונגס־כאַראַקטער, אַנשטעקנדיקייט (אין זין פֿון אידעישער אַנגעוועטיקטקייט) פֿון דער קונסט — האָט ער אויך אין איר געזען די מעגלעכקייט פֿון שעדלעכער ווירקונג און איז קעגן דער שעדלעכקייט אַרויסגעטראָטן.

פּרץ האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פֿון עפֿנטלעכער קריטיק פֿון אַשן גראָד אין פּעריאָד פֿון אַשס גרויסע דערפֿאָלגן.

אויך גאָרדינען האָט פּרץ אָפּגעשאַצט פֿון זיין קריטיש־געזעלשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט.

„גאָרדין — האָט געשריבן פּרץ — שטייט אויף דער גרענעץ צווישן „שונד״ און קונסט: נענטער צו קונסט, אָבער אינגאַנצן פֿון מעלאָדראַמאַטישע סצענעס קאָן ער נישט אָפּלאָזן. פּרץ וואַרפֿט פֿאָר גאָרדינען, אַז ער איז אַן „אַמעריקאַנער טעאַטער־שטיק־מאַכער״.

פּרץ האָט דערמיט אויפֿגעכאַפּט די דעמאָראַליזירנדיקע און צעלייגע־

רישע ווירקונג, וואס אמעריקע האט שוין דעמלט געהאט אויפן יידישן טעאטער און יידישער ליטעראטור. שוין דעמלט האט פרץ דערזען דעם אנהייב פון דעם אלץ, וואס איז היינט אויסגעוואקסן צו ליטעראַרישן וואנדאליזם און גענגסטעריזם.

דער אמעריקאנער וואנדאליזם און גענגסטעריזם באדראט דעם שלום אויף דער וועלט, די סאציאליסטישע בווונג און די באפרייטע פון קאפיטאליזם לענדער, ער באדראט די מענטשלעכע קולטור בכלל.

אין קאמף קעגן דער אמעריקאנער צעשטערונגס־פלענער מאביליזירט הײַנט לאגער פון שלום, דעמאקראטיע און סאציאליזם אויך אלע מאראלישע קרעפטן פון היינטיקער צייט און פון דער פארגאנגענהייט.

די קאמפס־ירושה, וועלכע פרץ האט אונדז איבערגעלאזט נעמען מיר אריין אין ארסענאל פון די כלי־זיין, מיט וועלכע מיר פירן אונדזער קאמף קעגן די צעשטערונגס־פלענער פון אמעריקאנער אימפעריאליזם און זיינע יידישע משרתים, ווו זיי זאלן זיך נאר ניט געפונען.

משה זאלצמאן

צו י. ל. פרץ

וויפל מאל דו ווייזט זיך מיר אין חלום —
שטרעק איך דיר אנטקעגן מיינע הענט,
כ'היפער איבער גאנצע בערג מיט חורבות,
פאר דיין גרויסקייט בלייב איך שטיין פארשעמט.

גערן כ'וואלט די פרייד מיט דיר איצט טיילן —
אירע קערנער האסט אין אונדז פארזייט;
שווער איז אבער אלצדינג צו דערציילן,
ווייל אוועק מיר זיינען שוין צו ווייט.

ס'איז די נויט אויף שטענדיק שוין פארשוואונדן;
אונדזער ברויט? — ווי זיס איז אונדזער ברויט!
און אין קאמף — מיר היילן אויך די וואונדן,
און אין קאמף — עס שרעקט אונדז נישט דער טויט.

ס'וואלט דיין באנציען ביי אונדז גארנישט פעלן,
היינט וואלט ער געווען שטענדיק זאט.
נאר געמיטן האט אים נישט דער גורל —
אומגעברענגט, פארברענט האט אים דער קאט.

דײַן ניגון

לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט האָט דײַן ניגון,
ווי אַן אָנזאָג פֿון אַ גרויסער צײַט;
ערשט די לעצטע שטורעמדיקע זינגען —
האָבן פֿונעם קלעם אויך אים באַפֿרײַט.

קלינגט ער איצטער בײַ אונדז פֿרײַ און מונטער,
יעדער זינגט אים ווי אַן אייגן ליד.
מיטן פֿלאַם פֿון ליבשאַפֿט דײַנער צינדט ער
פֿרייִדיק אָן דאָס האַרץ פֿון יעדן ייִד.

ס'איז דײַן ניגון, פּרץ, אַ דערמאָנונג,
אַז דײַן ליד — אין מײַנעם זינגט און שטרײַט,
רופֿט צו קעמפֿן קעגן אַלע שׂונאים,
וואָס די וועלט אַנטצינדן זײַנען גרייט.

וויפֿל מאָל איך זע דיך אין מײַן חלום, —
טיפֿער כ'בייג מײַן קאָפּ צו דײַנע טריט;
און אין קאַמף פֿאַר פֿעסטיקן דעם שלום,
ווי אַ פֿאָן — איך טראָג דײַן אָנדענק מיט.

* * *

אנדערש זע איך דיך היינט,
ווארשע,
מיט פולע אויגן וווּנדער,
פון חידוש ברייט און אָפן,
ווי ברייט און אָפן
ס'זענען דיינע נייע גאסן.

אַמאָל, פלעג איך דיינע גאסן
דורכלויפן — אַ פרעמדער,
ווי אַ הונט,
וואָס לויפט דורך אַ פרעמד פעלד.

געטריבן פון הונגער, קעלט,
פון בייזע בליקן,
וואָס האָבן געבריט:
„אַ ייִד! אַ ייִד!" —

היינט פאַרדייסן רושטאָוואַניעס
זייערע קעפּ
צו די וואָלקנס;
די הייב־מאַשינען
שטרעקן זייערע שלום־אָרעמס
צום בלויען רוים, —

וואַקסן די הייזער־בלאָקן
און איך — מיט זיי.
איך וואַקס, ווער יונגער,
און גרינגער
טראָגן מיך מיינע טריט,
און קיינער טייט נישט אויף מיר
מיטן פינגער
„אַ ייִד! אַ ייִד!" — —

* * *

דיינע פּאַרקן און סקווערן,
ווארשע,
זענען ווי דער הימל מיט שטערן —
מיט קינדער פול.

נאָר דיינע פולע פוכקע קינדער
לייכטן,
ווי זונען־העזעלעך אויף רעדלעך.

אין די אָונטן
פילן זיך אָן דיינע סקווערן
און פּלעצער
מיט אַרבעטער, מיט יוגנט.
פון דעם צעזוניקטן פּנים
פון דיין יוגנט,
איז פאַרשוווּנדן איעדער פאַרשטעלטקייט.

די העלע שיין
פון דיינע אָונט־לאָמפּן,
וואָס הענגען
ווי צייטיק־שווערע טרויבן,
ווישט אָפּ
איעדע פאַרבאָרגנקייט פון דיין פּנים,
מאַכט מילדער
די דראָענדיקע רייד פון דיינע חורבות,
דעם ווייטיק אין מיין האַרץ
און לעשט
דעם טרויער אין מיינע אויגן.

זע איך זי, איצינד,
דיין יוגנט,
א קלאָרע, אַן אָפענע,
ווי דער טאָג.
איז מיר יעדער אַרבעטער —
א ברודער
און די יוגנט — לעבעדיקע לידער.

איז מיין חלום מער נישט קראַנק
מיט ברויט,
מיט פליש,
און מיטן „טעלערל פון הימל",
און דאָס קישן אויף מיין בעט
ברענט נישט מיטן פיבער
פון „אחרית הימים".

דער טעלער אויף מיין טיש —
איז פול מיט זעט,
און דער הימל —
האָבן מיר סיי ווי
צוגעבויגן צו אונדזערע קעפּ
מיט ווינדעס
און באַוועגלעכע טרעפּ.

גיי איך אַרום
אין דיין וווּנדער־לאַנד,
וואַרשע,
און זוך ביי דיינע קינדער
די פּלינל
פון פּרצעס „משיחס צייטן".

אָקטאָבער 1951

שלמה לאַסטיק

די פּרץ־טראַדיציע

אין אונדזער תקופה פון בויענדיקן סאָציאַליזם, ווען דער ארבעטער־קלאַס בראש מיט דער מאַרקס־לעניניסטישער פּאַרטיי שאַפט די נייע סאָציאַליסטישע קולטור, איז ביז גאָר שטאַרק געשטיגן סיי די חשיבות און סיי די אחריות פון קינסטלערישן וואָרט. געשטיגן סיי צוליב דעם, וואָס די ליטעראַטור איז געוואָרן, פון אַ פאַרווייַלונגס־שטאָף פאַר אַ הייפל זיך לאַנגווייַלנדיקע „אינטעליגענטן" און מפונקים, אַ מאַסנגעברויך־אַרטיקל און ווייַל דער מאַרקסיזם־לעניניזם טראַקטירט די ליטעראַטור, ווי אַ פּסיכאָ־אידעישן פאַקטאָר פון גרויסן באַדייַט. די ליטעראַטור דאַרף העלפן באַזייניקן און באַגייסטערן פאַר דאָס נייע, שיינע, דערהויבענע, דאַרף פּלאַסטיש ווייַזן די איבערגעשטאַלטנדיקע וואָר און די מענטשן פון דער נייער וואָר, ווי אַזוי אין פּראָצעס פון אַרבעט, ווערט איבערפאָרמירט די פּסיכיק, ווערט געשאַפן דער נייער מענטש פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַ באַזונדערס וויכטיק אָרט ווערט געשענקט דעם פּראָבלעם פון איבערנעמען די בעסטע און שענסטע טראַדיציעס פון דער קלאַסישער ירושה, וועלכע קאָנען בייהילפיק זיין ביים פאָרמירן דעם באַוווסטזיין און דאָס געפיל פון נייעם מענטש, קאָן בייהילפיק זיין דעם שרייבער אין אויסגעפינען די סאַמע פּאַסיקע, אַדעקוואַטע מיטלען אויף אַרויסצוברענגען דעם העלד פון אונדזער צייט — דעם אַרבעטס־מענטש, דעם ראַציאָנאַליזאַטאָר און דערפינדער, דעם מענטש פון סאָציאַליסטישן פאַרמעסט.

ווען מיר קומען צו צו דער קלאַסישער ירושה, טרעפן מיר זיך אָבער אָן מיט דער נייטיקייט צו רעווידירן די אַלטע פאָרשטעלונגען וועגן באַטרעפנדיקן שרייבער, צי קלאַסיקער. ווייַל עפּעס אַנדערש האָט אין דעם

שרייבער געזוכט די בורזשואזע קריטיק, עפעס אנדערש זוכן, און געפינען מיר. ווייל סתם שבחים, צי בראנזשירונג איז פרעמד דער וויסנשאפטלעכער קריטיק און די בורזשואזע קריטיק האט אנדערש נישט געקאנט און נישט געטארט צוגיין...

אין משך פון דער קורצער צייט פון דער קולטור-רעוואָלוציע ביי אונדז אין לאנד האבן מיר שוין צו פארצייכענען די נייע קאנטורן פון מיצקעוויטש און סלאָוואצקין, פון אָזשעזשקאָוו און זשעראָמסקין א. א. וו., וועלכע דערשיינען פאר אונדז אין זייער אייגנטלעכער גרייס. אט די רעווידיר-ארבעט איז גלענצנדיק אדורכגעפירט געוואָרן דורך דער הויג-וויזערישער סאָוויעטישער מארקסיסטישער קריטיק, פאר וועלכער עס האט געלויכטן אלס גרויסער מוסטער לענינס גענייאלער אנאליז פון טאָלסטאָיס שאפן. זיי, די „קאדיאנע" קריטיקער האבן טאָלסטאָיס באדייטונג געזען אין „נאציאנאלן געוויסן", ארויסגעהויבן זיין „פילאָזאָפיע" פון „נישט אנטקעגנשטעלן זיך דעם בייז", לענין האט אין טאָלסטאָיס שאפן ארויסגעהויבן באנאנד מיט זיין מייסטערישקייט קודם-כל דאס, וואס ער האט אפגעשפיגלט די רעוואָלוציע פון נאך דער אגרארי-רעפאָרם.

עס איז קלאר, אז ביי א ליטעראטור, וואס האט נישט געהאט אזעלכע געניאלע, פראגרעסיווע קריטיקער ווי בעלינסקי, דאבראליובאָוו, טשערנישעווסקי, שטייט דאס פראבלעם נאך שארפער, און אין אונדזער אפשאצונג פון דער יידישער קלאסיק איז קודם-כל נייטיק ארויסצונעמען דעם בראנדז פון דער בירגערלעכער קריטיק. באזונדערס איז עס וויכטיק צו טאָן — לגבי יצחק לייבוש פרצן.

עס איז וויכטיק קלאר צו דעפינירן פרצעס באדייטונג, פרצעס אידעישן מהות, זיך קלאר מאכן פון וואנען נעמט זיך די דערשיינונג, וואס מענטשן הימל-וויטע פון די פרצישע דערהויבן-הומאניסטישע אידעען, פון זיין אינטימער פארבונדנקייט מיט אלדאס פראגרעסיווע, מענטש-באפרייערישע, קאנען זיך האלטן אלס וויטער-שפינער פון דער פרץ-טראדיציע, עס איז וויכטיק גענוי צו פארמולירן דאס אייגנטלעך פרצישע, דאס ווערטיקע און פראגרעסיווע, וואס זיין שאפן, ווי זיין לעבנסגאנג פארמאגט. פאר די יידישע שרייבער אין פוילן, פאר די, וואס האבן זיך אקטיוו געשטעלט ביי דער בויונג פון דער נייער סאציאליסטישער וואר ביי אונדז אין לאנד נעמט נאך די אויפגאבע אן א באזונדערע אקטואליטעט צוליב דעם, וואס פרץ איז דער פוילישסטער נישט נאר לויט

זיין אָפּשטאַם, נאָר לויט זיין פּראָבלעמאַטיק און קולטור־מהות, ייִדישער שרייבער.

איך דערמאָן זיך נישט קיין באַזונדערע אַרבעט, וואָס זאָל געניי באַגרינדן, פאַרוואָס די אָדער יענע בורזשואַזע שיטה אין דער ייִדישער ליטעראַטור האַלט, אַז זי גייט אין די פוסטריט פון פּרצן, אַז זי שמידט ווייטער די „גאָלדענע קייט” פון דער פּרץ־טראַדיציע. בדרך־כלל טרעפן מיר דאָס דעקלאַרירן זיך אַלס פּרץ־אָנהענגער און געלעגנהייט־אַרטיקלען (און אין אַזעלכע האַלטן די „פרייע גייסטער” זייערע בכלל נישט נייטיק קיין באַווייזן...), אָדער אין די לאַפּידאַרע פאָרמולירונגען ווי ביי דעם אַמעריקאַנער קריטיקער י. י. טרונק.

רעדנדיק וועגן דער באַדייטונג פון יצחק ליבוש פּרץ זאָגט טרונק:

„פּרץ האָט די ייִדישע ווירקלעכקייט אויפגעהויבן איבער אַלע הימלען און אין דער דאָזיקער דערהויבונג אויך דערהויבן די ייִדישע שפּראַך פון איר שפלות און אין איר, אין ייִדיש, אויפגעדעקט אַלע וווּנדערלעכע שיינקייטן און איידלקייטן פון דער ייִדישער עקזיסטענץ”.

און ווייטער:

„אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” האָט פּרץ געשילדערט דעם ייִדישן וועלט־שבת אין דער אָרעמער און באַדנלאָזער ייִדישער ווירקלעכקייט... זיין פּראָזע פאַרמאָגט אַלע חנען און ליטזעליקייטן פון די וווּנדערלעכע און איידעלע מענטשלעכע טיפקייטן, וואָס פּרץ האָט אויסגעפונען אין דער ייִדישער ווירקלעכקייט”.

און דער אויספיר:

„צוגלייך מיט דער גאָלדענער קייט פון דער ייִדישער עקזיסטענץ האָט פּרץ אויסגעשמידט די גאָלדענע קייט פון דער ייִדישער שפּראַך” (י. י. טרונק „די ייִדישע פּראָזע אין פּוילן”).

אַ וואָסער פּרץ דערזעען מיר פון אַזאַ כאַראַקטעריסטיק? אַ מאָנאָליטן, גאַנצן, כלל־ישראלדיקן פּרץ, וואָס האָט „פאַרהערלעכט די ייִדישע ווירקלעכקייט”, „די אויפגעהויבן איבער אַלע הימלען”, „אויפגעדעקט אַלע וווּנדערלעכע שיינקייטן פון דער ייִדישער עקזיסטענץ”, געשילדערט דעם „וועלט־שבת” אין דער אָרעמער און באַדנלאָזער ייִדישער ווירקלעכקייט” און אַרויסגעבראַכט די „דערהייבנקייט פון דער ייִדישער שפּראַך”...

ער איז, דוכט מיר, איבעריק צו זאָגן, אַז ווען פּרצס ראָל זאָל זיך ווירקלעך געווען באַגרענעצן מיט אַפּאָלאָגעטיק און עסטעטיק, וואָלט ער קיין קלאַסיקער נישט זיין.

איבעריקנס, איז גענוג דעם סאַמע אויבנאויפיקסטן בליק וואַרפן אויף זיין שרייבערישע ירושה, אויף זיינע ערשטע ליטעראַרישע פרוון אין דער פוילישער שפּראַך, אויף די משכילישע לידער פון זיין יוגנט־פּעריאָד, ווו ער טרעט אַרויס קעגן די „זאַמאָשטשער פּאַראַנדקעס", ביז זיין ערשטער פּובליקירטער פּאָעמע „מאָניש", ביז זיינע לעצטע דראַמאַטישע שאַפונגען, וואָס איניקע פון זיי טעפּיכן זיך אונטער דער השפּעה פון מלאָדאָפּאָלסקישן סימבאָליזם און פאַרמאָגן טענער פון דעקאַדאַנס, בכדי זיך איבערצוצייגן, אַז קיין איינע פון די צוגעשריבענע דורך די בורזשואַזע פאַרהערלעכער איינגעשאַפּטן פאַרמאָגט פּרצעס שאַפן נישט.

פּרץ איז פאַרהעלטנישמעסיק שפּעט אַריין אין דער ליטעראַטור. די ערשטע גרעסערע זאַך, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק" איז די פּאָעמע „מאָניש" (1888), ס'הייסט ווען ער איז אַלט געווען 37 יאָר (געבוירן געוואָרן אין 1851). ביז דער צייט געשריבן פוילישע לידער, נאָכהער העברעישע און יידישע, זעלטן זיך געדרוקט. אַנדערש געזאָגט: דורכגעמאַכט אַ לאַנגע ריפּעטיציע. אָבער שוין אין די לידער, וואָס ער פאַרעפנטלעכט ביז זיין אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור זעען מיר זיין באַוווסטקייט דורך דער יידישער אויפקלערונג (השכלה). און אַזוי אין זיין ערשטן געדרוקטן העברעישן ליד פון 1875 „השותפות" טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דעם צדיקישן פאַנאַטיזם און צביעקישקייט, און ווי ס'איז זיין באַציִונג צו דעם קלעריקאַליזירטן לעבן איז קלאָר צו זען פון אַזאַ פאַרגלייך אין זיין ליד: „פינצטער ווי אין אָרון־קודש"...

פּרץ, וואָלט אפשר געווען אַזאַ ווי עס ווינטשט זיך אים צו זען די יידישע בורזשואַזע קריטיק, אָבער שוין פון בית־המדרש־באַנק, פון די יונגסטע יאָרן פּייניקט אים דער אומרו, די גאַרונג צו פאַרענטפערן די פראַגעס פון לעבן און טויט, פון גערעכטיקייט און אומרעכט, פון פאַרברעכן און שטראָף. ער זוכט די פאַרענטפערונג אין די פאַרשיידענע תלמודישע און מיסטישע ספרים, און ווען ער געפינט נישט קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער ווענדט ער זיך אין דער שטיל צו דער לעקטור אין אַנדערע שפּראַכן, וועלכע ער דערלערנט אויף אַן אויטאָדידאַקטישן אופן. ס'איז די צייט, ווען פּרץ קאָן בעסער פּויליש ווי יידיש, ווען ער געפינט זיך אין ענגן קאָנטאַקט מיט באַטייליקטע אין יאַנואַר־אויפשטאַנד, ווען דאָס פּראָבלעם פון פּוילנס באַפרייונג, פון קאַמף קעגן דער צאַרישער

אונטערהדריקונג פארנעמט ביי אים א חשוב אָרט, און ווען אלע פרווון פון דער משפחה פון אים צו מאכן א ליט, ס'הייסט אן אונטערנעמער אָדער סוחר, געלינגען נישט — און פרץ ווערט אויף א שטיקל צייט א פריוואט־אדוואקאט.

ווי ווייט פרץ איז דאן ווייט געווען פון דער יידישער ליטעראטור אילוסטרירט פאלגנדיקער קוריאָז: ער האט דערהויסנדיק זיך וועגן שלום־עליכמען געשריבן א בריוו פארביטנדיק אים מיט מענדעלען. אנדערש געזאָגט, ער האט שלום־עליכמען נישט געליענט און מענדעלען האט ער געקענט לויט קלעמענס יונאַשאס פוילישע איבערזעצונגען פון „מסעות בנימין השלישי" (ביי יונאַשאן: „ווישדאַווסקי דאָן קיכאָט") און די „קליאטשע" („קליאטש").

פאראינטערעסירן זיך מיט דעם יידישן פאָלקלאָר, מיטן יידישן פאָלקס־לעבן קומט אים אויס ערשט דאן, ווען ער פאלט אריין אין דער סביבה, וואָס האט זיך גרופירט ארום יאן קארלאָוויטשעס „וויסלא".[1] און דאן צום סוף פון די אכציקער יאָרן קומט פרץ אריין אין דער יידישער ליטעראטור ווי א רייפער קינסטלער מיט א זאפטיקן, אריגינעלן סטיל, מיט א קלאָר פרעציזירטער שטעלונג צו יידיש, ווי צו א פאָלקס־שפראך, און צו די אויפגאבן פון דער ליטעראטור. ער שרייבט דאן אין זיין בריוו צו שלום־עליכמען:

„איך קוק נישט אויפן „חשאַרגאָן" ווי אויף א כלי שני און נישט ווי אויף א פארמיטלונג, וואָס גייט אריבער. איך וויל, עס זאָל וועקן א שפראך, און דעריבער דארפן מיר פארברייטערן און פאר־מערן אירע אוצרות און צוגעבן יעדע רגע אלע נייע אויסדרוקן, אז דער שרייבער זאָל נישט זאָגן: מיר איז ענג דאס אָרט...".

„...און דאס איז דאך דער צוועק פון דעם ליד — נישט אויס־צודריקן דורך מליצות דאס באַקאַנטע, נאָר אויפצודעקן נייע הימ־לען, צו שאפן פארן פאָלק נייע באגריפן, אריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אלטע און פארעלטערטע". (אונטערגעשטראכן — ש. ל.).

אזוי איז געווען די שטעלונג פון פרצן גלייך בעת זיין אריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראטור און דעם פאסטולאט איז ער געטריי געווען

---

[1]) עס דארף דאָ באמערקט ווערן, אַז דער בארימטער פאָלקלאָריסט יאַן קאר־לאָוויטש האָט בכלל דער ערשטער פאראינטערעסירט די יידישע אינטעליגענץ מיט זאמלען יידישן פאָלקלאָר.

זיין גאנץ לעבן. פרצעס קאנטאקטן מיט די „63"ער, מיט דעם אדוואקאט יוסף קירשראָט־פראָוועניצקי, וועלכער איז געווען דער יידישער קאָנסול־טאנט און פארטרייונגס־מאן פון באנקיר יאן בלאָך, (וועלכער האָט טראָץ דעם אָננעמען דעם פראָטעסטאנטישן גלויבן זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער עקאָנאָמישער לאגע פון די יידן), סיי מיט שמואל אָרגעלבראנד, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן א דאנק זיין מאָנומענטאלער זאמלונג פון פּוילישע שפּריכווערטער (1894), פאר וועלכער ער האָט גע־קריגן די העכסטע אויסצייכענונג פון דער קראָקעווער אקאדעמיע פאר וויסנשאפטן, מיט איגנאץ בערנשטיינען, קורץ, מיט די קרייזן, וואָס האָבן אונטערשטיצט יאן קארלאָוויטשעס „וויסלא". זיי האָבן עס דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון די ערשטע בענדער פון פרצעס „יידישער ביבליאָטעק" (1891), וווּ פרץ גיט שוין א פיל בריטערע און אנדערע דעפיניציע פון בילדונג, ווי עס האָבן עס געטאָן די משכּילישע פאָרגענגער. אין זיין אריינפיר־ארטיקל „בילדונג" זאָגט פרץ:

„מיר ווילן בילדונג, נאָר מיר מיינען נישט די בילדונג, פון וועלכער מען האָט אמאָל גערעדט. נישט די בילדונג, וואָס אנטוויקלט נישט הארץ און מוח, וואָס מאכט דעם מענטש נישט קלוגער, נישט בעסער, נישט פעיקער, נאָר בלאנזשירט אים אָפּ דאָס פּנים, לערנט אים בויגן זיך און בוקן, פיין פארשפּיצן דאָס בערדל און אנרופן א הונט אויף עטלעכע לשונות". (דאָ האָבן מיר א דירעקטן אָנגריף אויף דער בורזשואז־משכּילישער בילדונג — ש. ל.).

„מיר מיינען די בילדונג, וואָס מאכט פאבריקן, באנען, שאָ־סייען: בילדונג, וואָס לערנט ארבעטן — זיך און דער וועלט צום נוצן, אויך די בילדונג, וואָס מאכט דעם מענטש ערלעך און גוט".

און אין דריי יאָר ארום אין זיין פאָרוואָרט צום זאמלבוך „ליטער־אטור און לעבן" (1894) שרייבט פרץ:

„מיר ווילן די אלגעמיין־מענטשלעכע פאָן נישט ארויסלאָזן פון דער האנט און מיר ווילן נישט זייען קיין שאָוויניסטיש ווילד־קרויט, קיין פאנאטישע דערנער און נישט דעם פערז פון בטלנישער פילאָזאָפיע. דעם אומקרויט ווילן מיר ארויסרייסן מיטן וואָרצל, אויס־האקן די דערנער, דעם פערז פארברענען און זייען ריינע, מענטש־לעכע אידעען, ריין מענטשלעך געפיל און וויסן.

מיר ווילן אקערן, באארבעטן און פארזייען אונדזער שטיק פעלד, ווייל מיר גלייבן פעסט, אז דער צוקונפטיקער אלגעמיינער

שפּייכלער וועט שפּייזן אַלע הונגעריקע צוגלייך! מיר גלויבן, אַז געוויטער, שטורעם און רעגן מוזן פֿאַרבייגיין, עס מוז קומען די צייט, און די ערד וועט אונדז געבן איר קראַפֿט, דער הימל — וואַרעם און ליכט... און מיר ווילן נישט, אַז אין שניטער־צייט זאָל אונדזער פֿאָלק שטיין פֿון ווייטנס, און יום־טובֿ באַווייַנען פֿאַרלוירענע יאָרן און פֿאַרשעמט בעטלען פֿרעמד ברויט פֿון פֿרעמדן בלוטיקן שווייס...

מיר ווילן אויך אַרייַנפֿירן אַביסל קאָרן און ווייץ אין שפּייכלער אַריין; מיר ווילן אויך באַלעבאַטים זייַן, אָרעמע באַלעבאַטים, נאָר נישט קיין בעטלער...

מיר ווילן, דער ייִד זאָל זיך פֿילן אַלס מענטש, ער זאָל אָנטיילנעמען אין אַלעם, וואָס מענטשלעך איז, מענטשלעך לעבן און שטרעבן, און — באַליידיקט, זאָל ער זיך פֿילן באַליידיקט אַלס מענטש!".

אַזאַ קרעדאָ איז געווען פּרצעס דעם פּובליציסט.

עס איז אָבער נישט שווער זיך איבערצוצייַגן, אַז סיי אין זייַן טעטיקייט פֿון די 90ער יאָרן, ווען ער פֿלעגט קומען אויף אַרבעטער־קרייַזן, און אַפֿילו געזעסן דערפֿאַר אין צענטן פּאַוויליאָן אין ציטאַדעל, סיי אין זייַן ליטעראַרישער טעטיקייט ביז און בעת דעם 1905־טן יאָר איז ער אין פֿולן איינקלאַנג מיט נאָר די פּראָגרעסיווע רעוואָלוציאָנער־זייַנדיקע פּאָסטולאַטן. נישט געקוקט אויף זייַן נגידישן אָפּשטאַם, איז ער מיט אַלע פֿיבערן פֿון זייַן נשמה געווען מיט די האַלב־אונטערגעדריקטע פֿאָלקסמאַסן, מיט דער דערשלאָגענער ייִדישער פֿרוי, געזוכט און געפֿונען דאָס סאַמע מענטשלעך־שיינע און דערהויבענע, די ליכטיקסטע שטריכן, פּונקט ווי גאָרקי, ביי די מענטשן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן דעק, ביי די מענטשן פֿון אַרבעט און נויט.

* * *

יצחק לייבוש פּרץ האָט אַרויסגעבראַכט אין זייַנע פּרעכטיק געשילדערטע, ביז גאָר קורצע, נאָוועלן זייער פֿיל אידעאַלע מענטשן. עס איז אָבער ביי אים נישט פֿאַראַן די מינדסטע אידעאַליזאַציע פֿון ייִדישן לעבן. פּרץ האָט געגאַרט, געשטרעבט מיט זייַנע ווערק צו לערנען דאָס פֿאָלק, עס דערהייבן, ווייַזנדיק די שיינקייט פֿון טיף־עטישן געשטאַלט פֿון פֿולווערטיקע ווילנס־שטאַרקע ייִד־מענטשן.

אָבער פּרצעס געניאַלער מוח האָט קלאָר באַנומען, אַז די דאָזיקע דערהויבונג קאָן נישט און וועט נישט קומען אַ דאַנק שיינע, צי פרומע שפּרוכן, נאָר קאָן פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אין רעזולטאַט פון דערוואַלד־צוגאַנגענע איבערגעשטאַלטיקונגען.

און זיין נאָוועלע „ביים פאַקיר" לייענען מיר:

„עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט פון גראָדע מענטשן מיט האַרטע מאַרכבייניער, פון מענטשן, וואָס וועלן נישט וועלן און נישט קאָנען זיך בייגן"... אָבער די צייט, וואָס וועט אויסגלייכן די רוקנס פון די יידן, זיי אויפהייבן פון לעטאַרגישלאָף, וועט אויך אויפהייבן אַלעמען, „ווייל גאָר שטיל וועט זי נישט קומען" (אונטערגעשטראָכן דורך פּרצן).

און דער פאָלקסטימלעכער נאָוועלע „משיחס צייטן" קומט ווידער אויף פּרצעס טרוים וועגן „מענטשן מיט פליגל", מענטשן פאַרקוקטע אין דער הייך און ווייט, וועגן מענטשן, וועלכע ס'זיינען פרעמד די קליינע השגחהלעך... און ער איראָניזירט ביטער איבער אַט די קריכיקע פאַרתכליתטע באַשעפענישן.

אַט גיט ער דריי דורות, ווי אַזוי זיי רעאַגירן אויף דער ידיעה, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ קינד מיט פליגל:

— פליגל — ענטפערט דער אַלטער שטרענג — הייבן אין דער הייך... מיט פליגל קאָן מען זיך נישט דערהאַלטן אויף דער ערד.

— אַ ווייכטיקע זאַך — מאַכט דאָס אייניקל טראַציק — איז מען פּטור דעם מושב, וואָלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָטע, לעבט מען אין דער הייך... צי איז דען דער הימל נישט שענער פאַר דער ערד?

דער אַלטער ווערט בלאַס און דער מיטעלער נעמט דאָס וואָרט:

— נאַריש קינד! פון וואָס קאָן מען לעבן אין דער הייך? לופט שלינגען איז ווייניק. אין דער הייך איז נישטאָ צו דינגען אַ קרעטשמע, אין דער הייך קאָן מען נישט איבערנעמען קיין געשעפטן... אין דער הייך האָט מען אפילו נישט ביי וועמען אַ האָן־פּעקל צו קויפן... אין דער הייך...

דער אַלטער שלאָגט אים איבער:

— אין דער הייך — זאָגט ער פעסט און האַרט ווי אייזן — איז נישטאָ קיין שול. קיין בית־המדרש צו דאַווענען, צום לערנען, אין דער הייך איז נישטאָ קיין אויסגעטרעטענער שטעג, אין דער הייך בלאָנקעט מען זיך, בלאָנדזשעט מען, ווייל מען ווייסט

נישט דעם וועג, מען איז טאקע א פרייער פויגל, און עס באפאלט אבער א ספק, א מרה־שחורה!...

— ווי הייסט? — שפרינגט אויף דער יונגסטער מיט היים בלוט און ברענענדיקע אויגן.

לייזער קומט ער נישט צום ווארט. די באבע האקט איבער:

— נארישע מאנסבילן! — מאכט זי — וועגן וואס זיי קלערן... און דער רב: צי וועט דער רב לאזן מל זיין? צי וועט ער לאזן א ברכה מאכן איבער א קינד מיט פליגל...".

ווי מיר זעען, ליגט אריין פרץ אין דער ראמאנטישער נאוועלע, וואס שלאגט אן אין די טראדיציאנעלע באגריפן וועגן משיחן, א גאר אנדערן, סאטירישן, אויפרייסעריש־רעוואלוציאנערנדיקן אינהאלט, ווייזט די כוחות, וואס ווילן נישט דערלאזן דאס אויפקומען פון נייעם און דער־הייבענעם, אויפקומען דאס, וואס וויל פרייהייט, א רייטע לופט, גייט ווייט פון די פארשידענע געשעפטלעך, פון די האזנפעלעכלעך און האזן־לעבן...

פרץ האט געוואלט זען שטאלצע, פעסטע יידן און איך א גאנצער רייע נאוועלן, ווי אויך אין דער „גאלדענער קייט" דריקט ער אויס זיין ביטול צו דער ווידקלעכקייט פון „קליינע מענטשעלעך און קליינע עבירה־לעך", פון „נסימלעך", און שטעלט ארויס אומדערשראקנקייט, קרבנות־גרייטקייט, געוואגטקייט אלס די איינגנטלעכע שטריכן פון ווערטיקן מענטש. אזוי געפינען מיר אין זיינע „פאלקסטימלעכע געשיכטן", „דריי מתנות", צי אין „נסים אויפן ים" דעם ליבפאר מענטשן פון שטארקן ווילן, פון קרבנות־גרייטקייט, פאר מענטשן, וואס אין נאמען פון זייער אידעאל זיינען זיי גרייט אויף די גרעסטע פיינען, און שפעט בייסיק אין „שבת־גוי" פון דעם בעלעמער רב און זיינע „צאן קדשים", וואס אנשטאט זיך אנטקעגנשטעלן כוליגאנעריי, זייטען זיי אין זייער שוואכמוטיקייט גרייט דעם כוליגאן צו באלוינען... און זיין דראמע „די גאלדענע קייט" קומט אפילו צום אויסדרוק די גרייטקייט צו גיין איבער די חורבות פון דער פארתכליתדיקטער וועלט, בכדי עס זאל אויפקומען א דור פון „שטאלצע שבת־יום־טובדיקע יידן" אין א באפרייטער וועלט. „וואס וועט — ווי עס זאגט פרץ, — שטיל נישט קומען"...

פרץ האט — ווי קיינער אין אונדזער ליטעראטור — מיט א גע־וואלדיקער ווירטואזיטעט אויסגענוצט מעשהלעך פון אלט־יידישן פאלקלאר, פון פוילישן און אייראפעישן, בכדי ארויסצוברענגען זיינע אידעאלן פון

געהײַבנקייט, ענווה, גוטהאַרציקייט און ליבע צום מיטמענטש. עס איז א פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף דעם פאָלקסטימלעכן־ייִדישן סטיל און נוסח פון די נאָוועלן, זײַנען אין די זאַמלונגען „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" און „חסידיש" איבערגעדיכטעט געוואָרן נישט נאָר מאָטיוון פון אַלט־ייִדישן „מעשה־בוך" (דערשינען אין זעכצנטן אָנהייב 17־טן י. ה.) און אַנדערע מעשה־זאַמלונגען אין פאָלקלאָריסטישע מאָ־טיוון, נאָר גאָר היפּש פון דער אייראָפּעישער און פוילישער פאָלקלאָריס־טיק. אַזוי איז די נאָוועלע „דער אַריענדאַר" באַשטימט אויפגעקומען א דאַנק דער זאַמלונג „היסטאָריע רזשימסקע", ווו צווישן די 39 מעשיות, וועלכע זײַנען אַגב אויך איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש (לעצטער פערטל פון 17־טן י. ה.) געפינט זיך די מעשה מיט דעם שטאָלצן קייסער יאָוויניאַן, וועלכער איז פאַר זײַן גאווה און זעלבסטזיכערקייט, אַז עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין רײַכערער און שטאַרקערער פון אים — באַשטראָפט געוואָרן, פאַרלאָרן אַלץ און געהאַרפּט נאָך אָפּקומען פאַר די זינד... פּרץ האָט די מעשה איבערגעטראָגן אויף א רײַכן אַרענדאַר, זי פאַרייִדישט, זי שטאַרק סאָציאַל פאַרשפּיצט, און צוגעגעבן דעם ספּעציפיש ייִדישן קאָלאָריט פון שבת, פון פּריץ, און אַלע אַסעסוואַרן פון דער ייִדישער פאַרשטעלונג וועגן אליהו הנביא...

עס וועט דערױבער דאָ זײַן אויף אָן אָרט פעסטצושטעלן, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר פּרצעס שאַפן איז דאָס, וואָס ער נוצט באַוווּסט־זיניק דעם טראַדיציאָנעלן געפעס (פאָרם), וואָס איז באַקאַנט געווען דעם ייִדישן פאָלקס־מענטש, בכדי אים פון אינעווייניק אויפצורייסן און אַרײַנ־צוגיסן רעוואָלוציאָניזירנדיקן אינהאַלט: דאָס אָפּרייסן פון קליינלעך, באַ־לעבעסלדיק־אַנטיליטאַרן און דערהייבן צו א וועלט פון ברידערלעכקייט, מענטשלעכקייט, באַשײַדנקייט, צו א וועלט פון גרויסע עטישע טאַטן, גרויסע ווילן־אָנגעלאָדענע מעשים, גרויסע מענטשן און וועלט־באַפרײַער־רישע אידעאַלן. און אויב די ביזנערלעכע קריטיק הייבט אַרויס אַלס דעם עיקר די טראַדיציאָנעלע פאָרם, הייסט עס, אַז זי נעמט בלויז דעם אויסערלעכן לבוש, דאָס שײַנבאַרע פאַר דעם ווירקלעכן, און מאַכט זיך נישט זען, וואָס אונטער דער פאָרם געפינט זיך און, אַז פּרצעס באַנור צו דעם פאָלקסטימלעכן דערציילאופן און פאַנטאַסטיק איז א רעזול־טאַט סיי פון זײַן באַוווּסטקייט פון פוילישן ראָמאַנטיזם, סיי א ווילן אַמטיפּסטן, אַמשטאַרקסטן און ווירקזאַמסטן צו גרייכן צו דער נשמה און האַרץ פון פאָלקס־מענטש. עס איז דערױבער מעגלעך מיט דער פולער זי־כערקייט צו זאָגן, אַז דווקא פּרץ איז פון די שרײַבער, וואָס זײַנען אי־

רעיש אַסימילירטן אוועק פון דער חסידיש־רבנישער פאַרגליווערטער וועלט, סיי אין פאָרם און סיי אין אינהאַלט, טראָץ דעם באַנוצן אָפט בילדלעך און ווערטלעך פון דעם סטיליזירטן חסידישן דערציילאופן.

* * *

פרץ איז פאַר דעם פּראָגרעסיוון יידישן שרייבער דער נאָענטסטער, דער אינטים־נאָענטסטער, ווייל ער איז מיט זיין גאַנץ שטורמיש וועזן, מיט זיין אָדלער־בליק, מיט זיין הייס־פלאַטערנדיק האַרץ געווען געווענדט אין דער צוקונפט. פרץ האָט מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין שרייבערישן טעמפּעראַמענט באַקעמפט די כוחות פון נעכטן אין יידישן לעבן, ווי אויך די בורזשואַזע אָרדענונג, וואָס פאַרוואַנדלט די וועלט אין „אַ קרעטשמע, אין אַ הפקר, ווו רויב און מאָרד זיינען אויף דער טאָג־אָרדענונג, באַקעמפט די קליינלעך־נישטיקע, עגאָיסטישע מענטשעלעך אין דער יידישער סביבה, דעמאַסקירט די פאַלש־צבֿיעותדיקע רייד פון די יידישע שאָוויניסטן וועגן אחדות („כל־ישראל — זאָגט פרץ — האָבן אויסגעטראַכט די אַנטיסעמיטן...“). פרץ האָט די פאַרשטייער פון דער יידישער בורזשואַזיע נישט באַשאָנקען מיט קיין איין לויטערן שטריך אין זיין שאַפן, און די גאַנצע דערהויבנקייט, פּאָטענציעל און פּאָעטישע, געפינען ביים פּשוטן האָרעפּאַשניק, ביים מענטש פון שווערער האָרעוואַניע: ביים באַלמעלאָכע, אַרבעטער, וואַסערטרעגער, פּאַקנטרעגער, שניידער און שוסטער — אין די קעלער־שטיבער און פּאַציאַטקעס. די געבירישע זינדלעך, זיינען ביי אים דער סימבאָל פון פאַרגרעבטקייט, עגאָאיזם, זיינען אומגליקברענגער, די נגידישע מאַדאַמאָטשקעס, וואָס ליגן איבער די ראָמאַנען, זיינען ביי אים די טרעגער פון קאַלטער אכזריות, פון אויסגעלאַסנקייט, אומזיטלעכקייט, און די סאַמע דערהויבענע שטריכן ווי עניוות, קרבנות־גרייטקייט, העלדנמוט, אַרבעטזאַמקייט, הומאַניזם — געפינט ער ביי די אָרעמע פאָלקס־מענטשן.

איז עס אַ צופאַל? — פאַרשטייט זיך, אַז ניין! מען קאָן נישט דינען דער בורזשואַזיע, זיין פאַרקויפט אין אַ קלאַס, וואָס געהערט דעם נעכטן, וואָס איז מאָראַליש צעפוילט, און שאַפן פּראָגרעסיווע ווערטן... פונקט ווי עס איז אוממעגלעך צו דערגרייכן ערנסטע ווערטן, ווען מען קוקט מיט דעם מינדסטן סענטימענט אויף די טרעגער פון קלעריקאַליזם און מיסטיציזם. דאָס האָט פאַרשטאַנען פרץ. און דערפאַר זיינען אַזוי שאַרף־בייסיק זיינע סאַטירעס אויף דער צבֿיעות פון קלער און דער „פרומער קאַץ“, איז פאַראַן אַזויפיל פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטי־

סיט אין „מוסר", אַזאַ דיגע איראָניע אין „שטריימל" און אַנדערע שאַ־פונגען פון זיין רעאַליסטישן פּעריאָד. דערפאַר איז אַזוי אָפט אָנצוטרעפן דאָס קאָנטראַסטמעסיקע אין זיין שאַפן: דאָס אַנטקעגנשטעלן די תמימות, נשמה־דריינקייט. דעם שלום־בית פון די פּראָסטע, נויטליידנדיקע מענטשן און די הענגענעריטקייט, עגאָיסטישקייט פון דער פּני („משופּע").

אָט אַ וועלכע צוואה פּרץ הייסט שרייבן אַ גרויסן קאַפּיטאַליסט, וואָס איז אַזוי איבערזעטיקט פון אַלץ, אַז ער באַשליסט צו באַגיין זעלבסטמאָרד:

„איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר, אַזוי מיטן גוף, אַזוי מיט דער נשמה! איך האָב אין מיר גאָרנישט, וואָס זאָל לעבן און לעבעדיק מאַכן... איך לעב שוין לאַנג נישט! איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פון לעבן! איצטער איז עס מיר גאָר נמאס געוואָרן" און ער פרעגט זיך אַליין:

„האָב איך נישט עמעצן צו דאַנקען?".

„ניין — איך האָב אַלע פאַר אַלעמען באַצאָלט..." .

„פאָרן לעצטן געטראַנק אויך...". („דריי דורות, דריי צוואות").

אָט אַזוי ווייזט פּרץ דורך דער צוואה פון קאַפּיטאַליסט, ווי ביז דער לעצטער רגע איז ער סענטימענטלאָז, ער האָט אַלעמען פאַר אַלעם באַצאָלט, דער מעסטער פון אַלץ איז געלט...

פּרץ באַשענקט מיט האַרציקער וואַרעמקייט, מיט טיפער ליבע און מיטגעפיל די אונטערדריקטע נויטליידנדיקע פאָלקסמאַסן, ווייל דאָרט ביי די אַרבעטנדיקע זעט ער הויכע מאָראַלישע קוואַליטעטן, אמתע עטי־שע ווערטן, דעם דראַנג צו אַ גערעכטן לעבן, ער זעט אין אַרבעטער־קלאַס דעם איינציק־פּראָאינטערעסירטן קלאַס אין אָפּשאַפן דאָס אויס־נוצן פון מענטש דורך מענטש, דעם קעמפער פאַר גערעכטער הכנסה־פאַרטיילונג, וועלכער איז פריי פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. בלויז די אַרבעטנדיקע זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ ווירקלעכקייט, וואָס ווייסט נישט פון קיין נויט, הונגער און אַרבעטלאָזיקייט, פון אָפּפרעסונג פון פאָלק דורך פאָלק, פון בלוטיקע פאַרכאַפּערישע מלחמות.

* * *

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז פּרץ איז דער פּאָליטישסטער ייִדישער שרייבער. הגם מיר האָבן שוין איניקע פּרטים אַרויסגעבראַכט איז כדאי זיך אויף דעם מאָמענט עטוואָס לענגער אָפּשטעלן. קודם־כל, וואָס פאַר־שטייען מיר אונטער דער באַצייכענונג פּאָליטישקייט? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לעבן אַ גאַנץ לעבן אויף דער פּאָליטישער ערד, ווי מאַסנגעבנדיק עס

זאָל נישט זיין, איז נאָך אַלץ נישט קיין גאַראַנטיע פון אמתן פּאַטריאָטיזם אפילו ביי געבוירענע פּאָליאַקן, בפרט ביי אַ פּאַרשטייער פון אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ, וואָס האָט ווייט זיך נישט געפונען אין קיין גינסטיקער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אַטמאָספער...

פּרצעס פּוילישקייט לאָזט זיך דעפינירן אין דער סאַמע ברייטסטער מאָס: סיי אין זיין טיפער איינגעוואָרצלטקייט אין באָדן, סיי אין זיין פאַרשפּיצטן אינטערעס צו אַלע דערשיינונגען אין דער פּוילישער ליטעראַטור און קולטור, וועלכע האָט באַווירקט גאַנץ באַדייטנדיק זיין סטיל, אין וועלכן עס פלעכטן זיך אזוי אָפט אַדורך עלעמענטן פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם — סיי אין זיין עכטן פּאַטריאָטיזם און סיי אין קאָנקרעטער שילדערונג פון פּוילישן פּייזאַזש.

אַ פּאָר ביאָגראַפישע פאַקטן:

פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש. אַט די אַלטע פעסטונגסשטאָט, וואָס איז געבויט געוואָרן דורך דעם קאַנצלער יאַן זאַמאָיסקי אויף דעם שטייגער פון פּאַדוע און האָט פאַרמאָגט אַן אוניווערזיטעט, וועלכער איז געווען פיל ברייטער און פּראָגרעסיווער ווי אַלע אַנדערע פּוילישע העכערע אַנשטאַלטן אין סוף 16טן—17טן יאָרהונדערט, האָט שטאַרק צו זיך צוגעצויגן די יידן. די יידן, וואָס האָבן זיך האַרט באַזעצט, האָבן גענאָסן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס. און דער פרייערער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער שטאָט האָט שטאַרק באַווירקט דעם יידישן קיבוץ. אין דער צייט, ווען זאַמאָשטש געפינט זיך אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, אַלס אַ טייל פון גאַליציע (1772—1809), דרינגט די אויפקלערונג אַריין אויף די געביטן פון פּוילן, און אויף וויפל די אידעען פון אויפקלערונג זיינען געקומען פון פראַנקרייך, וועלכע איז שוין געשטאַנען ערב דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, נעמען זיי זיך שטאַרקער אָן אין די געביטן, ווו עס זיינען רייפער, צאָלהאַפטיקער די בורזשואַזע עלעמענטן, פאַרכאַפּן זיי גאָר גיך עסטרייך, און די יידן, וואָס שטייען מיט די מערבֿגעביטן אין געשעפטלעכער פאַרבינדונג. דער פאַרהעלטנישמעסיק לייכטער צוטריט פון די יידן אין די עסטרייכישע הויכשולן, שאַפט אַ גרעסערע יידישע אינטעליגענץ (דער עיקר דאָקטוירים) און דאָ, אין זאַמאָשטש (אויב נישט רעכענען וואַרשע) איז דאָס אָרט פון די שאַרפסטע קאַמפן צווישן די משכּילים און די חסידים. די יידישע אויפקלערונג האָט דאָ בּמילא אין זאַמאָשטש אַן אייגענע פעסטונג. זאַמאָשטש גיט די באַדייטנדיקסטע צאָל פּרענומעראַנטאָרן פון אויפקלערערישע אויסגאַבן. בכלל איז זאַמאָשטש אַ וויכטיקע קולטור־

שטאָט. לויט די רעלאַציעס פון דייטשן געאָגראַף א. פרידריך („היס־טאָרישע געאָגראַפישע דאַרשטעלונג פּאָלענס", וואָס איז דערשינען אין בערלין, 1839 יאָר) האָט די שטאָט פאַרמאָגט צו יענער צייט א שטענ־דיקן טעאַטער, א גימנאַזיע מיט א גרויסער ביבליאָטעק, א דרוקעריי און צוויי שפּיטעלער, א קאַטוילישן און יידישן. פון יידישע מקורים ווייסן מיר, אַז אַרום דעם „ביקור חולים" האָבן זיך גרופּירט די חשובֿ־סטע משפּחות פון שטאָט: לוקסעמבורג (ראָזע לוקסעמבורגס זיידע) יוסף צירעלזאָן (דער פאָטער פון שפּעטערדיקן באַוווסטן רעדאַקטאָר און פּובלי־ציסט אַלעקסאַנדער צעדערבוים), פון פּרצעס פריינד האָט דאָרט אָנגע־הערט ישעיה מאַרגוליעס, וואָס איז אין 1861 יאָר געווען פּרעזעס פון יידישן שפּיטאָל און שמואל לעווין. די משפּחה פּרץ האָט געשפּילט א ראָליע נישט בלויז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט, נאָר אויך אין קולטורעלן. מאיר פּרץ, דעם דיכטערס א פעטער געהערט צו די אויפּער־דיקע איינקוויפער פון אויפקלערערישער ליטעראַטור. זאַמאָשטש איז אָבער נישט בלויז קיין ליטעראַטור־קאָנסומירער: זאַמאָשטש האָט אַרויס־געגעבן א גאַנצע ריי משׂכּילישע שרייבער און קאָן אפילו פאַרשרייבן אויף איר יחוס־קאָנטע, אַז דער לערער פון באַריימטן אויפקלערער, דעם אויטאָר פון „פעדאָן" משה מענדעלסאָן, איז געווען ישׂראל זאַמאָשטש. אָבער האָרט פאַר פּרצן האָבן געלעבט דער אויפקלערער אפרים פישעל־זאָן (דער מחבר פון „טעאַטער פון חסידים") און איינער פון די באַ־דייטנדיקסטע קינסטלער פון דער השׂכּלה־תּקופה, דער ביז גאָר טאַלאַנ־טירטער דראַמאַטורג און משלים־שרייבער דאָקטאָר שלמה עטינגער. עס איז אפשר ביי דער געלעגנהייט כּדאַי צו דערמאָנען, אַז דער פּראָטאָ־פּלאַסט פון דער באַוווסטער פּאַרלעגער־משפּחה אַרצט, משה רופא, איז אויך א זאַמאָשטשער.

פּרצעס יוגנט־יאָרן פאַלן אויס אין דער צייט פון די צוגרייטונ־גען פון יאַנואַר־אויפשטאַנד, און די שטאָט, וואָס האָט שוין דאַן נישט געהאַט, ווי עס שטעלן פעסט כראָניקער, קיין איין יידישע משפּחה, וואָס זאָל נישט קאָנען לייענען און שרייבן פּויליש, הויבט זיך ביז גאָר וואַ־רעם און אַקטיוו אָפּ אויף דער בשׂורה פון קאַמף פאַר פּוילנס באַפרייונג.

אין זיינע זכרונות, וואָס נעמען אַרום בלויז די ערשטע צוואַנציק יאָר פון פּרצעס לעבן, שרייבט ער:

„פּאַטריאָטן זיינען מיר היינט! ווי לאַנג איז, ווי מיר האָבן תּהי־לים געזאָגט פאַרן נצחון פון דער צווייטער מרידה".

אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט נישט נאָר תהילים געזאָגט, נאָר זיך דירעקט באַטייליקט אין אויפשטאַנד. און איינער פון זיי יוסף מאַרגנ־שטערן, וועלכער האָט געהערט צו די אָנפירער פון אויפשטאַנד אין זאַ־מאָשטשער קרייז איז געווען פרעצעס אַן אינטימער פריינד.[1])

אַלזאָ פרץ איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט, טראָץ דעם, וואָס די עלטערן האָבן אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג, אין אַן אַטמאָס־פער פון אויפקלערונג און פוילישן פאַטריאָטיזם. און דעריבער קלינגט אַזוי פאַרשטענדלעך און עכט זיין פעסטשטעלונג, אַז די אַלט־פוילישע שטאָט זאַמאָשטש איז זיין „היימישער אוצר פאַר סקיצן און בילדער"...
„אַלץ וואָס איך זע אין דער פרעמד — זאָגט פרץ — זע איך אין פאַריש, אָבער איך פיל עס נישט אוממיטלבאַר", אוממיטלבאַר זעט ער און פילט זיין היימשטאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז פאַראַן עטוואָס דיכטערישע איבער־טרייבונג. אין זיינע נאָוועלן געפינען מיר נישט בלויז דעם קאָלאָריט, פייזאַזש פון זאַמאָשטש, נאָר אויך פון סאַנדאָמיר, שעברשין און וואַר־שע. עס איז אָבער ריכטיק, אַז אַמשטאַרקסטן איז ער באַהאַפטן — און דאָס איז נאַטירלעך — מיט זאַמאָשטש.

מיר האָבן שוין ביי אַ געלעגנהייט באַטאָנט פרעצעס נייגונג איבער־צופלעכטן דאָס רעאַליסטישע מיטן ראָמאַנטישן, און עס איז ביי אַזאַ זאַכלאַגע פאַרשטענדלעך די טענדענץ אַרויסצוברענגען אַקטועלע אידע־אַלן — ווי ס'איז דער פאַל מיט די גרויסע ראָמאַנטיקער מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי — דורך סוזשעטן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. און אָט ווי אַזוי פרץ שילדערט זאַמאָשטש פון די עסטרייכישע צייטן, פון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט.

„דאָס שטעטל, ווו מיינע עלטערן האָבן געוווינט, און איך האָב איבערגעלעבט מיינע קינדער־יאָרן אין אָנצוגן פון לעמבערגער און קראָקעווער שניידערס, איז געווען אַ פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַסער, וואַלן און הייכע מויערן. אויף די מויערן זיי־נען געשטאַנען האַרמאַטן, און זעלנער מיט ביקסן האָבן זיי גע־היט, מאַרשירנדיק אויף און אָפּ ערנסט און שווייגנדיק. קוים איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבן די אייזערנע בריק איבערן וואַסער, פאַרשלאָסן אַלע טויערן און אָפּגעריסן דאָס שטעטל

[1]) זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין דעקאַנסקיס „וספּאָמניעניע אָ פּאָווסטאַ-ניו סטיטשניאָוועם וו זאַמאָשטשיו", זאַמאָשטש, 1920, 29 פּ.פּ. טשאַס (קראַ-קאָו), 1863, 180.

פון דער רעשט וועלט ביז אינדערפרי. ביי יעדן פארמאכטן טויער איז געשטאנען א וואך, באוואפנט פון קאפ ביז פיס.

ערשט נישט לאנג, ביטאג, זיינען מיר אלע פריי געוועזן, מען האט געמעגט גיין ארויס און אריין, נישט אנגעפרעגט געהערשט ביים קאמענדאנט, מען האט זיך אויך געמעגט באדן אין טייך הינטער דער שטאט, אפילו זיך אויסציִען אויף דער גרינער לאנקע ביים טייך און קוקן אין הימל אריין, אדער ווייט ערגעץ אין דער וועלט אריין, ווו איינער האט געוואלט, — קיינער האט נישט פאר דעם קיין שלעכט ווארט גערעדט. און עמעץ אפילו נישט צוריקגעקומען, האט מען אויף אים נישט געפרעגט. נאר ביינאכט, האט מען געוואלט, זאל זיין שטיל און שטומעטל, מען זאל זיך נישט ארויס און נישט ארומדרייען. „א גליק — פלעג איך דעמאלט קלערן ביי מיר — וואס מען לאזט אונדז כאטש אריין די לבנה...“.

און אזוי לאנג איך וועל לעבן, וועל איך נישט פארגעסן דעם „בין השמשות“. דאס צופאלן פון דער נאכט. צוזאמען מיט דעם אוונטלעכן שאטן פארשפרייט זיך א שוידער איבער דעם גאנצן שטעטל, מענטשן און הייזער ווערן פלוצים ווי איינגעהויקערטער. מען ציט די בריק. די אייזערנע קייטן רייבן זיך אין די אומגעהויערע בלאקן, דאס אייזערנע קראצן, די הארטע, אפגעריסענע טענער פארן דורך די ביינער. דערנאך פאלט צו א טויער נאך א טויער. יעדן אָוונט געשעעט דאס זעלבע, און דאך ציטערן די פיס אונטער דעם מענטש. א שטומפיקע מידקייט לייגט זיך אויף אלע פנימער, אלע אויגן לעשן זיך אויס, ווי ביי טויטע; די ברעמען פאלן אראפ ווי בלייערנע, דאס הארץ בלייבט שטיל, און מען אטעמט קוים. דערנאך הויבט אן דער פאטרול צו קורסירן אין די גאסן, עס קלאפן די נאגעלאזטע שווערדן און די וואסער־שטיוול, די באגנעטן בלישטשען, און מען שרייט: „ווער־דא?“ אויף דעם מוז מען ענטפערן: „א היימישער, אן איינגענער!“. אז נישט, ווייס גאט, צו וואס עס קאן קומען. מאנכע פלעגן זיך שוין בעסער פארמאכן הינטערן שלאס און ריגל, זיי האבן מורא אפילו זיך ארויסצווייזן אויף דער גאס...“.

אט אזא געניייע, רעאליסטישע שילדערונג פון דער פעסטונג־שטאט זאמאשטש גיט פרץ אין א נאוועלע, וואס איז דורך אויס פאנטאסטיש־ראמאנטיש און דארף אויסדריקן דעם דיכטערישן טרוים וועגן

מענטשן, וואָס שטייען העכער פון קליינלעכן ארום, וועגן מענטשן מיט פליגל.

און איצט א פּאָר באַמערקונגען, וועגן פּרצעס באַהאַפטנקייט מיט דער פּוילישער קולטור. מיר ווילן בלויז נאָך אַמאָל דערמאָנען פּרצעס קאָנטאַקטן מיט דער „וויסלאַ"־גרופּע. און וועגן דעם, אַז די סימבאָלישע פּיעסע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" פּאַרמאָגט אין זיך קענטיקע באַווירקונגען פון וויספּיאַנסקיס „וועסעלע" און „וויזוואָלעניע". אַז פּרץ דער אויטאָדידאַקט האָט געקענט די פּוילישע ליטעראַטור איז אויך צו זען פון דעם פאַקט, וואָס אין די פּוילישע בריוו צו זיין כלה ציטירט ער זאַבלאָצקין, ער שרייבט וועגן קאָנאָפּניצקאַ, ער פּאָלעמיזירט מיט שווענטאָכאָווסקין און מיטן פּראָפעסאָר באַלוצקי [?] קורמאַני.

קורץ: פּרץ האָט נישט געהערט צו די שרייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין די ד' אמות פון זייער קאַבינעט אין זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. ער האָט געהאַסט די טרעגער פון נאַציאָנאַלן סעפּעראַטיזם, דעם יידישן אתה בחרתנויזם און איז אליין געווען א פּאַטריאָט און בירגער פון זיין היימלאַנד און האָט דעם בירגער־געפיל געפלאַנצט צווישן די פּאָלקס־מאַסן.

* * *

דער „גענויאַלער אַנפאַנגער" — ווי עס רופט פּרצן ה. ד. נאָמבערג, — האָט געליבט דעם אַנהייב פון אַלע פאָרמען און זשאַנרען, האָט באַ־טראַכט אַלע וועגן און שטעגן פון קינסטלערישן אויסדרוק. ער איז אריין אין דער ליטעראַטור מיט דער פּאָעמע „מאָניש" און שוין דאָ געוויזן די גרונטאייגנשאַפטן פון זיין רעאַליסטיש־ראָמאַנטישן סטיל. דער סיוז־זשעט פון דער פּאָעמע: א יונגער שטעטלדיקער עילוי האָט זיך פאַר־ליבט אין א שיינער דייטשקע, מאַריע — אינדערעמתן דער פאַרשטעל־טער לילית. דערפאַר ווערט ער באַשטראָפט און פאַלט אריין אין גיהנום. און אויף דעם פאַנטאַסטיש־איראָנישן פאָן פון דער פּאָעמע ווערט גע־שילדערט אַ דורכאויס רעאַלער געשיכטלעכער פּראָצעס — דער פינפּויל שווערער פּראָצעס פון אריבערגיין פון די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין קלעם פון אַבערגלויבעריש־אַסקעטישע פאַרשטעלונגען, צו דעם ניי־ציטיקן וויסנשאַפטלעכן וועלטבאַנעם, צו דער נייער וועלטלעכער קול־טור און עסטיק.

טיף טראַגיש זיינען געווען די מענטשן, וואָס האָט געצויגן צום

נייעם לעבן און האָבן קיין איבערלעבן כּוח ניט געהאַט מיט דעם אַלעם איבערצורייסן. און דאָס איז דער זין פון דער פּרצישער פּאָעמע. (שפּעטער דער זעלביקער מאָטיוו אין דער דראַמע „אין פּאַליש אויף דער קייט").

אָבער באַגאַנג מיט דער פּאָעמע האָבן מיר אַ גאַנצע ריי לידער פון פאַרשידנסטן זשאַנר: סאַטירישע, ריין לירישע, סאָציאַלע ליריק, פילאָזאָפיש-רעפלעקסיווע לידער, איבערזעצונגען פון דער העברעישער, מערב-אייראָפּעישער, פּוילישער און רוסישער דיכטונג, ווי אויך איבערדיכטונגען פון נביא יחזקאל. און אין די לידער קומט צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור צום אויסדרוק סיי דער באַגער אַרויסצוגיין פון די ענגע באַגריפן פון דער יידישער סביבה (זיין ציקל „ראָמאַנצעראָ"), סיי זיין צאָרן קעגן די, וואָס פּאַראַזיטירן אויף דעם פאָלקס-אָרגאַניזם, קעגן די פּאַלשע פרומער, וואָס ריידן שטענדיק מיט גאָט און לעבן אַליין אַ גוטן טאָג, סיי קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרן פון אַרבעטס-מענטש („דריי נייטאָרינס", „ביי אַ פרעמדן חופּה-קלייד"), סיי קעגן דער רעליגיע, וואָס וויל האַלטן אין אייביקער פינצטערניש אַ. אַ. וו. קורץ, אַ רייכקייט פון זשאַנרען און אַ רייכקייט פון טעמעס און פּראָבלעמען איז אָפּגעמערקן אין זיין פּאָעטישער ירושה. אָבער דער הויפּטזאַך ביי פּרצעס, די גרעסטע מייסטערשאַפט און די גרעסטע דערגרייכונגען זיינע זיינען אָבער אָן ספק אויפן געביט פון פּראָזע, וווּ ער האָט דערפירט די נאָוועלע צו אַזאַ געפּרעסטקייט און דראַמאַטישער אַנלאָדונג, אַז ער קאָן דריסט פאַררעכנט ווערן צו די בעסטע פאַרשטייער פון דעם מין אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. (פּרצעס אַ נאָוועלע פאַרמאָגט דורכשניטלעך פון 4 ביז 6 זייטלעך).

שוין אין די „רייזעבילדער, וועלכע האָבן צוערשט (אין 1891 יאָר) געטראָגן דעם טיטל „בילדער פון אַ פּראָווינץ-רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אין 1890 יאָר" און האָבן אַזוי אַרום דייטלעך געוויזן זייער אָפּשטאַם, אַז דאָס זיינען בילדער, וועלכע זיינען אויפגעקומען אַ דאַנק דער עקאָנאָמיש, סטאַטיסטישער עקספּעדיציע, וואָס איז אָרגאַניזירט און פינאַנסירט געוואָרן דורך דעם באַנקיר און פילאַנטראָפּ יאַן בלאָך, איז שוין צו זען דעם לייבן-נאָגל פון גרויסן קינסטלער. מען דאַרף זאָגן, אַז דאָס פּראָבלעם פון שטעטל האָט פּרצן ווייניקער אינטערעסירט. אויב אין דער יידישער ליטעראַטור פון 19טן י. ה. שטייט אין צענטער דאָס יידישע שטעטל (ביי מענדעלען דאָס פּאַטריאַרכאַלע שטעטל אויפן שוועל פון זיין איינברעכן און ביי שלום-עליכמען אין פּראָצעס ווען

עס וואלגערט זיך אין אונטער די ערשטע קלעפּ פון קאפּיטאליזם, און ער ווייזט די צעשטערטע רו, די „גרויסע בהלה ביי די קליינע מענטשע־לעך"), איז אין פּרצעס אויגן דאָס פּוילישע שטעטל שוין אבסאָלוט דעגראדירט, פּאראָרעמט, אָן שום פּערספּעקטיוו, דערביי זעט ער שוין דאָרט נישט ווי מענדעלע און שלום־עליכם א קיבוץ, נאָר ליידנדיקע באַדנלאָזע יחידים, וואָס סימבאָליזירן דאָס שטעטל. און אָט די דער פּאָרטאזשיקר־בעלעטעריסטישע בילדער איז שוין צו זען די כאראקטער־ריסטישע שטריכן פון פּרצעס נאָוועליסטיק: די געפּרעסטע פלאסטישע פאָרם, די שפּיל פון קאָנטראסטן, און דער טיפער דראמאטיזם פון דער סיטואציע, וואָס ווערט אָפט באגלייט מיט וויטיקלעכער איראָניע. אין די „רייזע־בילדער" דערשיינט פּרץ אלס נאָוואטאָר, אלס דער, וואָס רייסט איבער מיט דעם טראדיציאָנעלן צוגאנג און שילדערונג פון שטעטל, וואָס כאראקטעריזירט זיך קודם־כל מיט פאנאנדערגעוויקלטער דערציילערישקייט און באשרייבערישער באַרעדעוודיקייט. פּרץ פאַרנעמט זיך נישט מיט באשרייבן. ער לאָזט דאָ אין גאנג די שפּיל פון קאָנ־טראסטן, ברענגט ארויס דורך אילוזאָרישע סיטואציעס זיין בליק אויף דעם רעאלן, שוידער־לעבן פון דער יידישער אָרעמקייט. אזוי צום ביי־שפּיל, ווערט געשילדערט א דענונציאַטאָר (א מסור), וואָס איז קיין מסור נישט, א היליקער ל"ו, וואָס קיינער ווייסט נישט און וואָס זיין ל"ואָר־ווישקייט באשטייט, א משוגענעם, וואָס קרייט ווי א האָן און איז אין דער ווירקלעכקייט קלוגער ווי א סך קלוגע...

און אין איינע פון זיינע פארצייכענונגען א. נ. „בלאנקעטן" רופט אויס דער שרייבער:

„איך וויל דאָס שטעטל נישט אנרופן ביים נאָמען, נאָר נאָך אויגנ אזויינס, ווען איך טרעף אויפן וועג, וואָלט איך אנגעהויבן קריי־ען". כדי זיך נאָך קלאָרער מאכן דעם אופן פון פּרצעס ארויסברענגען די יידישע נויט וועלן מיר איבערגעבן דעם אינהאלט פון דער פארצייכע־נונג „נומער 42". צי איז פאראן אין שטעטל אזא נומער? — ניין! עס איז געווען אזא, איצט איז צווישן דעם נומער 41 און נומער 43 א פּוסט אָרט. און דאָס פּוסטע אָרט ווערט פארפולט מיט א טראגעדיע פון א משפּחה, וואָס איז אומגעקומען דורך נויט. עס איז, הייסט עס, נישטאָ דאָס הויז, אָבער דאָס פּוסטע אָרט מאָנט און באשולדיקט... און אין א צווייט הויז קאָן דער מחבר נישט אריינקומען. עס איז פאר־מאכט, בלויז דורך דעם פענצטער איז צו זען א פארהעלטעניסמעסיק וווילשטאנד. ווער זיינען די אייגנטימער פון אָט דעם נישט שלעכט אויס־

געשטאַטן ציטער? — אַן אַלמנה מיט דריי קינדער, וואָס באַרעכנט זיך מיט בעטלען... אַזוי ווייזט פּרץ די אָרעמקייט און דעקלאַסירטקייט פון שטעטל.

ווי ס׳איז צו זען אויך שוין דאָ, לייכט צו באַמערקן פּרצעס נאָוואַטאָרישקייט, פּרצעס איבעררייסן מיט דער אַלטער פאַרגליווערטקייט, מיט דער טראַדיציאָנעלער שילדערונג און דאָס פעלן פון יעטוועדער אַפּאָלאָגעטיק, דערביי — דער צוגאַנג פון אַ גרויסער קינסטלערישער אינדיווידואַליטעט. במילא איז אַן אומזין צו זוכן ביי פּרצן אַזעלכע עס איז אָלימפּישקייט, ווי עס איז אומזיניק אים צוצושרייבן די טענדענץ פון אַפּאָלאָגעטיק, פון פאַרהערלעכונג.

מיר האָבן דערמאָנט פּרצן דעם פּאָעט און פּראָזאַיקער. פּרץ האָט אַ גאַנץ שעפעריש לעבן אַקטיוו זיך פאַרנומען מיט פּובליציסטיק און נישט איין אַרטיקל האָט נאָך די פולע אַקטואַליטעט פאַרהיט. פּרץ איז, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, געווען דער שעפער סיי פון דער רעאַליסטישער סיי סימבאָלישער דראַמע, קורץ: ער האָט די יידישע ליטעראַטור אַרויסגעפירט אויף די ברייטע וועגן פון אַן אייראָפּעישער ליטעראַטור, און אין אַלע פאָרמען און זשאַנרען איז צו זען די גרויסע זוכנדיקע, אומרויקע פערזענלעכקייט. פּרץ האָט שטענדיק טראַקטירט די ליטעראַטור — פּונקט ווי די משכילישע פאָרגייער, און די קלאַסיקער מענדעלע און שלום־עליכם — ווי אַן אינסטרומענט, אַ סאָציאַלן אינסטרומענט, ווי אַ געווער אין קאַמף פאַר אַ נייעם, בעסערן מענטש און ער האָט געזוכט אַלע מיטלען, באַנוצט אַלע פאָרמען, וואָס האָבן אים אין געגעבענעם מאָמענט געקאָנט דינען אַלס דאָס נייטיקע געווער אין קאַמף מיט די טרעגער פון נעכטן, וועלכע שטייען אויפן וועג פון דער באַפרייונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, וואָס פאַרקריפּלען די נשמה פון פאָלקס־מענטש און העמען דאָס אויסרייסן פון אַ פולווערטיקן שטאָלצן, עטישן ייד — מענטש.

* * *

עס דערהויבט זיך דערביי אַן ערשטראַנגיקע פראַגע: צי אַקצעפּטירן מיר אַלץ, וואָס עס איז דורך פּרצן אַרויסגעבראַכט געוואָרן?

פּרץ איז ווייט נישט מאָנאָליט. אויב אין דער צייט ביז דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר און בעת דער רעוואָלוציע שטייט ער אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן פּראָלעטאַריאַט, באַטייליקט זיך אויך אין אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אין זיין דעמלטיקן שאַפן ווענט איבער דאָס רעאַליסטישע איבער דעם ראָמאַנטישן, איז אין דער צייט פון אָפּפאַלום פון

דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין רוסלאַנד און פּוילן, צו מערקן ביי פּרצן דעם וווּקס פון די ראָמאַנטישע עלעמענטן, דאָס אַוועקגיין אין דער וועלט פון אויסאימאַגינירן זיך גרויסע מענטשן פון געוואַגטן מוט, דאָס אַוועקטראָגן זיך אין דער וועלט פון טרוים, פון גאַרונג נאָך שלימות, נאָך אמתער נשמה־ריינקייט. אָבער אַפילו דאַן זיינען זיינע נאָוועלן, זיינע בילדער און דיכטונגען, ווי אויך די ראָמאַנטישע דראַמען פון אַזאַ טיפער אָנלאָדונג, זיינען איבערפולט מיט אַזאַ האַס צו דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט, טראָגן אין זיך אַזויפיל פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דער קריכיקער, אָנהאַרציקער בירגערלעכער וועלט, אַז זייער פיל אייגנשאַפטן און שטריכן פון זיינע אויסגעטראַכטע העלדן־סימבאָלן נעמען אָן אין אונדזער ווירקלעכקייט אַ רעאַלע באַטייטזאַמקייט.

דאָך איז אין דעם פּעריאָד צו מערקן אַ היפּשע אָפּווייכונג פון דער פּרצישער גענעראַל־ליניע. פּרץ איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישער שרייבער, נאָר אַ גרויסער הומאַניסט. און אויב דעם הומאַניזם איז ער געטריי געווען ביזן סוף, איז נישט אַלעמאָל זיין באַציונג צום פּראָלעטאַריאַט געווען אַ גלייכמעסיקע און במילא איז נישט אַלעמאָל אָנצוטרעפן קאָנסעקווענטקייט אין זיין באַציונג צום יידישן נאַציאָנאַליזם. די צייט פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע, ווען אין דער רוסישער און פּוילישער ליטעראַטור איז אַזוי אָפט אָנצוטרעפן די באַטזיכעניש, אין דער צייט פון אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע איז פאַר דעם שרייבער פון אַזאַ אומרו ווי פּרץ נישט שווער געווען זיך אויסצוגליטשען און אַוועק אין דער וועלט פון סימבאָליזם און דעקאַדענס.

מיר פאַרגעסן דערביי נישט אויסצוטיילן, אָנצווייזן אויף דעם, ווי ווייט דער באַטרעפנדיקער שאַפער האָט געצאָלט צינז זיין צייט און זיין קלאַס, די הערשנדיקע בורזשואַזע שטימונגען און איינשטעלונגען. מיר האָבן אָבער אויך און אפשר קודם־כל אַרויס דאָס אַלץ, וואָס שטעלט פאַר דעם הויפּט־מהות פון קינסטלערישן שאַפן: ווי ווייט דעם שרייבער איז געלונגען גובר צו זיין די צייט־השפּעות און אַ קוק טאָן ווייטער, טיפער און ברייטער פון זיין קלאַס! אויף וויפל אין זיין שאַפן איז געקומען צום אויסדרוק און דאָמינירט דאָס הומאַניסטישע, דער טרוים און רוף פון באַפרייונג פון אַרבעטסמענטש, פון ברידערלעכקייט צווישן פעלקער, אויף וויפל עס איז אין זיין שאַפן אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער קלאַסן־קאַמף אין דער יידישער סביבה, אויף וויפל עס איז ריכטיק, רעאַליסטיש אַרויסגעבראַכט געוואָרן די קאַפּיטאַליסטישע ווירקלעכקייט, געזען פון פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס.

פרץ, דער שטענדיק־זוכנדיקער, אומרויקער גייסט, דער גרויסער הומאניסט, האט אפילו אין די צייטן, ווען ער נעמט זיך אדורך מיטן מלארמע־פאלסקישן סימבאליזם און אינדיווידואליזם, בדרך־כלל געטריי געבליבן, נישט ארויסגעלאזט די אלגעמיין־מענטשלעכע פאן פון האנט. ווענן דעם זאגן עדות א גאנצע ריי נאוועלן פון „חסידיש" ווו מיר טרעפן דעם אפאטעאז פון סאמע הומאנעם אנפנייעתדיקן, לויטערן און דערהויבענעם אין מענטש און אין זיין פארניכטנדיקע קריטיק פון קאפיטאליזם און דער סימבאלישער דראמע „ביינאכט אויפן אלטן מארק".

דער דראנג צו פרייהייט, צו גערעכטיקייט, דער טרוים פון א גליקלעך, פרידלעכער עקזיסטענץ באגלייט פרצן אין משך פון זיין גאנץ לעבן און קריגט אין איין פעריאד א שטארקערן און אין א צווייטן — א שוואכערן אויסדרוק. אומעטום איז ער אבער פאראן. און דער עיקר: עס איז פאראן אומעטום די פאראכטונג צום בורזשוא, צו דער פארקויפטער, צו דער פאלקס־פרעמדער אינטעליגענץ, צו די קליינע מענטשעלעך מיט די האזן־נשמהלעך, צו די פאראזיטיש־שאוויניסטישע כלל־פארזארגער, צו די פריידיקער פון קלאסן־סאלידאריזם.

•

עס וואלט, פארשטייט זיך, גאר נישט שווער געווען אפצוקלייבן סיי נאוועלן, לידער און דראמען, סיי פובליציסטישע ארטיקלען, וואס וואלטן געוויזן פרצן אלס קאנסעקווענטן רעאליסט און דורכויס רעוואלוציאנערן שרייבער. עס וואלט אבער נישט אנטשפראכן דעם גאנצן אמת. אבער נאך פאלשער איז דער פרווו צו מאכן פרצן אלס דעם „וואס האט אויפגעדעקט אלע וווּנדערלעכע שיינקייטן און טיפקייטן פון דער יידישער עקזיסטענץ".

מיר ווייסן גענוי אין וועלכע ווערק און פובליציסטישע ארבעטן, פרץ צאלט צינז זיין קלאס, זיין צייט און אין וועלכע ער הויבט זיך אריבער, פארלויפט ווייט זיין צייט. און די בארג־שפיצן, וואס פרץ האט דערגרייכט, זיינען פון אזא הויך, פון אזעלכע ברייטע אויסבליקן, אז זיי און בלויז זיי גיבן דעם געהעריקן מאסשטאב, ווייזן די אייגנטלעכע גרויס פון דער דיכטערישער פערזענלעכקייט. עס איז מסתמא נישט קיין צופאל, וואס אין די קינסטלעריש־שלימותדיקע ווערק איז פרץ פראגרעסיוו, רעוואלוציאניזירנדיק, אנטפלעקט מיט דער גאנצער קראפט פון זיין טאלאנט זיין לויטערן הומאניזם. און דאס איז מאסגיביק, און דאס דעצידירט ער זאל פארנעמען דאס חשובסטע ארט אין דער יידישער ליטעראטור.

שטעלט זיך פאָרט די פראַגע:

פאַרוואָס־זשע האַלטן פאַר מעגלעך פיל שרייבער און קריטיקער, וואָס געפינען זיך אין לאַגער פון אַנגלאָ־זאַקסישן אימפּעריאַליזם זיך צו דעקן מיט דעם פּרץ־נאָמען?

זיי טוען אייגנטלעך דאָס זעלביקע, וואָס עס טוען די רוסישע ווייס־גוואַרדייער צו די פּוילישע רעאַקציאָנערן אין אַמעריקע און ענגלאַנד — בנוגע צו דער רוסישער און פּוילישער קלאַסיק, זיי ווילן מיט דער הילף פון די קלאַסיקער, וואָס זיינען באַליבט ביים פאָלק, דורך פעלשן דעם גייסט פון זייער שאַפן, אָפּנאַרן די פאָלקסמענטשן.

אין קאָנקרעטן פאַל מיט פּרצן, איז עס זיי מעגלעך צו טון אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט אין משך פון זיין שעפערישן וועג נישט איין מאָל אַ שפּאַציר געטאָן אויף זייטיקע וועגן און שטעגן — און טיילמאָל — (דער עיקר: אין די יאָרן 1907—1911) אָפּגעווייכט פון דעם רעוואָלו־ציאָנער־דעמאָקראַטישן הויפּטטראַקט פון זיין שאַפן. און די ברעקל־קלייבער פון דעם רייכן טיש נעמען דאָס נישט וועזנטלעכע, די זיגזאַגן — אַלס די הויפּט־ליניע, אַלס דעם קערן־צייכן פאַר פּרצעס פּערזענלעכקייט און פּרצעס שאַפן. זיי די כל־המינים שאָוויניסטן און פּראָפעסיאָנעלע מקונ־נים, נעמען דעם אות פאַר דעם אינהאַלט, דאָס ספּאָראַדישע אַלס דאָס באַשטענדיקע, דאָס צופעליקע אַלס דאָס כאַראַקטעריסטישע. זיי נעמען דווקא דאָס, וואו פּרץ צאָלט צינז זיין קלאַסן־אָפּשטאַם, און נישט די באַרג־שפּיצן צו וועלכע פּרץ האָט זיך דערקליבן און ווייט אַוועק פון דער השגות און געדאַנקען־וועלט פון זיינע אויסערשטע־בורזשואַזע־ליבעראַלע קלאַס, גע־ווענדט זיין בליק אין דער צוקונפט און שוין דאַן באַמערקט די קאָנ־טורן פון אַ נייער באַפרייטער ווירקלעכקייט, פון אַ נייעם, באַפרייטן, שטאָלצן מענטש פון דער נייער ווירקלעכקייט.

אָט ווי פּרץ האָט מיט קנאַפּע זעכציק יאָר צוריק געזען די צו־קונפט:

„די צוקונפט איז אַ טייל, אין וועלכן אַלע מעטאַלן וועלן זיך צעשמעלצן און עס וועט ווערן אַ גאָלדענע צייט, און ווענ־דנדיק זיך צו דער אינטעליגענץ, זאָגט פּרץ: — „עס איז שוין צייט, אַז אונדזער ווירקלעכע אינטעליגענץ זאָל פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פליכט, וואָס פאַר אַ התחייבות זי האָט פאַרן פאָלק... אַז אַרבעטן ביי זיך אינדערהיים, פאַר אייגענע ברידער, הייסט נישט אַרויסלאָזן די אַלגעמיין־מענטשלעכע פאָן פון דער האַנט... הייסט מוז אַרבעטן יעדערער ביי זיך, אַקערן און זייען זיין אָפּגעגרענעצ

געצט שטיקל פעלד, אויבוויל, אדער בעטער, — ווייל מיר האפן, אז די צוקונפט וועט זיין דער אלגעמיין־מענטשלעכער שפיכלער, אין וועלכן עס וועלן אריינקומען אלע ווייצן, די גאנצע תבואה, א שפיכלער, וואס וועט שפייזן אלע גלייך, שפייזן יעדן אומגעפרעגט, ווער זיין זיידע איז געווען, און נישט געקוקט פון וואס פאר א פארב זיין הויט איז..." (אלע קורסיוון פון פרצן — ש. ל.).

און ווי ווייט פרץ איז געווען פארקוקט אין מארגן זאל עדות זיין טרימצאַרנדיקע פובליציסטישע ארויסטרעטונג אין 1911 יאר, אין דער צייט, ווען דער וווקס פון נאציאנאליסטישע שטימונגען, פון דעם רופן „צוריק אין שול אריין" איז געווען באזונדערס שטארק אויף דער יידישער גאס. אט וואס פרץ זאגט דאן:

„און איר וואס ווילט?

ווילט איר חומש מיט רש"י־פרידיקער, צוריקרופן דעם נעכטיקן טאג?

גלוסט זיך אייך, איר אפשטעלער, אויסציען, וויניקסטנס דעם היינט איבער זיין גרענעץ און נישט צולאזן דעם מארגן?...

ווייסט איר וואס דאס באדייט? —

נעמען דעם לעבעדיקן זאמען, ארום וועלכע די שאל האט גע־פלאצט, וואס דארף אויפסניי פארפלאנצט ווערן, וואס זאל שענער און פארביקער אויפשפראצן, און צוריק אין דער שאל פארשליסן, און פארבינדן און ארומדראטן די שאל און א שפרוך זאגן: זאר מען, וואקס אין דער ענגשאפט, וואקס אין דער פינצטער!...

דאס הייסט אויך: די טויטע צו קבר־ישראל נישט ברענגען, אין שטוב לאזן און פארפעסטן די לופט".

אט אזא איז פרץ. אלס אזא פארהערלעכן מיר פרצן. מיר אכטן דעם קינסטלער, וואס האט אין זיין דיכטונג און פראזע באקעמפט די ליט, וואס ווילן די וועלט פארוואנדלען אין א קרעטשמע, א בערזע, א הפקר; דעם שעפער פון די מייסטערישע רעאליסטישע נאוועלן, וואו ער האט געגעבן ווירקלעכע בילדער פון יידישן לעבן, געוויזן די שווערע לאגע פון פאלקס־מענטש אין פון דער דאפלט־אונטערדריקטער יידישער פרוי, וואס די יידישע פארפרומטע ווירקלעכקייט האט ביי איר צוגענומען די וועלט און יענע וועלט... מיר אכטן פרצן פאר זיין פרעכטי־קער גאלעריע פאלקס־מענטשן, וועלכע סימבאליזירן די סאמע שענסטע מענטשלעכע אייגנשאפטן ווי ענוות, מסירת־נפשדיקייט, גוטסקייט, ליי־בע צום לײדנדיקן, ארבעטסזאמקייט, איבערגעגעבנקייט און טיפע ער־

לעבעקייט לגבי זיך און אַנדערע, פאַר זיין רוף אויף די חורבות פון דער אַלטער וועלט בויען אַ וועלט פון פרייע שטאָלצע מענטשן, פאַר זיין אויפוועקן דעם טרוים פון מענטשן־פאַרברידערונג, פאַר וועקן טיפן פאַטריאָטיזם און ליבע צו דער פּוילישער ערד, אָט די שטריכן פון זיין שאַפן און זיין פּערזענלעכקייט זיינען באַוואוסט דעם היינטצייטיקן לייענער פון פּרצן, זיינען נאָענט געווען דאַן בעת ער איז אין זיין ברייטער פּעלערינע, גראָבע צעפּלאָשעטע וואָנסעס, ווי ביי אַ פּוילישן שליאַכטשיץ אין גרינעם יעגער־הוט געגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, געשפּאַצירט אַרומגערינגלט מיט חברים און פאַרערער איבער דעם זאַקסישן גאָרטן. די הונדערט טויזנט יידן, וואָס האָבן דעם דריטן יוני פון 1915 יאָר באַגלייט פּרצן אין זיין לעצטן גאַנג אויף גענשער בית־עולם האָבן דאַן, פאַרשטייט זיך, נישט באַגלייט פּרצן דעם סתם־באַזיצער, גאָר פּרצן דעם לערער פון די פאָלקס־מאַסן, זייער האַרציקן פריינד, וואָס האָט פאַר זיי „נייע הימלען", „נייע וועלטן" אויפגעדעקט. בלויז דער שעף פון דער וואַרשעווער גמינע, אין וועלכער פּרץ איז געצוואונגען געווען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן צו אַרבעטן אַלס באַאַמטער (זיין רייכע, אומדערמידלעכע ליטעראַרישע טעטיקייט האָט אים קיין מעגלעכקייט אויף עקזיסטענץ נישט געגעבן...), האָט אויף פּרצעס קבר געהאַט צו זאָגן וועגן פּרצן בלויז דאָס, אַז „דיזער פּרץ וואַר איין גראָסער מאַן... ער האָט נים אין זיינעם לעבן צו דער אַרבעט פאַרשפּעטיקט"... (לויט א. קאַגאַנאָווסקיס דערינערונגען): די פאָלקס־מאַסן האָבן פּרצעס גרויסקייט געזען גאָר אין עפּעס אַנדערש ווי אָט דער פאָלקס־פרעמדער גמינע־שעף. זיי האָט געזען די גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָנהמנותדיק באַקעמפט די קאַפּיטאַליסטישע ווירקלעכקייט, די אומגערעכטיקייט און געוועקט דעם פאַרלאַנג, דעם טרוים וועגן אַ באַפרייט, פרידלעך לעבן.

* * *

פאַר דעם יידישן שרייבער אין פּוילן איז פּרץ נישט בלויז קיין קאָריפיי פון דער פאַרגאַנגענהייט.

פּרצעס דראַנג צו אַ לייטער, עניוותדיקן, נשמה־יתירהדיקן, שטאָלצן, קרבנותגרייטן, אויפגעקלערטן ייד־מענטש, מיטבוייער, בייטראָגער צום „אַלגעמיינעם מענטשלעכן שפּיגלער" איז אויך דער קרעדאָ פון יידישן פּראָגרעסיוון שרייבער, ווייל אַזעלכע זיינען די שטריכן פון מענטש אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. מיר ווילן נישט קיין בטלנים, מיר

ווילן נישט זען אין אונדזער סביבה קיין עגאָאיסטן, מיר ווילן נישט די מענטשעלעך מיטן מינדערווערטיקן ייִדן־קאָמפּלעקס. מיר ווילן זיין מיט־בירגער, מיטבויער, מיטקעמפער פאַר אַ גערעכט לעבן אויף דער וועלט, אָן מלחמות און נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען, מיר ווילן זען מענטשן, וואָס זיינען פאַרקוקט אין מאָרגן, וואָס רוען נישט אויף די לאָרבערן, מענטשן, וועלכע די דערגרייכונגען פון היינט זיינען אַ שפּרונג־ברעט צו נייע פאַרמעסטן און נייע דערגרייכונגען אויף מאָרגן.

עס היטן די פּרעסטראָדיציע, עס זיינען געטריי דער פּרעסטראָדיציע בלויז די, וואָס האָבן זיך געשטעלט מיט דער גאַנצער דעצידירטקייט אין לאַגער פון שלום און פּראָגרעס. די, וואָס פאַרקערפּערן אין זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט די אידעאַלן פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן פון פעלקער, וואָס זיינען גרייט אָפּצוגעבן זייער בלוט דעם אידעאַל פון וועלט און מענטש־באַפרייונג; היטער פון דער פּרעסטראָדיציע קאָנען זיין בלויז די, וואָס באַגנוגענען זיך קיינמאָל נישט מיט דעם דערגרייכטן און קוקן שטענדיק פאָרויס, גייען צו אַלץ גרעסערע פאַרמעסטן, וואָס באַקעמפן אַלדאָס פאַרזונדיקרעגאָאיסטישע, סעפּאַראַטיסטישע אין יידישן לעבן און ווייזן דעם וועג צו אַ ליכטיקן מאָרגן, אָט די, וואָס באַטראַכטן זיך ווי גלידער פון איין גרויסער פּראָלעטאַריש־אינטערנאַציאָנאַליסטישער פעלקער־משפּחה.

לייב מאָרגנטוי

צו י. ל. פרץ

ווען אויפזאַמלען וואָלסטו געקאָנט אַלע טרערן,
די זיפצן די שטילע, דעם יאָמער דעם שווערן,

דעם מוט פון די העלדן, די גרויסע נשמות, —
א הערלעכן קראַנץ וואָלסט געהאַט פון מתנות!...

עס האָט זיך געדוכט, אַז נישטאָ איז שוין קיינער...
נאָר זע — אויף די חורבות, אין טאָל פון די ביינער,

א ייד ווייזט זיך ווידער — באַקאַנט איז זיין פנים.
ער לעבט און איז דאָ, אויף להכעיס די שונאים!

פונוואַנען געקומען? וווּ זיך באַהאַלטן?
פון טויזנטער מיילן?... פון לעגער, פון שפּאַלטן?

פון טויזנטער־טויזנט פאַרבליבן איז איינער,
דאָס אומגליק צו זען און דעם בראָך צו באַוויינען, —

באַוויינען דעם בראָך... פון דאָסניי אָנצוהייבן
דאָס לעבן אויף חורבות מיט מוט און מיט גלויבן!

און ס'הערן די וויסטעס, די קברים מיט חידוש
די לאַנג שוין פאַרגעסענע קלאַנגען פון יידיש...

פון מזרח אַ מיידל, פון מערב אַ יינגל —
און ווידער באַהעפט זיך אַ רינג צו אַ רינגל.

אויף ערדן, פונוואַנען פאַריאָגט איז דער טויט,
נעמט ווידער זיך שמידן דיין גאָלדענע קייט!...

דוד ספּאַרד

די פּראָגרעסיווע ירושה פון י. ל. פּרץ

די שעפערישע טעטיקייט פון י. ל. פּרץ איז אויסגעפאַלן אין די יאָרן, ווען דער יידישער אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַלס קלאַס. די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט האָט אַרומגענומען אַ טיפער אי־נערלעכער אומרו. דאָס איז געווען דער אומרו פון אַוועקגיין פון אַן אַלטן אָפּגעלעבטן סדר און אַלטע אָפּגעלעבטע לעבנס־פאָרמען, און דער אומרו פון געבורט פון אַ נייעם לעבנס־שטייגער, פון נייע מענטשלעכע באַציונגען, פון אַ נייעם מענטש. י. ל. פּרץ, וועלכער האָט זיך אָן שום רעשט אָנגעשלאָסן אין דעם אויפקומענדיקן און נייעם, האָט אָבער ווי אַן עכטער קינסטלער און טיף־פילנדיקע פּערזענלעכקייט, נישט געקאָנט פאַרבייגיין די גסיסה־ווייען פון אַלטן און ער האָט, באַקעמפנדיק שאַרף און לײַדנשאַפטלעך מיט קינסטלערישן און פּובליציסטישן וואָרט די שעדלעכע איבערבלײַבענישן פון אַמאָל, זיך באַמיט גלײַכצײַטיק אָפּצוראַטעווען פון דעם אַמאָל דאָס ווערטפולע און פּראָגרעסיווע, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, אָפּראַטעווען עס פאַר דעם נייעם מענטש, פאַר דעם יידישן אַרבעטער, וועלכער דאַרף ווערן דער לעגיטימער יורש פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות פון דער פאַרגאַנגענהייט. די דאָזיקע טיפע פאַרשטענדעניש פאַר נאַציאָנאַלער קאָנטינואיטעט, ווי אַן אָרגאַני־שער טייל פון דעם נייעם פּראָגרעסיוון און עכט־הומאַניטאַרן וועלט־באַנעם, וועלכן עס האָט מיט זיך געבראַכט דער אויפקום פון אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער־קלאַס, איז געוואָרן דער ווינקל־שטיין פון דער נייער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, פון דער נייער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט. ווי גאָלד־שטויבעלעך צווישן זאַמד, האָט י. ל. פּרץ מיט טיפזיניקער דורכדרינגלעכקייט און אייגנאַרטיקע דע־ליקאַטע פאָרמען פון אַ גרויסן קינסטלער צונויפגעקליבן די עטישע ווערטן,

וועלכע דאָס פאָלק האָט געשאפן אין משך פון יאָרהונדערטער און וועלכע זיינען פאַר דער צייט געוואָרן באוואָקסן מיט רעליגיעזער צביעות און שטיגעדיקע געוואוינהייטן. קעמפנדיק אויף דער פלאַך פון דער קעגנוואַרט מיט פלאַמיקן טעמפעראַמענט קעגן אַלץ, וואָס איז אין יידישן לעבן געווען צוריקגעשטאַנען, אומגערעכט און אָפּגעזונדערט פון אַרום, האָט ער גלייכצייטיק געגראָבן טיף אין דער פאַרגאַנגענהייט, כדי מיט די פאָלקסטימלעכע פונקען, וועלכע ער האָט פון דאָרט אַרויסגעהויבן, נאָך מער באַרעכטיקן און באַפעסטיקן דאָס נייע, יונגע לעבן, וואָס קומט אויף, וואָס איז שוין אויפגעקומען. זיינע ראָמאַנטישע אַנקלייַדונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן אָפטמאָל פאַראַנטן אַזאַ קלוגן אַיראָנישן שמייכל, זיינען העריבער אין זייער תוך געווען טיף פּראָגרעסיוו און אינערלעך אויפרייסעריש, נישט ווייניקער פון זיינע רעאַליסטישע דראַמען און נאָוועלן אין באַצוג צו דער קעגנוואַרט. ביידע זייטן, געשטאַנען צו דינסט דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, געוועקט זיין באַוווסטזיין, זיין געפיל פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער ווירדע, זיין קראַפט פון ווידערשטאַנד קעגן יעדער רעליגיעזער פינצטערניש און עקאָנאָמישער אומגערעכטיקייט. דער האַזיקער טיפער באַהעפט פון דעם אַלעמען, וואָס איז געווען פּראָגרעסיוו און שעפעריש אין דער פאַרגאַנגענהייט, מיט דעם, וואָס איז פאַרגעשריטן אין דער קעגנוואַרט, האָט פּרעצעס שאַפן פאַרוואַנדלט אין אַ לויטערער שוועל, וועלכע סע קאָן נישט אויסמיידן קיין שום עכטער שרייבער, וואָס מיינט אויפריכטיק צו דינען מיט זיין שרייבן דעם פאָלק.

י. ל. פּרץ, וועלכער איז שוין אַליין געוואָרן פאַר אונדז אַ גרויסע און ווערטפולע קולטור־ירושה, האָט אונדז מיט זיין אייגענעם שאַפן געלערנט און באוויזן, ווי אַזוי אַ פאָלקס־שרייבער דאַרף אויפנעמען און איבערנעמען די קולטור־ווערטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַזוי ער דאַרף אויפזוכן די געזונטע קערנער פון עכטן פאָלקס־אוצר צווישן די ווילדע קולטור־אַנוווּקסן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן און ווי אַזוי ער דאַרף זיי לאָזן זיך אַנטוויקלען אויף דעם באָדן פון אַ נייער ווירקלעכקייט. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף צו זיין אַקטועל פאַר יעדן פאָלקס־שעפער, בפרט ביי אונדז, וווּ דאָס לעבן ווערט איבערגעבויט אויף נייע און פרייע יסודות און ווּ עס פאָדערט זיך אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון אַלע אונדזערע קולטור־ווערטן אין דער נאָענטער און ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווי אין אונדזער קעגנוואַרט.

י. ל. פּרץ האָט געגלויבט אינעם מענטש, געגלויבט אין דער צוקונפט פון אַרבעטנדיקן פאָלק, אין דער פריינדשאַפט פון פעלקער, און דער

האָזיקער גלויבן האָט באַלויכטן פאַר אים די אָנגעהויפּטע טונקעלע שיכטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און דערמעגלעכט אויסצוגראָבן פון זיי דאָס וועזנטלעכע, דעם סאַמע עיקר, ווי בריליאַנטן פון דער טיפעניש פון דער ערד, וואָס זייער אינערלעכע שיין אַנטהאַלט אין זיך דעם זין און סך־הכּל פון מיליאָניקע לעבנס פון צמחים אין משך פון טויזנטער יאָרן!

זיינע שיינע, קלוגע און טרויעריקע מעשׂיות וועגן יידן פאַרהאַוועטע און פאַריאָגטע אין עול פון פּרנסה, אין עול פון קינדער, און טאָפּלטן עול פון היימישער און פרעמדער אונטערדריקונג; וועגן יידן, אויסגעטווערנע פון דער וועלט — אָרעמע יידן, וואָס די פּיין פון דעמאָלטיקן לעבן האָט זייערע אויסגעדיווערטע גופים און קראַנקע נשמות פאַרטריבן אין אויסגעטראַכטע גײַסטיקע־געשטיגענע וועלטן; וועגן יידישע פרויען, וואָס פאַרטרויערן מאַמעס און טאַטעס, באַלעבאָסטעס אין שטוב און ברויט־געבער אין גאַס — אָרעמע יידישע פרויען, וואָס האָבן אויף דער וועלט אָפּגעגעבן זייער נחת און רו, כּדי צו זיין דאָס פוס־בענקעלע פון מאַן אויף יענער וועלט. — די דאָזיקע שיינע, קלוגע און טרויעריקע מעשׂיות זיינע האָבן אונטערגעשווענקט דעם פאַרגליווערטן יידישן לעבנס־שטייגער פון יענער צייט, ווי פרילינגדיקע שוואָמען — לעצטע, קוויטשע־נגע־וואַרעמע און איינגעשרומפּענע הויפּנס שניי, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן פון ווינטער אין די שאָטנדיקע ערטער, וווּ קיין זון קומט קיינמאָל נישט צו.

ציטראַנוויטש קאָן זיך דאַכטן: ער פאַרשענערט דעם נעכטן, הייבט אַרויס זיינע מנהגים און לעגענדעס, אידעאַליזירט זיינע טיפּן און העלדן. אָבער אין תּוך איז דאָס אַן אַרויסהייבן און ווירקלעכן דיאַלעקטישן זין פון וואָרט, אַן אַרויסהייבן, וואָס רייסט אויף פון אינעווייניק — אָפּטמאָל נישט באַמערקט, נאָר ענדגילטיק — דעם אַרויסגעהויבענעם קאָנשטאַנד, נעגירט אין אים דאָס צופעליקע און ציטוויליקע און לאָזט איבער בלויז דאָס וועזנטלעכע, דאָס לאַנגדויערנדיקע.

קאַמף קעגן פאַנאַטיזם און אונטערדריקונג און ליבע צום פּשוטן מענטש

איינער פון די עיקרדיקסטע מאָטיוון אין פרצעס שאַפן איז דער קאַמף קעגן דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש, קעגן רעליגיעזן אַסקעטיזם און קעגן דער פאַרקנעכטונג פון מענטש דורך מענטש.

דער דאָזיקער מאָטיוו גייט אַדורך, ווי אַ רויטער פֿאָדעם, כמעט דורך אַלע זײַנע ווערק. איר האָט אים אין דער ערשטער פּאָעמע „מאָניש" און אין דער מערהייט פֿון זײַנע סקיצן, נאָוועלן און דראַמאַטישע שאַפֿונגען.

י. ל. פּרץ שפּינט אָן אויפֿהער דעם חלום פֿון יענער צייט, ווען איין מענטש וועט אין צווייטן אַ מענטש דערקענען און אַלע, אַלע וועלן אָנ־הייבן רעדן אויף דער איינציק־מענטשלעכער „שטראַלנדשפּראַך" די שפּראַך פֿון „אייביקן פֿרידן און ורגעה־לאַנד" די שפּראַך פֿון אַ יונגן נײַעם דור מיט פֿליגל, „אַ דור, וואָס וועט זיך מער נישט וואַלגערן אין בלאָטע און וועט זיך מער נישט רײַסן איבער אַ פּרנסה־ווערעמל" — — — — —

דער דאָזיקער מאָטיוו פֿאַרנעמט אויך דעם אויבנאָן אין פּרצעס פּו־בליציסטישע שאַפֿונגען.

באַזונדערס בולט טרעט אויף אין פּרצעס ווערק די האַרציקע ליבע צום אַרבעטנדיקן פּשוטן פֿאָלקס־מענטש. פּרץ הייבט אַרויס זײַן טיפֿן אָפּ־טימיזם און בטחון, זײַן נאַיווען גלויבן אין יושר און זײַן נאַטירלעכן עטישן אינסטינקט:

„ערגער, נײַן שׂרה! זינדיק נישט מיט די רייד! פֿאַראַיאָרן איז ערגער געווען, ערגער אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן אַ דירה, די קינדער האָבן זיך ביטאָג געוואַלגערט אין גאַס, בײַנאַכט — אין די הויפֿן... היינט כאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך" („דער תּענית").

טילמאָל בלויז לויכט אויף פֿון אונטער דער דאָזיקער רירנדיקער תּמימות און נאַיווען גלויבן פֿון יידישן פֿאָלקס־מענטש פּרצעס טרויערי־קער איראָנישער שמייכל:

„צווישן מנחה און מעריב האָט מען אָנגעהויבן פֿון פּאָליטיק. נאָך מעריב איז מען אַראָפּ אויף יידן! דאָס רוב איז שרעקלעך אָפּטימיסטיש. ערשטנס, מיינט מען נישט זיי, צווייטנס, וועט מען זיך מיט „יעווקולען" נישט קיין עצה געבן — שׂכל האָט ער! דריטנס, גייט עס ווי אַ רעדל, אַביסל אַרויף, אַביסל אַראָפּ. פֿערטנס — וועט גאָט העלפֿן, פֿינפֿטנס, וועלן גוטע יידן נישט דערלאָזן"... („רייזע־בילדער: דערציילטע מעשׂיות").

דער מאָטיוו פֿון מאָראַלישער שלימות פֿון יידישן פֿאָלקס־מענטש, פֿון זײַן אינערלעכער ערלעכקייט און נישט גלויבן אין זיג פֿון רשעות הערט זיך איבער אין אַ גאַנצער רײַ פֿון פּרצעס שאַפֿונגען.

פרץ דער בונטאַר און אויפרייסער פון אַלטע פאַרגליווערטע פאָרמען

פרצעס גאַנצע שאַפונג איז פול מיט בונט און מרידה קעגן צידוק־הדין, קעגן דעם אָננעמען פאַר גוט אַלץ, וואָס געשעט, קעגן די קליינע השגחהלעך, און אויף פאַרשידענע אופנים, דורך דירעקטן פּראָטעסט, אָדער מיט דער הילף פון שטילער, נאָר ביסיקער איראָניע, רעאַליזירט ער קינסטלעריש דעם דאָזיקן מאָטיוו אין פאַרשידענע געשטאַלטן.

„באַשפּריצט מיט פרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פון פרעמדע מיילער, געיאָגט פון די טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אין די גאַסן צווישן דראָשקעס, קאַרעטן און טראַמווייען, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט געשוויגן ביים גוססן, ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן"... („באָנציע שווייג").

אָדער:

„פּראָטעסט קעגן שאַף, קעגן לעמער פּראָטעסט,
וואָס זאָגן נאָר ווידוי.
פּראָטעסט קעגן גוססן און שטאַרבן פאַר שרעק...
פּראָטעסט אויף דער ערד, וואָס זאַפּט איין דאָס בלוט".
(„ער און זי")

צי:

„וואָס דאַרף אַ ייִדענע וואָס פעלט איר? תכריכים האָט זי שוין"... („וואָס פעלט אַ ייִדענע").

מיט אַ בולטן אַקצענט פון פאַרביטערטקייט און ווייטיקלעכן סאַר־קאַזם טרעט אויף דער זעלבער מאָטיוו אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

„לעבט — וואָס איר האָט נישט דערלעבט! פילט — וואָס איר האָט נישט דערפילט!" — רופט דער בדחן צו די מתים.

„טאַנצן, טאַנצן! — רופן די טענצער־שטימען: פלאַמט כאָטש איינמאָל אויף איינגאַנצן".

מיט ביסיקער איראָניע פירט פרץ אַרויס אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" דעם אָנגעזעלשאַפטלעכן שטימונגסדיכטער, וועלכער זינגט זיך זיינע עסטעטיש־יחידישע לידלעך חעמלט, ווען עס שפּילט זיך אָפּ די טראַ־

געודיע פון זיין פאלק. דער שטארקער דראנג נאך אויסלייזונג און דער טראגישער געראנגל מיט דער אייגענער מאכטלאזיקייט, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין דער דאזיקער דראמע דורך פארשידענע סימבאלישע געשטאלטן, מישן זיך אויס צוזאמען און נעמען אָן די פארשידנסטע פארמען פון פראטעסט, פון סארקאסטישע ווענדונגען און פון שטילער איראניע, וועלכע זיצן אין דער ערשטער ריי געווענדעט אויף זיך אליין, אויף דעם אייגענעם קיבוץ.

אפילו אזא „חסידישע" — אין איר אויסערלעכער פארם — דערציילונג, ווי: „אויב נישט נאך העכער" מיט איר ערנסטן און אידעאליזירנדיקן טאן לגבי דעם רבין פון נעמירָאוו, מיט איר „נצחון" פון דעם דאזיקן רבין איבער דעם מתנגדישן ליטוואק — צי רייסט זי דען נישט אויף פולשטענדיק דעם „חסידות" אלס גאנצעס, צי לאכט זי דען נישט אויס טיף און קלוג אלע פינצטערע און נארישע אנהענגער פון דער דאזיקער פאנאטישער באוועגונג מיט זייער גלויבן אין נסים און אין אומנאטירלעכע כוחות, ארויסהייבנדיק גלייכצייטיק דאס עכטע מענטשלעכע געפיל?

און די דערציילונג „אראפגעלאזטע אויגן" מיט איר שיינער יידישער פאלקסטימלעכקייט סיי אין דער פאבולע, סיי אין דערציילנוסח — צי איז זי נישט די טיפסטע אונטערגראבונג אונטער דעם גאנצן פארגליווערטן און זינלאזן לעבן פון יענער צייט, א לעבן, אין וועלכן די אויסערלעכע פארם פון רעליגיעזער און שטיינערדישער צביעות האט פארטראטן יעדע אמתע אינערלעכע עטישע ווערט?

און די וואונדערלעכע דערציילונג „מקובלים" מיט איר ספעציפישער פרצישער פארטיפונג אין סטיל און אין אינהאלט, מיט איר כלומרשטער פארהערלעכונג פון די העלדן און פאעטיזירונג פון זייער אויפפירונג — צי באדייט זי נישט אין דער ווירקלעכקייט דאס פולשטענדיקע אראפרייסן דעם הייליקן פארהאנג פון דער דאזיקער געהיימער רעליגיעזער לערע און א דינער וויציקלעכער חוזק איבער דעם צושטאנד פון די מענטשן, וועלכע זיינען אין דער לערע פארטאן, דורך דעם אנווייזן די אמתע סיבה פון דעם דאזיקן צושטאנד זייערן — הונגער, נויט, קערפערלעכע אויסשעפונג און קרענקלעכע האלוצינאציעס? אבער גלייכצייטיק, ביי דעם דאזיקן דיסקרעטן חוזק — וויפל נשמה־שיינקייט און בענקשאפט נאך שלימות, נאך אינערלעכער הארמאניע דעקט אויף פרץ אין די דאזיקע אָרעמע פאלקס־מענטשן!

דעסגליכן וויפל דיסקרעטער אויפריס־שטאָף, וויפל איידעלער בונט פון באַוואָלהטע נשמות און באַליידיקטע מענטשלעכע הערצער איז געפילן און אָנגעזאַמלט אין אַזעלכע דערציילונגען ווי: „דער תענית", „דער משולח", „מענדל בריינעס", „אין קעלער־שטוב", „חתונה געהאַט", און צענדליקער אַנדערע. שוין אָפּגערעדט פון דעם אָפענעם פּראָטעסט און בונט, וועלכע פּרץ פאַרקערפּערט אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן קינסטלערישן אופן אין אַזעלכע דערציילונגען, ווי: „באָנציע שווייג", „אַ כעס פון א יידענע", „די פרומע קאַץ", „וועבער־ליבע", „דאָס שטריימל" און פיל אַנדערע — פּראָטעסט און בונט קעגן פאַרשעמטע מענטשלעכע לעבנס, קעגן פאַרפינצטערטע וועלטן פון פרויען, יוגנטלעכע און קינדער, קעגן א וועלט, וואָס איז פאַרקלעמט אין פּענטעס פון שקר און אונטערדריקונג, א וועלט פון גייסטיקער און פיזישער פאַרקריפּלונג.

דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער פּרציאַנישער בונט, וועלכער איז אַזוי טראַדיציאָנעל־פאָלקסטימלעך אין זיין אויסערלעכער פאָרם און אַזוי שטורמיש־אויפרייסעריש אין זיין אינהאַלט, קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג פאַר דעם 1905 יאָר, ווען פּרץ איז געווען גאַנץ און האַרמאָניש מיט זיך, מיט ליב און לעבן געווען באַהאַפטן מיט דעם אויפגייענדיקן באַפרייענדיקן כוח אויף דער יידישער גאַס און טיף דורכגענומען מיט דעם טרוים פון פולינם נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג, נאָר אויך שפּעטער אין די יאָרן פון זיינע וויטיקלעכע זוכענישן און אינטעליגענטישע בלאָנדזשענישן. אויך די „גאָלדענע קייט" רייסט אויף פּרצעס אומרויקער גייסט ווי א באַרגיקער שטראָם, אויך „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" טראָגט זיך דורך זיין צעבונטעוועט געמיט ווי א שטורעם, וואָס צעטרייסלט די פונדאַמענטן פון דער פאַרשימלטער איינגעזעסנקייט פון דעם באַלעבאַטישן „געמיטלעכץ", טראָגט אַריין אומרו און אויפרודער.

די ליניע פון בונט, וועלכע פּרץ האָט אָנגעהויבן אין זיין ערשטן ווערק אויף יידיש, אין דער פּאָעמע „מאָניש", קעגן דעם פאַרגליווערטן און פאַרשימלטן יידישן לעבן, די ליניע פון קאַמף פאַר א בעסער לעבן, פאַר א פריי געניסן פון דער שיינער ערדישער וועלט, ווערט נישט איבערגעריסן. נישט מער אויף דעם צייט־אָפּשניט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז די דאָזיקע ליניע נישט אַזוי איינדייטיק אין איר אָנווענדונג, נישט אַזוי קלאָר און קאָנסעקווענט דורכגעפירט. א צייטווייליקע פאַרנעפּלונג נעמט אַרום פּרצעס געמיט, א מאָמענטאַלע וואַקלעניש אויף דעם גרויסן שיידוועג פון דער געשיכטע, וועלכע לויערט אויף אים די

גאַנצע צייט פֿון הינטער דער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך דער־צויגן, און מיט וועלכער ער האָט פּראַקטיש קיינמאָל נישט איבערגעריסן איינטאַנצן.

אָבער די חאַזיקע פֿאַרנעפּלונג און וואַקלעניש איז דאָס זעלבע צייט ווייליקע און צופֿעליקע וואָס פּרץ גופֿא האָט אָפּגעוואָרפֿן און פֿאַרלייקנט ביי די העלדן פֿון זיינע לעבנסחוועריק, ווי דאָס פּסולת פֿון דער צייט.

דער אמתער, עכטער י. ל. פּרץ — דאָ איז דער דיכטער פֿון גלויבן און בונט: פֿון גלויבן און זיג פֿון ליכט און פֿון פֿרייהייט, פֿון גלויבן אין דער צוקונפֿט פֿון אַרבעטס־מענטש און פֿאָלקס־פֿאַרברידערונג, און פֿון בונט קעגן אַלץ און אַלעמען, וואָס שטייט אויף דעם וועג פֿון דער דאָזיקער צוקונפֿט.

זיין אומרויקע בונטאַרישע נשמה געפֿינט רו בלויז אין דער נאַטירלעכער שלימות פֿון אַרבעטער און פֿאָלקסמענטש, און זיין ברוויזנ־דיקן גייסט שטילט ער אין בלויז מיט דער געזונטער און אוממיטלבאַ־רער עטיק פֿון זייער אָרעם, נאָר ערלעך לעבן און מיט דעם קליינעם נאָר עכטן ביסעלע פֿרייד, וואָס זיי באַווייזן, ווי א נס, פֿון דעם דאָזיקן לעבן אַרויסצובאַקומען. וואָס פֿאַר א זוניק געמיט י. ל. פּרץ אַנטפּלעקט דאָרטן, וואָס פֿאַר אַן אויפֿריכטיקייט פֿון איבערלעבונג און געפֿיל! און מיט וואָס פֿאַר א שטילער קוועלנדיקער פֿרייד ער פֿאַרוויקלעכט דאָס קינסטלערישע אין „שלום בית“, און „קעלער שטוב“, אין „זיבן גוטע יאָר“ און אין פֿיל אַנדערע.

פֿון די דאָזיקע אַלע פֿאָלקסמענטשן, געשילדערט מיט אַזויפֿיל האַרץ און פּיעטעט דורך י. ל. פּרצן, שטראָמט רירנדיקע מענטשלעכע ליבע, נאַטירלעכער גלויבן, פּשטות און גרויסמוט.

אַזאַ האָט פּרץ געזען דעם יידישן אַרבעטער און פֿאָלקסמענטש, אין אַזעלכען האָט ער געגלויבט, אַז בלויז ער — ער, וואָס איז דאָס פֿאָלק! איז אומשטאַנד אויסצולייזן די וועלט, אַריינצוברענגען יום־טוב אין אַנדערער וואָך און צו געבוירן א דור מיט פֿליגל, וואָס וועט זיך אויפֿהייבן הויך איבער דער נידעריקייט און רשעות פֿון די, וואָס מיט אַיין האַנט צערטלען זיי דעם גאָלדענעם קאַלב און מיט דער צווייטער — די שווערד פֿון פֿאַרניכטונג. „פֿון משיחן חלומט מען אין אַנדערער סוטעריגע, דאָס מענטשלעכע געפֿיל רויטלט די הונגער־בלאַסע באַקן, די מענטשלעכע האָפֿענונג בליט פֿון די ברענענדיקע אויגן אַרויס — — — —“

פרץ דער רעוואלוציאנערער גייסט און אינטערנאציאנאליסט

די טעמאטיק פון י. ל. פרצעס שאפונגען איז, אין גרונט גענומען, ענלעך צו דער טעמאטיק פון דער שפעטערישער השכלה און פון דער גאנצער יידישער קלאסיק. אויך ביי י. ל. פרצן קומט צום אויסדרוק דער קאמף קעגן דעם פאנאטיזם און דער אפגעשטאנענקייט פון די יידישע מאסן, קעגן דער צביעות פון די כלי־קודש און בלוטזויגערישקייט פון די קליינשטעטלדיקע בעלי־תקיפים און גבירים, דער קאמף פאר בילדונג, וויסן און פראדוקטיווער ארבעט. אבער אין י. ל. פרצעס ווערק קומען נאך צו אייניקע נייע מאמענטן, וועלכע גיבן זיי צו א באזונדערן אייגנארטיקן כאראקטער. די דאזיקע מאמענטן זיינען: דאס וועקן און ארויסהייבן די נאציאנאלע און מענטשלעכע ווירדע ביי דעם יידישן פאלקס־מענטש, דאס אומאויפהערלעכע אקצענטירן פון דעם עכטן הומאניזם, מענטשנפריינדלעכן און בשותפותדיקן פאר אלע מענטשן און פאר אלע פעלקער, די ספעציעלע פאראינטערעסירונג מיט דעם גורל פון דער יידישער פרוי און דאס כסדרדיקע פראפאגירן די איינגעווארצלטקייט פון פוילישע יידן אויף דער פוילישער ערד און די געמיינזאמקייט פון זייערע שטרעבונגען און פון זיין קאמף מיט די שטרעבונגען און קאמפן פון פוילישן ארבעטסמענטש פאר א שענערער און פרייערער צוקונפט.

די דאזיקע אלע מאמענטן אין י. ל. פרצעס שאפן זיינען ענג פארבונדן מיט דער דערוואכונג און אנטשטייונג פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג אין יענער צייט.

די זעלבסטדערקענטעניש פון די יידישע ארבעטער אלס קלאס און די זעלבסטבאזיניקונג פון זייער ראל, אלס יורש פון דער בורזשואזיע, האט אריינגעבראכט אין דעם דעמאלטיקן אפגעשטאנענעם יידישן לעבן, וואס איז נאך אלץ געווען אפגעצוימט פון דער גאנצער וועלט דורך אינערלעכע און אויסערלעכע צוימען, נישט בלויז א פרישן שטראם פון וועלטלעכקייט, נאר אויך נייע באגריפן וועגן ייד און נישט־ייד און וועגן זייערע קעגנזייטיקע באציונגען. עס איז געווארן ביז גאר נאטירלעך די געמיינזאמקייט פון קאמף פון די יידישע און נישט יידישע מאסן מיט זייער געמיינזאמען באדריקער, און עס האט זיך אויך וועזנטלעך געענדערט די באציונג פון באוווסטזיניקן יידישן ארבעטסמענטש צו זיין געבורט־לאנד. ער האט זיך אויפגעהערט צו באטראכטן אלס פרעמדער, נאר אלס גלייכער מיטבירגער מיט זיין פוילישן חבר, מיט

וועלכן ער דארף גיין האנט ביי האנט, כדי צוזאמען אויסצוקעמפן די פרייהייט. די הארציקע פולשטענדיקע איבערקערעניש אין די מוחות לגבי דער איינגעשטעלטער סכעמע פון ייד און נישט־ייד און לגבי דעם „גלות", א סכעמע, וועלכע איז חורות־לאנג געווארן געפלעגט דורך דער יידישער רעליגיע און דורך דער יידישער בורזשוואזיע, האט געפונען איר בולטן אויסדרוק ספעציעל אין די פובליציסטישע שאפונגען פון י. ל. פרץ.

אזוי, למשל, זאגט פרץ אין זיין ארטיקל „מיין ענטפער" (צום קור־ריער ווארשאווסקי)

„האנט ביי האנט ווען מיר גיין מיט יונג־פוילן, וואס בויט נישט אויף באזיץ, נאר אויף ארבעט, וואס וויל נישט לעבן (צו אונדזער שאדן!) פון מאנאפאלן און פריווילעגיעס און וויל אונדז באצווינגען מיטן אלטן פוילן, מיטן באצווינגערישן, הערשזיכטיקן, ווילן מיר קיין שותפות נישט מאכן, חאס איז דער שימל, וואס מוז אראפ צו אונדזער שאדן און צו שאדן פון פוילישן פאלק".

דאסגלייכן, ווען פרץ טרעט ארויס קעגן ד"ר נוסבוים פאר זיין דערקלערן זיך אין ליבע (אין קורריער ווארשאווסקי) צום — פאטער־לאנד, זאגט ער דיטלעך:

„געפונען דאס ארט, געפונען די צייט!".

ער פרעגט נישט אפ בכלל פוילן אלס פאטערלאנד, „די פראגע איז נאר — זאגט פרץ — וואס א „פאטערלאנד" מיינט ער? וועמענס פאטערלאנד? פארן אלערליי פאטערלענדער!" „ווען די גרויסע, די וווויל־טאגיקע קלאסן רירן דעם גרויסן גלאק און קלינגען: „פאטערלאנד! ווייסט מען: פאר זיי איז א חגא, פארן פאלק א שרפה! דאס פאר־שפרייט מען א נעץ פאר די קליינע פישעלעך, דאס גיסט מען פארסמטן האניק פאר ארעמע פליגן...

קלינגט „ווישעך פאלסקא", הייסט עס; קום, אוקראינע, ליטע, ווייסרוסלאנד צוריק, לאזט זיך אויסמענטשלען און פארפוילישן... אבי־סעלע, א קליין ביסעלע באצווינגען...

קלינגט אויפן גרויסן גלאק פון פאטערלאנד דער פריץ, מיינט ער דעם פויער און ערד! איי, פויערל, פארלאז נישט דיין פאטער־לאנד. זוך נישט קיין ערד מעבר־לים, זוך נישט קיין ארבעט, שניט־צייט, ביי דיין פארשאלטענעם שונא, דעם שוואב, און גיי אפילו נישט אין דער זינדיקער שטאט, אין פאבריק ארייו... איך דארף דיינע הענט!

ער אליין פארט אין די — בעדער, הוליעט אין אלע גרויסע שטעט, שפילט אין מאנאקא... בלייבט אים געלט, האלט ער עס אפילו אין א שווייצערישער באנק, אבי נישט אין דער היים. ער דארף אבער א ביליקן שניטער, א ביליקן „מענטש" צום פלוג און צו זיינע פערד און קי. און וואס מער פויערן און ערד ער עס גייען אפ, מער צאלן מוז ער, מער אורדי-נאריע געבן! אלץ אין א גרעסערער געפאר איז זיין פאטערלאנד!

און קלינגט ער־געוואלד, אויף דעם גרויסן גלאק די גרויס־אינדוסטרי, דאס פאטערלאנד איז אין געפאר! זיין כבוד פארשוועכט! הייבט די פאן פון הייליקן פאטערלאנד! —

הייסט עס:

גיב, פאלק, קאנאנען־פלייש צו באקומען פאר מיר נייע מערק, צו שיצן מיין האב און גאב אין דער היים און אין דער פרעמד!

הער, וואס ארבעט און לעבט פון אייגענער ארבעט, דער האט אן אנדער פאטערלאנד: ער בויט עס אנדערש, שיצט עס אנדערש און קלינגט קיינמאל נישט אויפן גרויסן גלאק: זיין חגא איז נאך נישט געקומען!".

ווי לעבעדיק י. ל. פרץ שטעלט דא פאר דעם קלאסן־צוגאנג פון ארבעטנדיקן מענטשן צום באגריף — פאטערלאנד! ווי סארקאסטיש ער רייסט ארונטער דעם פיקטיוון און צבועותדיקן „פאטריאטיזם" פון די פארשידענע הערשנדיקע קלאסן אין יענער צייט, פאר וועלכע „פא-טערלאנד" איז אין תוך נישט מער ווי א רווחדיק געשעפט פאר זיך, און א פולאפקע פאר דעם נישט באוואוסטזיניקן ארבעטנדיקן מענטש!

דאס אויפוואכן פון ארבעטס־מענטש האט אויך מיטגעווירקט צו א פולשטענדיקן איבערבריך אין אינערלעכן יידישן לעבן, אין וועלכן עס האבן נאך אלץ דאמינירט אסקעטישע באגריפן און מיטלאלטער-לעכע, פאטריארכאלע באציונגען, נישט געקוקט אויף דער אויפקלער-רונגס־באוועגונג, וועלכע האט שוין לאנג עקזיסטירט, און די דאזיקע באגריפן און באציונגען אויף איר אופן באקעמפט. עס האבן זיך גער שאפן גאר נייע פארשטעלונגען וועגן דעם פארבאטענעם „עולם־הזה", וועגן דעם פשוטן גשמיותדיקן לעבן, וועגן פרייד און געניוס; עס האט זיך געענדערט די באציונג צום „שיינעם יידן", צום בעל יחוס און גביר, וועלכע האבן ביז העמלט געהערשט אין דער יידישער געזעל-שאפט, און עס האט זיך אויך קארדינאל געביטן די באציונג צו דער יידישער פרוי, אויף וועלכער מען האט ביז איצט געקוקט ווי אויף א פוס־בענקעלע פון מאן.

דעם דאזיקן איבערבהיד אין אינערלעכן לעבן ברענגט ארויס י. ל. פרץ אין אלע זיינע ווערק, וועלכע רייסן אויף פון אינעווייניק די פארגליווערטע דאגמאטישקייט פון יידישן לעבן, ארויסהייבנדיק הערפן דאס ריין־מענטשלעכע, ווי אין די פאלקסטימלעכע געשיכטן", „חסי־דיש", „סימבאלישע מעשהלעך" און אנדערע, אדער וועלכע גרייפן אן דירעקט דעם פאנאטיזם, די צביעות און אומגערעכטיקייט פון ארבעט־נדיקן פאלקס־מענטש און פון דער פארהארעוועטער און דערשלאגענער יידישער פרוי, ווי אין „מוסר", „באנציע שווייג". „דאס שטריימל", „די פרומע קאץ", „מענדל בריינעס", „א כעס פון א יידענע", „וועבער־ליבע", און צענדליקער אנדערע.

אבער נישט אין די נייע טעמאטישע מאמענטן באשטייט דער עיקר די אייגנארטיקייט פון י. ל. פרצן, זיין אייגנארטיקייט באשטייט אין דעם ספעציפישן אופן פון רעאליזירן זיי. פרצעס ווארט און בילד זיינען אומעטום און שטענדיק אנגעלאדן מיט אינערלעכן בונט און אויפרייס־שטאף, אפילו דארט, ווען אויסערלעך גענומען, זיינען זיי איינגעהילט אין א ראמאנטיש־אידילישער פארם. א היסער אומרו גייט ארום אין אלע זיינע ווערק. אין די 90־ער יארן איז עס דער אומרו פון זוכן נייע אינהאלטן און נייע פארמען. שפעטער איז עס אויך דער אומרו פון אינערלעכע געראנגלען צווישן רעוואלוציאנערע אויפברויזן און באשטימטע געוווינהייטן און בענקשאפטן פון נעכטן. אפטמאל האט י. ל. פרץ געזוכט אן אויסוועג אין דער באהעפטונג פון דעם נייעם מיטן אלטן, באמיט זיך נייע אינהאלטן איינפאסן אין אלטע לעבנספארמען. דאס האט זיך אבער נישט שטענדיק געלאזט טאן, ספעציעל אין די פאלן, ווען די דאזיקע אלטע פארמען זיינען געווען נישט בלויז אויסער־לעכער שטייגער, נאר וועזנטלעכער אויסדרוק פון א צוריקגעשטאנענער אפשטארבנדיקער וועלט, ווי אין „דער גאלדענער קייט", אין א גאנצע ריי „פאלקסטימלעכע געשיכטן" און אנדערע. דאקעגן האט זיך די דא־זיקע באהעפטונג איינגעגעבן אומעטום, ווו י. ל. פרץ האט דאס נייע קינסטלעריש רעאליזירט אין הסכם מיט זיין אייגענעם דיאלעקטיש־פארטיפטן בליק, אז „דאס נייע קאן ארויסשפראצן נאר דעמאלט, ווען דער אלטער זאמען, וואס דארף עס ארויסרופן פוילט און שטארבט, ווארום דאס נייגעשפראצטע איז נישט נייבאשאפן, נאר דאס לעבן פון געשטארבענעם אין א נייער פארם" („געדאנקען איבער ליטעראטור").

מיט דער ראמאנטישער פארם באנוצט זיך י. ל. פרץ אין א גאנצע

ריי שאַפֿונגען, ווי: „חסידיש", „די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", „די גאָלדענע קייט" און אַנדערע, אָבער אין זייער אינהאַלט ריסן אויף די דאָזיקע שאַפֿונגען דעם אַלטן רעליגיעזן לעבנסשטייגער, אויסשיילנדיק פֿון אים די פֿאַרשטעלונג פֿון עטישער שלימות און מענטשלעכער גוטסקייט, וועלכער דער פּשוטער פֿאָלקס־מענטש האָט שטענדיק געטראָגן אין זיין האַרץ. דאַקעגן ווענדט זיך פּרץ אין זיינע חלומען, נאָוועלן און רייזע־באַשרייבונגען, אין וועלכע ער באַרירט קאָנקרעטע פּראָבלעמען פֿון זיין צייט, די רעאַליסטישע פֿאָרם, ווי די סאַמע פּאַסיקסטע און אַנטשפּרעכנדיקסטע פֿאַר דעם אינהאַלט.

אָבער אומעטום בלייבט פּרץ דער זעלבער — דער גרויסער אומרויִקער גייסט, וועלכער זייט בונט און מריבה צווישן די יידישע פֿאָלקסמאַסן קעגן זייערע אייגענע און פֿרעמדע באַדריקער, דער הומאַניסט, פֿאַר וועלכן דער ייד פֿאַרשטעלט ניט דעם מענטש. פֿאַרקערט, ביידע זיינען אין פּרצעס פֿאַרשטעלונג אָפּהענגיק איינער פֿון צווייטן, ביידע דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק. אין זיינער אַן אַרויסטריט וועגן טשערנאָוויץ — דערציילט שבנא עפּשטיין — איז פּרץ געקומען צום פֿאָלגנדיקן אויספֿיר: „עס קאָן ניט זיין קיין עכטער נאַציאָנאַלער קינסטלער, וואָס זאָל ניט זיין אינטערנאַציאָנאַל. אמתע קונסט ווייסט ניט פֿון קיין ווידערשפּרוך צווישן „נאַציאָנאַל" און „אינטערנאַציאָנאַל". פֿאַרשטייט זיך, די ליטעראַטור פֿון יעדן פֿאָלק האָט איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דאָס דריקט זיך אָבער אויס דער עיקר אין דער פֿאָרם; וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אינהאַלט איז ער אַלמענטשלעך".

די דאָזיקע איבערצייגונג פּרצעס קומט צום אויסדרוק אין אַלע זיינע ווערק, שאַפֿנדיק זייער סאָציאַלן פּאָן און אַלגעמיין מענטשלעכן באַדייט. די דאָזיקע איבערצייגונג שטעלט אויך פֿאַר מיט זיך דאָס סאַמע דויערהאַפֿטיקסטע אין זיין שאַפֿן, דאָס, וואָס איז געוואָרן דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער קענצייכן פֿון דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור אויף דער גאַנצער וועלט. אין דער טיפֿער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער אינערלעכער נויטווענדיקער געבונדנקייט צווישן דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן אין דער קונסט קומט ניט אויף בלויז די באַהאַפֿטנקייט פֿון דער ליטעראַטור מיטן לעבן, נאָר אויסדריקלעך מיט דעם לעבן, וואָס גייט פֿאָרויס, מיט דעם לעבן פֿון אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז געוואָרן דער קעמפֿער קעגן אַלע אָפּגעשטאַנענע פֿאַרגליווערטע פֿאָרמען, דער יורש פֿון אַלע ווערטפֿולע אינהאַלטן און דער

טרעגער פון פעלקער־ און מענטשן־פריינדשאפט. פרץ האט זייער אפט דירעקט די ווייזע פון דער שיינער און גרויסער צוקונפט, און ברענגט זי ארויס אין פיל פון זיינע מעשהלעך, לידער און עקספרעסיעס, אבער אומדירעקט איז זי אנוועזנד כמעט אין אלע זיינע שאפונגען, ווי דער סאמע באפרוכפערנדיקער קוואל פון זיין מוזע. אין דער דאזיקער ווייזע שטעקט פרץ גלויבן אין פאלק און אין מענטש, פון איר שעפט ער זיין גרויסע נביאישע קראפט, מיט וועלכער ער טרעט ארויס קעגן יעדער פינצטערניש און רעאקציע אויף דער יידישער און נישט־יידישער גאס, שעפט זיין טיף געפיל פון נאציאנאלער און מענטשלעכער ווירדע, וואס ער באמיט זיך איינצופלאנצן ביי יעדן יידישן פאלקס־מענטש.

די אפטמאל פאראנענע קעגנזאצן און ווידערשפרוכן אין א גאנצער ריי פון י. ל. פרצעס שאפונגען, וועלכע קומען מערסטנטייל צום אויסדרוק צווישן דער טענדענץ פון שרייבער, צווישן דער אידעע, וועלכע ער וויל ארויסברענגען, און דער פארם, אין וועלכער ער פארווירקלעכט זי, שפיגלען אפ מיט זיך די קעגנזאצן און ווידערשפרוכן, וועלכע האבן עקזיסטירט צווישן דער יידישער קלייןבירגערלעכער אינטעליגענץ פון יענער צייט. די דאזיקע אינטעליגענץ האט לויט דער אביעקטיווער לאגע באדארפט מיטגיין מיט דעם נייעם און פראגרעסיוון, וואס האט געבראכט מיט זיך דער רעוואלוציאנערער ארבעטער־קלאס, אבער סוביעקטיוו האט זי נאך זייער אפט געשטעקט אין אלטן. די דאזיקע צעשפאלטנקייט פון זיין שיכט האט אפטמאל שווער געוויירט אויף פרצן. אבער זיין ליידנשאפטלעכע און בונטארישע נאטור, רייכע פאנטאזיע און דורכדרינגלעכער געדאנק האט נישט בלויז אין די יארן פון רעוואלוציאנערן אויפשטייג, נאר אויך שפעטער אין דער צייט פון פארהעלטנישמעסיקן שטילשטאנד און וואקלונג, זייער אפט דורכגעריסן די צוים פון קלאסנווער באגרענעצטקייט און דערהויבן זיך ביז דער העכסטער פאראלגעמיינערונג פון פראגרעסיוון און רעוואלוציאנערן געדאנק פון זיין צייט, ווי מיר האבן דאס געזען אין די אויבנציטירטע ארויסזאגונגען וועגן דעם נייעם פוילן, וואס דארף ערשט קומען.

אזעלכע אויפלייכטן פון עכטן רעוואלוציאנערן הומאניזם, וועלכע ס'איז אויך אנצוטרעפן אין א גאנצער ריי פון זיינע קינסטלערישע און פובליציסטישע שאפונגען, צוזאמען מיטן בונטאריש־פראטעסטירנדיקן, פראגרעסיוו־ראמאנטישן גייסט האבן געשאפן יענע באווירקנדיקע קראפט, מיט וועלכע י. ל. פרץ האט שוין ביי זיין לעבן צוגעצויגן צו

זיך אַליין, וואָס איז געווען ביי אונז יונג און יידישן לעבן, און אויך נאָך זיין טויט נישט אויפגעהערט צו באַווירקן דעם יידישן אַרבעטער און ספּעציעל די יידישע אַרבעטער־יוגנט. ער איז געוואָרן דער פּאַטריאַרך פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט נישט בלויז געשטורעמט די אַלטע אָפּגעלעבטע אָרדענונג פון זיין צייט, סיי לגבי דרויסן, סיי אינעווייניק אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא, נאָר אויך דער דרייסטער וועקער און דערמוטיקער אין קאַמף פאַר בעסערע צייטן און פאַר אַ שענערער וועלט. די קעמפערישע יוגנט האָט דעריבער זיין נאָמען ווי אַ פאָן פון שטאַרקונג און מוט געטראָגן מיט זיך סיי אין די שווערע יאָרן פון קאַמף קעגן דער פּוילישער רעאַקציאָנערער מאַכט סיי אין די קאַטאַסטראָפע צייטן פון היטלער־אָקופּאַציע.

פרץ — דער הומאַניסט

י. ל. פרץ איז געווען דער גרויסער הומאַניסט אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין טיפע ליבע צום יידישן מענטש איז נישט געווען קיין אַבסטראַקטע און נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע. ווי שטאַרק די דאָזיקע ליבע איז נישט געווען, איז נאָך שטאַרקער געווען זיין שנאה צו אַלע די, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אונטערדריקן דעם אַרבעטנדיקן מענטש און האַלטן אים אין אומוויסנהייט. די דערלייזונג פון יידישן פאָלק האָט ער געזען נישט עפּעס, ווי אַן אָפּגעזונדערטע דערשיינונג, נאָר אין טיפער שייכות מיט דער דערלייזונג פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט. ער האָט קלאָר געזען די נייע קראַפט, וועלכע דאַרף אָט די אויסלייזונג ברענגען אין דעם גאַנצן פראָנט פון פינצטערניש, וועלכער שטעלט זיך איר אַנטקעגן.

„נאָר ווען אַפילו אַלע רעגירונגען זאָלן זיך צווישן זיך אויסגלייכן, וועלן זיי אַלץ נאָך נישט אויסגלייכן דאָס געווער! עס בלייבט נאָך איבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און הייבט אָן, נישט אויף אַ גלייכוועכטל, אַלע צו שרעקן".

פון די ניינציקער יאָרן קומט פרץ אַלץ מער און מער אין פאַר־בינדונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, טרעט אָפּ אויך מיט פאַר־

לעזהנטען צווישן ארבעטער און קומט אויך אויף ארבעטער־קרייזן. זיינע „יום־טוב־בלעטלעך", וועלכע ער גיט ארויס אין די יארן (1894—1896), ווערן דער באליבסטער זשורנאל פון יעדן פראגרעסיוון יידישן ארבעטער און האבן א געוואלדיקע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאפטלעכן געדאנק.

אין 1899 ווערט פרץ ארעסטירט און זיצט אפ עטלעכע חדשים אין 10־טן פאוויליאן פון ווארשעווער ציטאדעל. נאך זיין באפרייונג קערט זיך פרץ צוריק אום צו זיין אויפקלערערישער טעטיקייט צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט און שרייבט גלייכצייטיק אן א גאנצע רייע זאכן מיט בולטע רעוואלוציאנערע טענדענצן, ווי דעם גאנצן ציקל רעאליס־טישע דראמעס און דראמאטישע פאעמעס.

יצחק לייבוש פרץ איז נישט בלויז איינער פון די קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור, נישט בלויז דער אנהייבער און באפרוכפערער פון דער יידיש־פוילישער ליטעראטור — ער איז אויך דער שענסטער מוסטער פון א שרייבער, וואס פראוועט נישט קיין התבודדות מיט זיין עסטעטישער מוזע, נאר געפינט זיך תמיד צווישן פאלק, ווייטיקט מיט אים צוזאמען און קעמפט מיט אים צוזאמען.

אויך איצט, ווען די יידישע בורזשואזיע און אירע פעך און וואכט־משרתים פאראטן ציניש און אן שום רעשט די יידישע מאסן, פארקויפן די גופים און נשמות צו די העצער פון א נייער וועלט־שחיטה, צו די באפרייער פון די בלוטיקע היטלערישע מערדער — גייט אויף פאר אונדז די הערויסע עטישע געשטאלט פון י. ל. פרץ, דעם פאלקסשרייבער און מוטיקע קעמפערישע פערזענלעכקייט, ווי א באשטעטיקונג פון דעם אידעאל קאמף פאר פרייהייט און שלום, וועלכן אונדזער פאלק און זיינע בעסטע זין האבן אלעמאל געפירט, און ווי א דערמוטיקונג פאר די, וועלכע זעצן פאר דעם זעלבן קאמף אויך ווייטער.

דוד ספֿאַרד

ס'איז וואָר און ס'איז חלום...

עס זינגען די הערצער פֿאַרקוילט אינעם פֿייער,
עס זינגען די ווערטער דערשטיקט אין די רויכן,
נאָר ס'איז נישט פֿאַרשוווּנדן דיין ניגון דער פֿרייער,
וואָס האָט ווי דאָס זון־ליכט געשטראַלט פֿון די הויכן.

מיט שוועסטערס געביין איז דיין מאַרק איצט פֿאַראַקערט,
דיין גאָלדענע קייט איז אויף שטיקער צעריסן,
נאָר ס'האָט זיך דיין חלום אין פֿאָנען צעפֿלאַקערט,
דיין חלום פֿון פּוילן מיט וואַכן געוויסן.

עס טראָגן אים מענטשן פֿון קעלערס געקומען
אין לויכטנדע בליקן, אין הערצער און שטילע,
ווי ליכט פֿאַר דעם אָנדענק פֿון באַנטשען דעם שטומען,
ווי ליכט פֿאַר דעם אָנדענק פֿון מאַניש דעם עילוי.

און די, וועלכע האָבן פֿאַרמיטן די פֿלאַמען —
דער איינער פֿון שטאָט און די צוויי פֿון משפּחה —
זיי קומען זיך אָפּ אין דער הויפּט־שטאָט צוזאַמען,
און איינער דעם צווייטן דערציילט זיין מערכה.

דער וועבער האָט אַרבעט און ליבע געפֿונען,
דער טרעגער זיך עלטערט מיט חנהן אין פֿרידן,
און מירל, די טאָכטער די יונגסטע פֿון טרונען,
לעבט אויך שוין מיט מאַן און מיט קינדער צופֿרידן.

נאָר בערל דער בטלן שיינט מער פֿון זיי אַלע:
ער ווייסט ווער ער איז איצט — אַ בירגער אַ פֿרייער!
דאָס לעבן אַליין האָט פֿאַרענטפֿערט זיין שאלה —
און אַלץ איז אים ליב דאָ, און אַלץ איז אים טייער.

ער פֿירט זײַנע פֿרײַנד אין די נײַע קוואַרטאַלן,
מיט אויגן צעפֿינקלט, ווי ליכטיקע שטערן,
באַווײַזט זיי די גערטנער, די פּלעצער, די זאַלן —
א שטאָלצער, ווי אים זאָל די שטאָט איצט געהערן:

— אָט זעט, ווי עס הייבן זיך פֿרישע בנינים,
ווי ס'וואַקסט אונדזער העלדישע שטאָט ווי אין חלום! —
און חיים, ווי שטענדיק, מיט גוטסקייט אין פּנים,
באַמערקט אין דער שטיל אים: א סימן פֿון שלום.

נאָר בערל איז איצטער פֿאַרקוקט אין די ווײַטן:
— אָט זעט, ווי מיר טרײַבן אַלץ העכער און העכער,
און בויען פּאַלײַען פֿאַר קומענדע צײַטן,
און דעקן מיט זון־שײַן די גלעזערנע דעכער.

און ס'ענטפֿערט דער וועבער אים אָפּ איצט באַשײדן:
וואָס טויגן די ווערטער? די מעשׂים דערציילן —
נאָר פֿרצעס בליק איז פֿאַרליבט אין זיי ביידן —
די וואָר און דעם חלום איז שווער דאָ צו טיילן.

ווײַל אַלץ, וואָס געשעט דאָ, איז ווי אין זײַן מעשׂה
פֿון צײַטן משיח'ס, פֿון אייביקן שלום —
א קינד ווערט געבוירן מיט פֿליגל מיט ווײַסע
אין פֿרילן זײַן לאַנד. און ס'איז וואָר, און ס'איז חלום...

ב. מארק

י. ל. פּרץ וועגן דער מיסיע פון דער ליטעראַטור

פּרצעס ליטעראַרישע אָנשויונגען האָבן אַדורכגעמאַכט אַ שטאַרקע עוואָלוציע. אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן האָט ער געטיילט די לייענער אויף מאַסן־מענטשן און אויף פאַרשטייער פון „אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט". בעלעטריסטיק, האָט ער געהאַלטן, איז נאָר פאַר אָט דעם „קורא נכבד", און חוץ דעם קאָן מען שרייבן פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער הנאה וועגן. פאַר דער „מאַסע" דאַרף מען צושטעלן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ווערק, כדי צו הייבן איר ניוואָ. דאָס איז געווען דער פּעריאָד, ווען פּרץ האָט זיך נאָך געפונען אונטערן ווירקונגס־קרייז פון די אויפקלערונגס־אידעען. אָבער מיט יאָרן שפּעטער וועט פּרץ אַליין אָפּפרעגן דעם חאָזיקן משכּילישן שטאַנדפּונקט און אויסרופן: „וואָס איז די גאַנצע „בילדונג", אַז דאָס פאָלק וויל ברויט".

אין די ניינציקער יאָרן, ווען עס קריסטאַליזירט זיך אויס פּרצעס סימפּאַטיעס פאַרן קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס, קומט אַ טיפע ענדערונג אין דעם מייסטערס אָנשויונגען אויף דעם מהות און דער ראָל פון ליטעראַרישן שאַפן. די אויפפאַסונג פון ליטעראַטור ווי אַ „געזאַנג פאַר זיך און פאַר די מוזעס" און ווי אַ „גענוס פאַר די גייסטיקראַוסדער־ווײלטע" איז געווען ביי פּרצן נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקער באַגריף. זינט די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט ביזן סאַמע סוף פון זיין לעבן דערשיינט פּרץ ווי דער טרעגער פון דער אידעע, אַז אמתע ליטעראַטור האָט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע, מענטשלעכע מיסיע, אַז איר הויפּטראָל איז — נישט שאַפן לשם שאַפן, נאָר באַווירקונג, דערהייבונג, דערציִונג.

אין זיין גרויסן עסיי, „רעגן, וואס פירן אפ פון ייִדישקייט", שמייכלדיק די פאלקס־פרעמדע טענדענצן אין דער ייִדישער קולטור־וועלט און הייבט דיי ייִדישער קולטור־וועלט און הייבט היינטיקן יאָרהונדערט, הויבט פּרץ ארויס די ראָל פונעם אַנטיקן גריכישן דיכטער פּינדאַר ביים באַגייסטערן דאָס פאָלק צום ווידערשטאַנד קעגן שׂונא און צום זיג.

ער דערציילט אין זיין איינגעטיימלעכן פאַנטאַזיע־סטיל וועגן די באַקאַנטע געשעעניש פון דער אַלטגריכישער געשיכטע:

„האָט זיך אָבער אין גריכנלאַנד געהאַלט אַזאַ מעשׂה טרעפן:
ספּאַרטע איז באַלאַגערט.
אַ גרויסע מחנה אַרום די מויערן.
און פון טאָג צו טאָג ווערט די לאַגע ערנסטער, קריטישער, געפערלעכער —

שיקט ספּאַרטע קיין אַטען בעטן הילף...
שיקט אַטען קיין ספּאַרטע צו־הילף נישט מער ווי איין מענטש
און דערצו אַ לאַמען הויקער.
ווי הייסט?
דאָס האָט ספּאַרטע אויך געפרעגט!
געגאַפט און געקריצט מיט די ציין.
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער לאַמער הויקער איז פּינדאַר...
דער פּאָעט, דער זינגער!

האָט זיך פּינדאַר אין ספּאַרטע אַנומיטן מאַרק געשטעלט און אַ קריגס־ליד געזונגען; קלינגט אַפּ דאָס ליד אין אַלע הערצער; ווערן די הערצער פון די באַפּאַלענע איבערגעשוואַלן פון העלדנמוט...

זיינען מיטאַמאָל קינד און קייט העלדן געוואָרן. האָבן די אָפּהענטיקע געווער געכאַפּט, זיינען די מידע אויף די מויערן אַרויף און די בויגן געצויגן — און — אָפּגעשטויסן איז געוואָרן דער פּיינט.

פון אַטען צו־הילף איז פּינדאַר געקומען!

וואָלטן זיי אָבער אַנדערש אַ מאָדערנעם געשיקט".

פּינדאַר — דער סימבאָל פון דער פאָלקסטריבונער, איזןעןןאַנגע־זעטיקטער, קאַמפּס־באַגייסטערנדיקער קונסט. דאָס איז פּרצעס אידעאַל, און ער שטעלט אים אַקעגן „אַנדערע מאָדערניסטן", די קונסט לשם

קונסטניקעס, די קאָמפּאָזיטאָרן, די פאָרשטעלונגסשרייבער. דאָס הייסט ניט, אַז פּרץ איז קעגן נייע ליטעראַרישע פאָרמען; פּונקט פאַרקערט — איז דאָך פּרץ אַליין אַ נאָוואַטאָר אין דער יידישער דיכטונג, אין דער יידישער נאָוועלע, און דער יידישער דראַמע. אָבער זיינע נייע פאָרמען זיינען אָנגעגאָסן מיט נייעם אינהאַלט, זיינען נישט פּוסט, נאָר פול מיט שטאַרקן דיכטערישן ווייַן.

אין איינעם פון זיינע בריוו צו שלום־עליכמען פאָרמולירט פּרץ אַליין כמו די נייע צילן, וואָס ער שטעלט זיך איינעם אינהאַלט פון זיינע שאַפונגען, סיי די נייע פאָרם, וואָס מוז אַנטשפּרעכן דעם נייעם אינהאַלט. און וואָס ער שרייבט וועגן די צילן פון אַן אמתדיקער ליטעראַטור: „אַרויסצופירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנד־סלופּ אַלע גדולי־הדור, די אָנגעזעעענסטע חסידים, מתנגדים, סוחרים, די בעלי־צדקה און בעלי טובות און אויפדעקן דעם פאַרעפּושטן קוואַל, וואָס פון אים שעפּט אונדזער לעבן". און ווייטער: „און וואָס איז דאָך דער צוועק פון ליד — נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס פּאָעטישע, נאָר אויפצוהעקן נייע הימלען, צו שאַפן פאַרן פאָלק נייע באַגריפן, אַרייַנצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערחזרן־צייַלן דאָס אַלטע און פאַרעלטערטע... אַז מיר ווילן אַרייַנברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר געבן אויך נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צו צום נייעם, די אויסדרוקן וועלן אויס לכתחילה פרעמד, אָבער סוף־כל־סוף וועלן זיי אַרייַנדרינגען ווי וואַסער אין דעם לעזער און וועלן באַרייַכערן זיין פאַרשטאַנד".

אָט אַזוי האָט פּרץ אויפגעפאַסט די דיאַלעקטישע אייַנהייט פון אינהאַלט און פאָרם, לייגנדיק קודם־כל דעם טראָפּ אויף דער אידעע, אויף דער מאָס באַגייסטערונג, וואָס עס פאַרמאָגט אַ ווערק, אויף דאָס פילאָזאָפישע, און פאַרשטייענדיק, אַז נייע באַגריפן פאָדערן אַ נייעם קינסטלערישן לבוש, וועלכער מוז ווערן אייגנס מיטן נייעם אינהאַלט.

פּרץ האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די פילאָזאָפישע קונסט איז ווייט ווייט שווערער איידער פאָרשטעלונג, אָדער אייַנזיך אין פאַרזיך־שאַפונגען. אין יאָר 1910 אַנטוויקלט פּרץ אין דער אָפּהאַנדלונג „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער" זייער עיקרדיקע מיינונגען וועגן דעם וועג צו דער אמתער געזעלשאַפטלעכער קינסטלערישער שאַפונג. „צוויי וועגן — זאָגט פּרץ — האָט דער מענטש, וואָס גייט אַוועק פון טעג־לעבן, פון געשעפט, פון יאָגן זיך נאָך ברויט: דעם שפּאַציר־גאַנג

אין דעם טוריסטן־הויז. אנגענעם איז דער שפּאַצירגאַנג, ביים ברעג פון זיסן און שטיל־רוישנדיקן טייך, אין שאָטן פון גליך־אָפּגעשניטענע אַלייען, אויף בלומען־ווייזן". דער שפּאַצירגאַנג דאָס איז די לייכטסטע, די סענטימענטאַלע, די פאַרווילונגס־ליטעראַטור; זי גיט נישט קיין אינ־האַלט, זי טראָגט נישט קיין אידעען; אמת, זי גיט אָפט — „טענער, וואונדערזיסע קלאַנגען... און עס פליסט אייך אַרום דאָס געפּליסטער פון שפּאַצירנדיקע, פאַרליבטע, און זיך פאַרזונקענע פּאָרן". אָבער אונטער דער אויסערלעכער, רייצנדיקער שיינקייט ליגט פאַרטייעט א גיפטיקע שלאַנג. דאָס איז די ליטעראַטור פון דעקאַדענס. די שעפער פון אַט דער קראַנקער ליטעראַטור זיינען פאַרמשפּט אויף פאַרגעסנקייט. זיי קאָנען נישט אויסהאַלטן קיין דויערהאַפטיקע ווערטן.

דער האַזיקער קראַנקער, דעקאַדענטישער ליטעראַטור שטעלט פּרץ אַקעגן זיין פּאָזיטיוון ליטעראַרישן אידעאַל. דאָס זיינען די שרייבער, וועלכע בויען זייער שאַפן אויף זייערע אויפריכטיקע דורכגעלעבטע גע־פילן. דאָס איז די ליטעראַטור, וואָס טראָגט אידעען און פּרידיקט זיי. „איך וועל מיט אייך רעדן — שרייבט פּרץ — פון דיכטער, וואָס האָבן זייער דיכטונג געלעבט, נישט געשריבן; וואָס האָבן זייערע אידעען געפּרעדיקט, נישט ווי פאַרטרוקנטע בלומען צווישן בלעטער אויסגע־ליגט; איך וויל מיט אייך רעדן פון ביכער, וואָס מען האָט פון די דיכטער און אין נאָמען פון די דיכטער געשריבן, און פון לעזער, וואָס זיין נאָמען איז: „פאָלק".

פּרץ, ווי מיר זעען, רעדט בפירוש וועגן א ליטעראַטור, וואָס איז אַדורכגעלעבט און איז פעיק צו פּריידיקן, דאָס הייסט — וואָס שטעלט זיך איין צו באַווירקן דעם לייענער אין דער ריכטונג פון רעאַ־ליזירן באַשטימטע אידעאַלן. אַזוי אַרום האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט פּרצעס ליטעראַטור־אָנשויאונגען די יידישע באַלעבאַטישע קרי־טיק, וואָס איר קאָריפיי ש. ניגער האָט אַרויסגעזאָגט ווי זיין קרעדאָ, אַז — „די זאַך פונעם שרייבער איז נישט פּריידיקן, נאָר שאַפן". עס איז קלאָר, אַז לויט פּרצן פּרידיקט דער שרייבער דורך זיין שאַפן, אָבער דאָס ניגערישע אָפּלייקענען דעם עלעמענט פון פּרידיקן, פון באַווירקן אין דער ליטעראַטור איז אַן אָפּלייקענונג פון פּרצן. פּרץ טרעט אַרויס נישט בלויז קעגן קונסט לשם קונסט, נאָר אויך קעגן דער טעאָריע פון ליטעראַטור ווי א רעפּראָדוקציע פון לעבן. דער שרייבער טאָר נישט זיין קיין נאָכמאַכער און קיין בלויזער שילדערער. פּרץ בונטעוועט זיך קעגן אַזאַ ראָל פונעם שרייבער. זיין פּאָזיטיווער אידעאַל איז — שעפערישע

ליטעראַטור, וועלכע פֿורעמט איבער דאָס פֿאָלק און געשטאַלטיקט די נשמה פֿון די לייענער. ביים אמתן שעפֿער אין דער האַנט איז „דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט — דאָס פֿאָלק, די וועלט, דאָס לעבן".

פּרץ גרייפֿט אָן די טעאָריע פֿון קונסט ווי אַ פֿאַרווייל־מיטל: „פֿאַר אונדז — שרייבט ער אין אַ צווייטן אָרט, — איז קונסט נישט קיין שפּיל, קיין מיטל אָפּצוטויטן די צייט, אָדער די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן, זיך אויסצוזינדיקן, אויסער די גרענעצן פֿון לעבן, אָדער אין אַ זייט פֿון לעבן. קונסט, ליטעראַטור איז אַזוינס, וואָס שטייט איבערן לעבן און ציט עס צו זיך, וואָס שאַצט דאָס לעבן פֿון העכערן, אידעאַלן שטאַנדפּונקט, און ליבט און שטראָפֿט עס".

די אויבנדערמאָנטע פּרינציפּן האָט פּרץ נישט בלויז פֿאָרמולירט אין זיינע ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען און עסייען, אין זיינע בעל־פּה־אימפּראָוויזאַציעס, נאָר אויך פֿאַרקערפּערט אין לעבן, אַליין זיך געהאַלטן אין זיינע ווערק ביי דעם פֿינדאַרישן ביישפּיל און אַליין אויסגעקליבן דעם שווערן פֿעלדזן־וועג. האָבן טאַקע זיינע ווערק אָפּגעשפּילט אַ פֿינדאַרישע ראָל אין די שווערסטע צייטן פֿון יידישן פֿאָלק. האָבן זיינע לידער פֿון אַרבעט און נויט באַווירקט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין יאָר 1905 און 1917. איז מיט זיינע ווערטער „אַ, מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע" געגאַנגען די דרייפֿאַכיק דערדריקטע יידישע מאַסע אין געטאָ קעגן די פֿאַרטרעטער פֿון יודענראַט, פֿון דער פּאָליציי און פֿון „דרייצנטל". האָבן זיינע פֿלאַמענדיקע קאַמף־רופֿנדיקע, וואַכזאַמקייט־וועקנדיקע יחזקאל־מאָטיוון באַגייסטערט די געטאָ־אויפֿשטענדלער, די פּאַרטיזאַנער, די פּלמח־סאָלדאַטן. האָט זיין גייסטיקע ירושה געטראָפֿן אַן אָפֿן האַרץ ביים קלאַסיקער פֿון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, ביים רויטאַרמייער אשר שוואַרצמאַן.

די שטרעבונג צו דערגרייכן אָט די העכסטע מדרגה פֿון קונסט איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט אַזוי לייכט צו פֿאַרווירקלעכן. פּרץ עפֿנט טאַקע צוויי פֿעלדער — איינס אַ לאָקנדיקס, דער שיינער באַבלומטער שפּאַציר־גאַנג, דאָס צווייטע — אַ שווערס, אַ פֿיזיש־געפֿערלעכס. דעם שווערן נסיון מוז ביישטיין יעדער אמתער שרייבער, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף דער סכּנה פֿון דעם שיינעם פֿלאַטערדיקן וואָרט און פֿאַרכישופֿטן קלאַנג, וועלכע פֿאַרשטעלן דעם לעבן־אמת, דעם העכסטן ציל, די אידעע. אָט דעם נסיון מוז גובר זיין יעדער אמתער שרייבער, וואָס וויל זיין נוצלעך דעם אַרבעטער־קלאַס, דעם פֿאָלק, דער מענטשהייט. דאָס האָט נאָך מיט

פּיל יאָרן צוריק פאַרשטאַנען און קעגן דעם האָט געוואָרנט אונדזער גרויסער פּרץ. און ער אַליין איז — מיט קליינע אויסנאַמען — אַרויס פון דעם נסיון מיט נצחון.

ווען מיר לייענען אויפמערקזאַם אַדורך פּרצעס אַרויסזאָגונגען וועגן ליטעראַטור, זיינע ליטעראַרישע אַרטיקלען און רעצענזיעס, זעען מיר ווי נאָענט ער שטייט — טראָץ דעם גרויסן צייטמהלך — צו אונדזער היינטיקער עפּאָכע און צו די אָנשויונגען אויף ליטעראַטור, וועלכע עס האָט היינט דער פּראָגרעסיווער קולטור־לאַגער.

אין אַן אַרטיקל, געשריבן אין 1909, טרעט אַרויס פּרץ קעגן נאַטוראַליזם. נאַטוראַליזם — זאָגט ער — דאָס איז פּראָטאָקאָל, דאָס איז קאָנטרפאָטאָגראַפיע, אָבער נישט קונסט, דאָס איז די ליטעראַטור, וועלכע ס'האָט ביי אונדז אַריינגעפירט בערשאַדסקי — „אונדזער אַמאָליקער היימיש־געבאַקענער זאָלאַ", דאָס איז די ליטעראַטור, וועלכע גיט די קליינע אינטערעסן, די קליינע טוגנטן און פאַרברעכנס פונעם היינט אָן דער פּערספּעקטיוו פון דער צייט — בעת די אמתע גרויסע ליטעראַטור גיט, אָדער דאַרף געבן דעם היינט, די קעגנוואַרט נאָר דורך דער פּריזמע פון די אייביקע מאָטיוון: וואָס איז לעבן און טויט, ליבע און האַס, וואָס בויט און צעשטערט, וואָס רופט צוזאַמען און צעטרייבט. פּרץ רופט צו שאַפן אַ סינטעז פון קעגנוואַרט־מאָטיוון מיט פּערספּעקטיוו־פולער, באַגייסטערנדיקער, שעפערישער ראָמאַנטיק.

אין דעם יובילי־אַרטיקל וועגן יעקב דינעזאָן, פּרעציזירט פּרץ גענויער, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט ער לייגט אַריין אין זיין ליטעראַרישן אידעאַל. מיט אַ געוואַלדיקער ערלעכקייט, אָן פּניות, גיט פּרץ אַן אָפּשאַצונג פון זיין נאָענטן פריינד דינעזאָן. פּרץ איז אויך אין דעם פאַל אַרויסגעגאַנגען פון שטאַנדפּונקט, וועלכן ער האָט פאָרמולירט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען: „עפנטלעך קריטיקירט דאַרף ווערן, אַלץ און פריער פאַר אַלץ דער שרייבער! ווער עס רעדט צום פּובליקום, געהערט צום פּובליקום! דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָפּציען דעם טלית פון די, וואָס שטייען ביים עמוד, ביים שולחן, און ווייזן אים, ווער עס בעט פאַר אים, ווער עס בלאָזט פאַר אים שופר!" פּרץ האָט זיך תמיד און אומעטום אין זיינע אָפּשאַצונגען געהאַלטן ביי אָט דעם פּרינציפּ. ער האָט אים אויך נישט פאַרוואָרפן, ווען ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין די פּען צום שרייבן וועגן זיין נאָענטסטן פריינד און פאַרערער יעקב דינעזאָן. דינעזאָן — שרייבט פּרץ — איז מער מאָראַליסט און זיטן־

לערער, ווי קינסטלער. דאָס איז אַ גענוג שאַרפע קריטיק פון אַ שרייבער. אָבער פרץ האַלט, אַז פרייִדיקן גוטע זיטן, אַז באַווירקן איז ווייכטיקער ווי סתּם שיין־שרייבערײַ, און דעריבער גייט ביי אים דינעזאָן, טראָץ זיינע קינסטלערישע שוואַכקייטן, אַריין אין דער ליטעראַטור. אָבער פרץ קריטיקירט דינעזאָנען אַפילו פון שטאַנדפּונקט פונעם אינהאַלט. ער באַצייכנט דינעזאָנען ווי אַ ליבעראַל, און שוין דאָס קאָן אַנטשפּרעכן פּרצעס מענטאַליטעט און וועלטאַנשויונג, ווייל פרץ איז אַ קעמפערישע נאַטור און נישט קיין ליבעראַלער מאָראַליסט. און נאָך עפּעס. דינעזאָן — זאָגט ווייטער פרץ — גייט נישט מיטן פאָרויסמאַרש פון דער וועלט; ער שטייט אויף אַן אָרט, און ווער עס שטייט אויף אַן אָרט גייט, כּידוע, צוריק, ווייל די וועלט רוקט זיך פאָרויס.

אָט אַזוי האָט פרץ געקאָנט שאַרף קריטיקירן נישט בלויז זיין קעגנער פרישמאַנען — נישט צוליב דעם פּערזענלעכן אַנטאַגאָניזם, נאָר פאַר זיין אָפטן איבערגעטריבענעם עסטעטיזם, פאַר זיין שטעלן זיך איבערן „המון", — נאָר אויך זיין פריינד דינעזאָן. און נישט בלויז דעם ליבעראַל דינעזאָן, נאָר אויך מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, וועלכע האָט דאָך אַזוי שיין רעאַגירט אויפן וואַרשעווער פּאָגראָם פון 1881 מיט דער נאָוועלע „מענדעל גדאַנסקי"; פרץ באַגריסט קאָנאָפּניצקאַן פאַר איר מוט און פריינדשאַפט, אָבער ער רוקט אַרויס דעם פאָרוואָרף, הלמאַי זי האָט נישט אָנגעוויזן אויף דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד, וואָס עס האָבן געשטעלט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס די יידישע קצבים פון די נאַלעווקעס און די יידישע פריקאַזשטשיקעס אין די הייפן. פרץ פאָדערט דעם פולן אמת, ביידע זייטן פון דער מטבע, די מאַטעריאַליע און די העלדישקייט, דעם פּאָגראָם און די זעלבשוץ.

אַרויסגייענדיק פון זיינע פריינדפולע איינשטעלונגען בנוגע דער אַמתער פאָלקסטימלעכער ליטעראַטור, גיט פרץ אַ באַגייסטערטע אָפּשאַצונג דער שאַפונג פון שלום־עליכם. פול מיט ליבשאַפט, מיט טיפער פאַרשטענדעניש איז פּרצעס רעדע וועגן שלום־עליכמען אין וואַרשע אין 1913. שוין לאַנג איז פאַרביי דער ברוגז צווישן די צוויי ריזן פון אונדזער ליטעראַטור; שוין לאַנג האָט זיך ביי שלום־עליכמען אָפּגעטאָן דער יגזון צוליב דעם, וואָס פרץ האָט פאַרדרייט זיין נאָמען ראַבינאָוויטש אויף מענדעלעס נאָמען אַבראַמאָוויטש; און שוין לאַנג האָט זיך אָפּגעקילט פּרצעס איבעריקונג אויף שלום־עליכמען, פאַר זיין רעדאַקטאָרישן באַלעבאַטעווען אין דעם טעקסט פון דער באַלאַדע „מאָנישׂ". די רעדע פון 1913 איז פול מיט האַרץ און פאַרשטאַנד. אין

דער האַזיקער רעדע, וועלכע ענדיקט זיך מיטן האַרציקן רוף, „געזונט זאָל זיין שלום־עליכם", באַרירט פּרץ די פּראָגע פון הומאָר און סאַטירע אין דער ליטעראַטור. פּרץ זעט אין שלום־עליכמס הומאָר נישט סתם אַפּלאַכעריי, נישט קונדסישן שפּיל נאָר זיין גרויסע סאָציאַלע ראָל: שימל־אַפּקראַצעריי, „נאָכן אָפּגעקראַצטן שימל, — האָט פּרץ געזאָגט, — זעט זיך ערשט דאָס פוילע, דאָס קראַנקע אַרויס, וועלן זיך שוין באַווייזן הענט צו באַזייטיקן, און דערנאָך הענט צו פּאַרבויען. אָן אַפּלאַכער איז שלום־עליכם געווען. לאַכט ער אויס דאָס גוטע? דאָס געזונטע? דאָס שטאַרקע אין אונדז און ביי אונדז? ער לאַכט אויס די לופטשלינגעדיקע נע־ונע־ניקעס אין תוהו־ובוהו. זיי ווערן דורך אים אַנטפּלעקט, אַנטפּלעקטע מוזן זיי גיין...אַוועקגיין". פּרץ ציט אַרויס פון שלום־עליכמס הומאָר דאָס טראַגישע: „לאַכט איך דעריבער ביי שלום־עליכמס ווערק, און אפשר פון אייך אומבאַמערקט, פאַרדרייט זיך אייך אַ טרער אין אויג, אַ שטילע טרער. תפוצות־ישראל לאַכט: זאַמלט דאָס געלעכטער. זאַמלט די שטיל־פאַרדרייטע טרערן, וועט איר האָבן אַ קרישטאָלענעם טרערן־טייך".

אָט אַזוי האָט פּרץ איינער פון די ערשטע פאַרשטאַנען און אַקצענטירט די געזעלשאַפטלעכע מיסיע פון שלום־עליכמס ווערק, האָט וויזן דעם אמת פון יידישן לעבן אונטערן קאַפּיטאַליזם און די אומדירעקטע אָנרעגונג אויף ענדערן די באַציונגען און אויפבויען אַ בעסער לעבן, אַ זיכערס און אַ סאָציאַל־גערעכטיקס.

פּרץ האָט געמונטערט זיינע מיטצייטלער, די יידישע שרייבער, זיינע פאַרערער און תלמידים, צו גלויבן אין די אייגענע כוחות, אין דער סוגעסטיווער קראַפט פון ליטעראַרישן וואָרט און בילד, אין זייער מיסיע, אין דער שטאַרקייט און קיומדיקייט פון דער יידישער קולטור. עס דערציילט אין זיינע זכרונות ש. ל. ציטראָן, ווי פּרץ האָט אין ווילנע נאָך אַ דערפאָלגפולן רעפעראַט צונויפגענומען זיינע שרייבער־פריינד און געוואָלט זיך איינעם משמח זיין. די שמחה איז עפּעס נישט געגאַנגען. דעמלט האָט פּרץ זיי געזאָגט, וואָס עס פעלט דעם יידישן שרייבער: גלויבן!

ער האָט געזאָגט איין קורץ וואָרט, ווי זיין שטייגער איז אָפט געווען, אַ פּולדייטיק וואָרט — גלויבן. ער האָט נישט דעשיפרירט — גלויבן אין וואָס, אין וועמען. אָבער עס איז קלאָר, אז געהאַנדלט האָט זיך קודם־כל אינעם גלויבן אין זיך אַליין, אין דעם סוגעסטיוון באַווירקנדיקן כוח פון דער אייגענער שאַפונג. פּרץ האָט פאַרמאָגט אַ

דעם כוח. ער האָט אויך פאַרמאָגט גלויבן, הגם גישט זעלטן זיינען אויך אים באַפאַלן ספיקות. ער האָט געוואָלט מיט דעם אייגענעם כוח און גלויבן אָנשטעקן אַנדערע שטעפער. ער האָט עס געטאָן אין זיין שיחות־חולין, וועלכע ווערן אַזוי שיין באַשריבן דורך אפרים קאַגאַנאָווסקין. ער האָט עס געמאַכט אין זיינע ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ער האָט געוויזן דער יידישער ליטעראַטור דעם שווערן, פעלדזיקן, אָבער לויכטנבאַרן און זיג־לאָקנדיקן וועג. ער האָט געוויזן אַ מוסטער און אַ לערע אויך אונדז, די אייניקלעך. פרץ האָט באַוויזן די לעבעדיקע ראָל פון דער ליטעראַטור, אַנטפּלעקט איר גרויסע היסטאָרישע מיסיע, און אַזוי אַרום געוויזן דעם וועג צו דורעכדראַנגיקייט פון ווערק אויף לאַנגע דורות. רעאַליזירנדיק אַליין אין זיינע צענדליקער קינסטלערישע ווערק די האַזיקע פּינדאַרישע און נביאישע שליחות, איז פרץ געוואָרן אומשטערבלעך.

ל. אליצקי

פרץ — דער משלים־דיכטער

אין די פולע שאַצקאַמערן פון י. ל. פּרצעס קינסטלערישע שאַפונגען זיינען צעוואָרפן איבער זייערע פאַרשידנסטע ווינקעלעך אויך משלים־דימענטן, הגם ספּעציעל האָט זיך פּרץ מיט דעם דאָזיקן ליטעראַטור־זשאַנר נישט אָפּגעגעבן.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז שוין פּרצעס ערשטלינג־ווערק, מיט וועלכן ער האָט דעביוטירט אונטער שלום־עליכמס רעדאַקציע אין דער יידישער ליטעראַטור — „מאָניש" — הייבט זיך אָן משלדיק:

איך ווייסט מן־הסתם:
די וועלט איז אַ ים,
מיר זיינען פיש;
(טייל זיינען העכט,
שלינגען נישט שלעכט...
(זאָגט — אפשר נישט?)

שוין אין די דאָזיקע קורצע 6 שורהלעך שטעקט אַ סאַטירישע נאָדל, וואָס שטעכט זיך שאַרף אַריין אין דעם אונטערדריקנדיקן שיכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — „די העכט, וואָס שלינגען נישט שלעכט..." צו די דאָזיקע העכט וועט זיך פּרץ נאָך אומקערן אַמאָל אין אַ מעשהלע־משל אויפן נאָמען „העכט". און ווי זאָגט ביעלינסקי: „דער אופן פון דערציילן און דער ציל — אָט אין וואָס עס באַשטייט דער תוך פונעם משל; סאַטירע און איראָניע זיינען זיינע הויפּט־מעלות".

און וואָס איז די מעשה אין פערזן וועגן די „צוויי ברידער" און „ביי אַ פרעמדן חופּה־קלייד", אויב נישט אַ משל, אַ שאַרפע, בייסנדיקע סאָציאַלע סאַטירע קעגן דער בורזשואַזיע, וואָס פאַר איר איז

יעדער טראָפּן שווייס פון דעם אַרבעטער „אַ דיאַמאַנט", זיין יעדע „טרער — איז אַ בריליאַנט" און זיין יעדער טראָפּן בלוט פון אַ נאָדל-שטאָך — „אַ קרעל"? און וואָס איז דאָרט די שלאַנג, וועלכע פאַר-פירט דעם רייכן ברודער, אויב נישט די גייציקייט און גיריקייט, וואָס ווערן אויסגעבריט און אויסגעכאָוועט אינעם מענטשן דורך דער קאַר-פּיטאַליסטישער אָרדענונג?

און וואָס זיינען אַזעלכע קורצע און סאַטיריש-שניידנדיקע שאַפונ-גען, ווי: „אין געמויזעכץ", „אַ קולטורנער קל-והומר", „לאָמפּן-מוסר", „דיין תורה", „מיסטחלומות" און די שיין דערמאָנטע „העכט" — אויב נישט שאַרפע סאָציאַלע משלים?

אַ פּרעכטיקער סאָציאַלער משל איז אויך „די רויז", כאָטש פּרץ רופט זי אָן — אַ זומער-דערציילונג. שוין גופא אינעם אָנרופן אַזוי די שאַפונג שטעקט אַ ביטערע סאַטירע: אָט הערט, הייסט עס, ווי עס זעט אויס ביי דעם אָרעמען און אומגליקלעכן מיידל — די רויז — אַ זומער-דערציילונג! ווייל דער נמשל פון דעם דערציילונגס-משל איז אַ גאַנץ טראַגיש לעבן פון אַ מיידל פון דעם אונטערדריקטן קלאַס.

אַ משל איז אויך די מעשה „אַ גלעזל", הגם זי איז געשריבן שוין זייער מעשהדיק, אָן שאַרפער סאַטירע, נאָר מיט ליכטער פּיקחות-דיקער איראָניע — אפשר דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ פּאָליטישער משל, וואָס גרייפט אָן אויך דעם שפּיץ פון דער פאָלקס-פיינדלעכער מאַכט, די צאַרישע דינאַסטיע פון די ראָמאַנאָווס: אַ צו שאַרפע סאַטירע וואָלט געקאָנט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער צאַרישער צענ-זור, און זי זאָל איבער איר איבערגיין מיטן רויטן בלוטיקן בלייפע-דער, אויב נישט דערפירן צו נאָך ערגערע פאָלגן. אָבער די מעשה איז געשריבן מיט אַזאַ לאַקאָנישקייט, וואָס איז, אמת, בכלל כאַראַקטעריס-טיש פאַר פּרצעס סטיל, אָבער גלייכצייטיק מיט אַזאַ אימפּעט, וואָס ווייזט קלאָר, אַז דער דערציילער איילט זיך, וואָס שנעלער צוצוקומען צו דער פּוינטע וועגן דעם שטיקל גלאָז; מען מוז עס האַלטן פאַר אַ שאַצבאַרן שטיין, ווייל... אין קעניגלעכן פּאַלאַץ גייט עס אָן פאַר אַזעל-כעס, און דער אַלטער דימענטן-שלייפער, וואָס דעקט אויף דעם אמת, ווערט אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. צום סוף אָבער קאָן זיך פונדעסטו-וועגן דער דערציילער נישט באַהערשן און ריזיקירט מיט פאָלגנדיקן אויספיר: „די מעשה, וואָס איך האָב אייך דאָ דערציילט, איז, ווי אַלע מעשהלעך, אַ משל, און ווי יעדער משל, נישט מיט אַלע פּרטים דומה לנמשל".

אָט דאָ האָט אונדז, אײגנטלעך, פּרץ אַלײן מגלה געװען, אַז אױך זײנע מעשהלעך זײנען משלים.

נאָר פֿאַר דער קרױן פֿון פּרצעס משל, מײן איך, דאַרף אָפּגעשאַצט װערן זײן באַרימטע סאַטירע „די פֿרומע קאַץ", װאָס איר נמשל איז די פֿאַרפֿרומטע צבֿיעות פֿון די אונטערדריקער און בלוטזױפּער, פֿון אײן זײט, — די קעץ, װאָס זײער אָטעם אַלײן דערשטיקט שױן; און פֿון דער צװײטער זײט, די אַלע, װאָס זײער גאַנץ לעבן איז װי אַ תּפֿיסה, װײל די נױט האַלט זײ אין אײביקן קלעם — דער קאַנאַריק, װאָס קאָן „אין דער קאַץ־לופֿט נישט אָטעמען — עס האָט אים דערשטיקט".

ס'איז שװער אױסצוװײזן אױף נאָך אַזאַ משל־שעדעװר, װעלכער פֿאַרמאָגט אַזױפֿיל אָריגינעל־און סאַטירע־נאָדלען, װי די פֿעל פֿון אַ יעזש, און דערבײ זאָל ער זײן, דער משל, אַזױ קינסטלעריש־רעאַליסטיש און פּסיכאָלאָגיש־אמתדיק און טיף אין זײן שילדערן די חיה, אין דעם פֿאַל — די פֿרומע קאַץ, װאָס פּערזאָניפֿיצירט דעם צבֿועקישן אכזריותדיקן און בלוטזױפּערישן קלעריקאַלן בורזשואַ.

פּרץ שילדערט אין דעם משל יענע עקלהאַפֿטע און אײנגעגעסענע צבֿיעות און פֿאַרדאָרבנקײט, װעלכע װיל אָפּנאַרן נישט בלױז די הױזנ־דיקע װעלט, װעלכע װיל זי דערשטיקן, נאָר נאַרט אָפּ איר אײגענעם טרעגער גופֿא: „און די קאַץ פֿילט ערשט, װי גוט עס איז מוחל צו זײן, װי אַ פֿרײד עס איז יענעם אױסצובלאָזן מיטן הױך פֿרומקײט, און ערלעכקײט... און עס װאַקסט דאָס פֿרימסטע האַרץ אין דער פֿרימס־טער װײסער קאַץ".

נישט בלױז פֿאַר די שעפֿער פֿון דער ייִדישער פּראָזע, דראַמאַ־טורגיע און דיכטונג, איז פּרץ געװען און דאַרף זײן אַ לערער — ער איז עס אױך געװען און עס זײן פֿאַר די שעפֿער פֿון דעם ייִדישן משל־זשאַנר.

באַלאַדע וועגן אַ גאַנג צום אוהל־פּרץ

מיט דעמער שאָטנס אָונט די שפּאַצירער־מאַסן.
עס טונקלען די עלעקטריע־לאָמפּן אין די גאַסן.
מע קוקט מיר נאָך, דעם טרויעריקן ייִד, דעם בלאַסן,
וואָס צווישן פרעמדע צענטליקער אַליין שפּאַציר איך.
איך בין נישט איינזאַם, מענטשן. מײַנע קינדער פיר איך.
איך שלייך, דער ייִדיש־לערער פון דער שול דער מילער,*)
און הינטער מיר — די הונדערטער פאַראָשטע שילער.
איך בין אַליין אַ גולם אַש, און — גאָט זאָל היטן —
אַ ליאַדע ווינטבלאָז — מיר וועלן זיך צעשיטן.

די שטאָט איז הינטער אונדז שוין, און מיר שלייכן ווײַטער.
די וועלט אַרום איז וויסט — און אויסגעבערענטער שייטער.
נאָר שטערנדלעך פון הימל בלינצלען, שמייכלען: — קינדער,
ער וואַרט אויף אײַך, ווי אַלע יאָר. נו, קומט געשווינדער.

צום אוהל־פּרץ שפּאַנען מיר, געשוילטע רייען.
ס׳גייט אויף אַ שימער, ווי לבנה־שײַן אויף שנייען,
אויף אונדזער אַשיקייט. די געגנט ווערט באַקענטער
און הימיש־האַרציקער; מיר קומען נענטער, נענטער.
דאָס גענטאַ. ס׳ליגט פאַר אונדז באַלויכטן — שטייב אויף ציגל,
און פאַליעט זיך מיט זילבער־שײַן — אַ ריזן־שפּיגל.

דער געגנשער וואַרשעווער בית־עולם — אַ געהיימער
אין שײַן פון לײַכטנדיק געצווייג פון ביימער;
און אָפּגעדריקטע שפּרייטן זיך צו אים די וועגן.
— פונוואַנען אַזאַ כּישוף־ליכט? — די קינדער פרעגן,
און ס׳צינדן זיך שוואַרצאַפּלען זייערע פאַר וווּנדער:
מע זעט דאָך נישט קיין צייכן פון דער זון דער רונדער!

מיט שנעלע טריט פאָרויס צו דעם בית־עולם שפּרייז איך,
און כ׳שטרעק די האַנט, און מיט אַ ציטער־פינגער ווייז איך —
די קינדערלעך פאַרריסן אויסגעשטרעקטע קעפּלעך — —
עס נידערט פּרץ פון זײַן אוהל מיט די טרעפּלעך,

*) ייִדישע שול אויף מילע גאַס אין וואַרשע.

און ס׳פלאַטערן אויף אים, ווי פלאַמען, די תכריכים:
— געבענטשט זאָל זיין דער נקום פון מיין פאָלקס שליחים! —
און מיר, פאַראַשטע, ווערן דורכגעלויכטן אלע:
ס׳ווערט ליכט אין ליכט דורך זיך אליין נתגלה
און צו דער הייך און „נאָך העכער" פון הויך נתעלה...

לאָדזש, אַפּריל, 1947

פרץ און דער אייזל פון זיין פאַבל *)

„...עפּעס ציטערט נאָך אין אים
פאַר אייזל-מוסד און אייזל-פוס..."
(פון י. ל. פּרצעס פאַבל)

ס׳האָט פרץ (נישט צום ערשטן מאָל)
גענומען זיך אַ משל פון אַן אייזל שרייבן:
פאַראַן דאָך אייזלדיקע מענטשן אָן אַ צאָל —
איז וויל ער זיך צו זיי אויף אים דערקלייבן.
נאָר היינט האָט זיך דער אייזל איינגעשפּאַרט, און: — ניין!
כ׳וויל מער שוין, פרץ, אין דיין שפּאַן נישט גיין;
איך קאָן שוין מער נישט, און איך וויל נישט שווייגן;
דו ווילסט דעם מענטשן מיט אַ פאַבל איבערצייגן,
ער זאָל קיין שוטה, פּינקטלעך און קנעכט נישט זיין?
איז מהיכא־תיתי זייער גוט און פיין;
דו מעגסט אפילו מיט דיין פאַבל־דיכטונג שטייגן
אויף דעם פּאַרנאַס**) און זיך דערוועבן רייכקייט, רום, —
נאָך אַלץ זיך אויף אייזלס חשבון אויסצושאַפן?
צי איז דאָס גלייך אַזוי־אָ? ניין, ס׳איז קרום! —
ס׳האָט פרץ אויסגעהערט די טענות און גענומען גאַפן:
ער רעדט דאָך גאָרנישט ווי קיין אייזל! הערט נאָר, הערט,

---

*) פאַבל — משל.
**) פּאַרנאַס — אַ באַרג אין גריכנלאַנד, וווּ ס׳האָבן געוווינט, לויט דער גריכישער מסורה די געטער און די מוזעס.

אין לעבן טרעפן זיך אזעלכע ווונדערלעכע טראפן —
כ'רעדט און איזל ווי א מענטש! און מיר איז דאָס באַשערט
צו זיין דערפון א לעבעדיקער עדות;
דאָס לעבן שטעלט פאַר דיר א רעטעניש — באַשייד עס!
און ס'איז זיין האַנט געבליבן הענגען מיט דער פען:
לעת־עתה איז דאָס העכסטע, וואָס איך קען —
זיך אָפּהאַלטן, און זאָל דערווייל דער איזל שווייגן!
נאָר ס'האָט דער איזל נאָך מיט מערער ברען
די שטימע אויפגעהויבן, אים צו איבערצייגן,
און זיך גענומען זידלען אויף א קול אים:
— דו ביסט... דו ביסט אן איזל, נישט קיין בעל־משלים!
באַלד גיב איך מיט דער קאַפּיטע אין קאָפּ דיר און צעמאָל אים! —
האָט פּרץ א באַוועג געטאָן די פען און פריילעך זיך צעלאַכט:
כן, כ'קאָן שוין אָנהייבן דעם פאַבל, וואָס איך האָב פאַרטראַכט —
„אן איזל, וועלכער רעדט אויף שבעים לשונות".
און ס'וועט זיך אויסוויקלען דער נמשל זייער ווויל:
ווען ס'הייבט אזא מין איזל אָן צו ריידן גלייכע זאַכן,
אויך דעמלט זאָלסטו תיכף אים דאָס מויל פאַרמאַכן.

האָסט, פּרץ, זיך געקאָנט פאַרגינען לאַכן:
דער פאַבל־איזל וואַרפט נישט אָן קיין גרויל;
וואָס וואָלסטו אָבער טאָן, ווען ס'וואָלט זיך מאַכן —
א נמשל־איזל עפּנט אויף דיר א מויל?
אוי, מיך, דיין תלמיד, האָט אזוינס געטראָפן —
זאָל גאָט מיין ערגסטן שונא שוין דערמיט נישט שטראָפן!

דער סאָלאָוויי און די גענדז
משל

געווידמעט י. ל. פּרצעס אָן אָרויסטרעטונג. *)

דאָס שטרעבן פֿונעם קינסטלער מיט זיין קונסט זיך צו באַווייזן
איז העכסט נאַטירלעך, ווי דאָס גרינען פֿון אַ בוים;
ער דאַרף זי אָבער שאַנעווען און פּרייזן
און קיין פּראָפּאָן מיט איר נישט שפּייזן —
בקיצור, האַלטן זיך אין צוים.

אַמאָל האָט דער פֿוקס באַשלאָסן איינצולאַדן
דעם סאָלאָוויי, פֿאַר גענדז צו געבן אַ קאָנצערט.
אַז ס'איז דעם סאָלאָווייס געזאַנג אַ מעדן*)
ווייסט יעדער, ווער עס האָט אים נאָר געהערט.
„עס זיינען אָבער גענדז גאָר ווייניק מוזיקאַליש, —
האָט שטאַרק זיך דער באַהיטער פֿוקס פֿאַרקלערט:
צי איז מיין אונטערנעמונג נישט אַביסל ריזיקאַליש?
ווער קאָן עס מיר פֿאַרזיכערן און זאָגן אויפֿגעוויס? —
זיי וועלן איינשפּאַנען, מטריח זיין אַהער די פֿיס,
די פֿליגל און דעם גענדזערישן, יחוסדיקן האָנער?".
און ס'האָט דער פֿוקס געטאָן צו וויסן זיי, די גענדז,
אַז נאָכן סאָלאָוויי וועט זינגען מיסטער גאָנער,
דער חזן דער באַרימטער, דאָס און יענץ,
און ס'וועלן זיין צום סוף אויך — טענץ!
„נו, איצטער וועלן זיך די דאַמען שוין נישט פֿוילן...!".
ער האָט עס אויך נישט פֿאַרן סאָלאָוויי פֿאַרהוילן:
— נו, וואָס? וואָס קאָן מען, ליבער, מאַכן? ס'איז אַזוי באַשערט. —

---

*) אין די „יודישע וועלט" פֿון יאָר 1915 ז. 19—20 דערציילט ש. אַנסקי וועגן פּרצעס אַן אַרויסטרעטונג פֿאַר אַן אַודיטאָריע אַסימילירטע יידן אין פּעטערבורג: די ערשטע צען מינוט איז געווען שטיל. נאָכדעם האָט דאָס פּובליקום גענומען שמועסן שטילערהייט צווישן זיך. ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגיין פֿון זאַל, פֿריער איינציקווייז, געלאַסן, דערנאָך אַלץ רעשיקער, אַזוי, אַז בשעת פּרץ האָט געענדיקט, איז דער פֿריער אָנגעפּאַקטער זאַל געווען האַלב פּוסט, און פֿון צווייטן חדר האָט זיך געטראָגן אַ רעש פֿון געשפּרעכן.

*) אַ מעדן (אין מערצאָל — מעדנים) אַ מאכל, אַ באַטעמטע זאַך.

און ווייל דער סאָלאָוויי האָט שטאַרק, גאָר שטאַרק באַגערט
אַרויסצוטרעטן פאַר די געגנט מיט זיין קאָנצערט,
איז אים דאָס לייכט געווען ביי זיך צו פועלן.
און ווען די זון האָט אָנגעהויבן, ערב איר פאַרגאַנג,
איר העלע בלאָנדע שיין צו בייטן,
האָט צו דער אָזערע געלאָזן זיך פון אַלע זייטן,
צופוס און אונטערפליענדיק, אַ געגנטזשענער געדראַנג
מיט אַ געאַויל און גאַגעריי, מיט רעש און פּאַלעש**)
(זיי זיינען, זעט זיך אויס, שוין חוקא מוזיקאַליש!)
זיי זעצן זיך אין שורות אויף דער אָזערע ביינאַנד
און קוקן אויפן קוסט, וואָס שטייט דאָ ביי איר ראַנד
און שפּיגלט זיך אין איר מיט גרינגעדיכטע צווייגן;
און אָט — דעם סאָלאָוויטשיק אויף אַ צווייגל זעט מען שטיין!
אַ רגע גליווערט אַלץ אין שווייגן:
די לאָנקע, פעלד און וואַלד, די אָזערע און זיי אַליין,
די געגנט, דער סאָלאָוויי הייבט אָן צו שפּילן — —
מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט זיך איין די וועלט
און זאַפּט אין זיך אַריין דעם סאָלאָוויס געפילן:
זי האָט זיך, דאַכט זיך, אין אַ סאָלאָוויי פאַרשטעלט
און זינגט אַליין, פאַרגייט זיך, זינגט און קוועלט — —
נאָר ס'איז קיין האַלבע שעה אפילו נישט אַריבער,
ווי אויף דער אָזערע גייט אויף אַ גאַגעריי...
דעם סאָלאָוויס געזאַנג ווערט אומעטיקער, טריבער,
זיין קוילקל איז שוין נישט קיין גאָלד, קיין פרייד, נאָר בלייַ,
געוויין... דער וואַלד ווערט טונקעלער, נערוועזער;
עס לעשט זיך אויס דאָס גרינס פון בלאָט און גראָזער;
די אָזערע ווערט בלוטיקרויט פון ראַנד ביז ראַנד;
עס קייקלט זיך אַראָפּ די זון, צעגליט פון צאָרן.
— דעם גאָנער גיט אַהער! דעם גאָנער און די טענץ! —
האָט אויסגעשריגן פאַראַמאָל די מחנה געגנט.
פונוויטנס האָט דער פוקס דעם קאָפּ פאַרלאָרן,
און איינעם קוסט דער סאָלאָוויי איז שטום געוואָרן.

קאַטאָוויץ־וואַרשע, מאַי, 1951

**) פּאַלעש — היציקער טומל.

יצחק טורקאָוו

י. ל. פּרץ פון ביידע זייטן ראַמפּע

1

אַ דיכטער מיט אַזאַ ברייזנדיקן קינסטלערישן און געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט ווי י. ל. פּרץ — הערצו נאָך אין דער צייט און אין דער סביבה, אין וועלכער ס'איז אויסגעקומען פּרצן צו לעבן און צו שאַפן — האָט געמוזט איבערלעבן אַ סך אַנטוישונגען. צופיל איז פּרצעס צוגאַנג צו געשעענישן און פּראָבלעמען געווען געשטיצט אויף שטימונגען און דיכטערישע זעונגען, צו ווייניק איז ער אַרויסגעוואַקסן פון אַ וויסנשאַפטלעכן קוק אויף דער געזעלשאַפט און אירע ראַנגלענישן, אַז דער דיכטער זאָל קאָנען אויסמיידן אַנטוישונגען ביים קאָנפראָנטירן זיינע ווי־זיעס און טרוימען מיט דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט פון זיין צייט.

אָבער צו די גרעסטע אַנטוישונגען אין זיין פיל־ליבנדיקן לעבן האָט, דוכט זיך, געהערט זיין ליבע צום טעאַטער. אַנטוישונגען, וואָס דאָס טעאַטער (און מיר מיינען אין דער ערשטער ריי — דאָס יידישע טעאַטער) האָט אים געבראַכט פון דער אויסערלעכער זייט ראַמפּע, דאָס הייסט: אַלס טעאַטער־קאָנסומענט מיט אַ ראַפינירטן געשמאַק, אַלס מענטש, וואָס האָט געזוכט קינסטלעריש־דערהויבן, אויסגעפיינערט, אויסגעאיידלט טעאַטער; אַנטוישונגען, וואָס זיינען געקומען פון דער אינער־לעכער זייט ראַמפּע, ווו פּרץ האָט געפּרוווט — און איז איינציקע מאָל דערשיינען — אַלס מיטשעפער פון טעאַטער, אַלס פּראָדוצענט, דראַמאַטורג און דורך איינציקע יאָר — אַלס שטורמער פון פאַרשימלטע טעאַטער־מויערן, אַלס רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אַ קינסטלעריש יידיש טעאַטער.

י. ל. פּרץ איז געווען אַ מענטש מיט אַ טעאַטער־נשמה, ווי מען רופט עס אין די סצענישע קרייזן. שוין אָפּגערעדט פון זיין אויסערלעכ־

קייט, זיין באנומונג, נייגונג צו העקזאטישקייט אין פריוואטן לעבן און ביים הערשיינען אין דער עפנטלעכקייט; אפגערעדט פון זיין ליבע און פאראינטערעסירונג מיט טעאטער נאך פארן אנהייבן זיין ליטעראריש טעטיקייט (אין די זכרונות דערציילט י. ל. פרץ וועגן דעם, דער־מאנענדיק טעאטער־עפיזאדן פון זיינע קינדער־יארן, זיין פארטיפן זיך אין די ווערק פון דייטשן דראמאטורג קאצעבוע א. א. וו. אין די פריוע בריוו — צו זיין כלה — גיט ער א קורצע אפשאצונג פון די ווערק פון פוילישן דראמאטורג זאבלאצקי, וועלכן ער האט געלייענט אין יענער צייט); אפגערעדט פון זיין רעזשסיערישער פאנטאזיע צו שילדערן בילדער אין האנדלונג און גרופירונג, צו צייכענען מענטשלעכע כאראקטערן — זייענען דאך אין פרצעס ווערט צעשאטן פערל פון טעאטראלישקייט, בעיקר אין די נישט־פערזענלעכע ווערק זיינע; בילדער פון גרויסער דראמאטישער אנלאדונג, אין אומגעהויערע גאלעריע פון רעליעפע, לעבעדיקע, ווירקנדיקע געשטאלטן און זייער אפט — א פיינער, פליסיקער און אויסדריקלעכער לאקאנישער דיאלאג; נישט צופעליקע שמועסן פון פארשוינען אין א דערציילונג, נאר אויסגעפארעמטע, כאראקטעריסטישע דיאלאגן. ווייל דיאלאג איז געווען איינע פון די ליטערארישע שוואכקייטן פון פרצן פון זיין יוגנט אן. „דער עיקר צייען מיך און נעמען מיך די דיאלאגן — די „שטיקלעך מיט די פאסיקלעך“, ווי ס'האט ביי מיר געהייסן; וו מענטשן רעדן“ — דערציילט ער אין זיינע זכרונות.

פאראוואס־זשע האט געדארפט קומען צו אנטוישונגען סיי אין פרט פון זיין דראמאטורגישן שאפן, אין דער צייט ווען אין זיין שעפערישן ארסענאל איז געווען אזויפיל סצעניש כלי־זין, סיי אין פרט פון זיינע באציונגען צום טעאטער (פארשטייט זיך, — צום יידישן), ווען דער סוגעסטיווער כוח פון זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט האט געקאנט אזוי באווירקן זיין סביבה און אויסווירקן איבער אזעלכע ברייטע קרייזן?

אין די פראגן וועלן מיר זיך איצט פרווון פאנאנדערקלייבן, זוכן א פארענטפערונג, וואס זאל אונדז קלאר מאכן י. ל. פרצן פון ביידע זייטן ראמפע.

2

פרץ האט פון טעאטער א סך פארלאנגט. ער האט טאקע געפרעדיקט און געגלויבט, אז „אלץ דארף זיין פארן פאלק און דורך דעם פאלק“, אבער ווי אין א סך אנדערע פאלן פלעגט ער דערביי אריינפאלן אין סתירות, וואס זיינען געווען א רעזולטאט פון מאמענטאלע שטימונ־

גען, פון א בליץ־געדאנק, וואס איז געבוירן געוואָרן פון דער אָדער יענער שטימונג.

„גאנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן יידישן טעאטער נישט זיין; א טעאטער איז א בית־המקדש, ווו קיין פעלערהאפטע זאך, בעל־מום טאָר נישט אריינקומען; אָבער זעענדיק דעם פאָרשריט, וואָס דאָס טעאטער האָט געמאכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען זיך טרייסטן און האָפן אז מיט דער צייט וועט זיך דאָס טעאטער אנטוויקלען ביז דער העכסטער מדרגה" — דערקלערט י. ל. פרץ אין יאָר 1907, אין א רעדע אויף דעם באנקעט לכבוד אברהם יצחק קאמינסקיס יובילײ (איבערגעגעבן אין דער „ראָר מאנציטונג", ציטירט לויט נחמן מייזלס „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ").

אויף א פארזאמלונג וועגן יידישן טעאטער אין דער ווארשעווער פילהארמאָניע (יאָר 1910) זאָגט י. ל. פרץ:

„דאָס יידישע טעאטער שטייט זייער נידעריק, דאָרט ווערט דאָס הייליקסטע געטראָטן מיט די פיס. צי דאַרף מען האָבן טענות צו די ליטעראַטן? — ניין; ס'זיינען פאַראַן פעלקער וואָס האָבן קיין אָריגינעלע דראַמעס נישט, זיי שפּילן איבערזעצונגען". — אפשר צום ארטיסט? — „צו אונדזער אומגליקלעכן ארטיסט, וואָס ארבעט טאָג און נאכט? אויך ניין!" — צו וועמען דען? — דערויף האָט פרץ דאַן נישט געענטפערט (ער באווייזט נישט צו פאַרענדיקן די רעדע צוליב דער שפּעטער צייט), אָבער ער האָט שוין געהאַט געענטפערט דערויף מיט א צייט פריער אין זיין רעצענזיע וועגן „דוד אין דער מדבר". אין דער פאָרם פון אָריגינעלע שאלות ותשובות מיטן לייענער, זאָגט ער, אז אויב דער לייענער וויל — „וויינען אויפן יידישן טעאטער, מיט זיינע אויטאָרן, ליטעראַרישן רעדל־פירער און טאַלאַנטפולע אקטיאָרן, פון וועלכע מען מאכט קוימענקערערס — גייט אויף „דוד אין דער מדבר"... „עס איז געווען א וויכוח אין דער פּרעסע; מען האָט די פראַגע געשטעלט, ווער איז שולדיק, וואָס דאָס „יידישע טעאטער", אויף וועלכן מען האָט אזוי לאנג געהאָפט, ווי אויף משיחן געוואַרט, שפּילט „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט", „אישה רעה" און דעסגלייכן... צי זיינען שולדיק יידישע שרייבער, וואָס „מאכן" נישט קיין דראַמען... צי איז שולדיק דער ליטעראַרישער רעדל־פירער וואָס האָט גוטע זאכן און גיט „שונד" — צי קומט אויפצוהענגען דעם אנטרעפּרענער, וואָס פאַרלאַנגט דורכויס שמוץ צוליב קאַסע... צי אפשר די יידישע אקטיאָרן אליין, וואָס ווילן בעסער פּרייזלעך מאכן דעם עולם? גלויבט מיר — א נאַרישער וויכוח געווען...

שולדיק איז דאָס פּובליקום", דאָס ווייסטע, פאַרשאָלטענע פּובליקום, וואָס האָט אויערן נאָר פאַר שאַרמאַנקערמוזיק, אויגן — נאָר פאַר אויפֿרייסנדיקע זאַכן און געשמאַק פון גראָבע, ווילדע מענטשן, אוממענטשן.

דאָס פּובליקום, וואָס האָט אויף „דוד אין דער ווייסטע" דאָס טעאַטער פאַרפולט, בראַוואָ געפּאַטשט און — אַרויסגערופן דעם אויטאָר"...

אויף דעם עפנטלעכן פּראָטעסט פון מחבר און דירעקטאָר (אין איין פּערזאָן) ענטפערט י. ל. פּרץ נישט ווייניקער ביסיק („העער עפּלבערג פּראָטעסטירט"), אַז ער ענטפערט אים דער עיקר „צוליב דעם פּובליקום, וואָס דאַרף און מוז באַקומען אַ בעסערן געשמאַק; צוליב דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס עס איז שוין צייט, עס זאָל האָבן אַפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָלט און אָנהייבן וואַקסן און צוליב דעם ייִדישן שוישפּילער — מען זאָל פון אים קיין פּורים־שפּילער נישט מאַכן"...

פּרץ זעט העכביי קלאָר די סיבות פון דער לאַגע. ער פאָרמולירט זיי זייער טרעפלעך אין זיין טעאַטער־פעליעטאָן „אוי, דלות, דלות":

„אַ חזיר־שטעלכל אָדער גלאַט אַ שטעלכל, זאָגט דער מאָדערנער קריטיקער אויפן ייִדישן טעאַטער... און דאָך, שולדיק איז דער דלות...".

ער שילדערט דעם ייִדישן „מנין", די סוכה, דעם חדר, דעם בית־עלמין און קומט צום אויספיר:

„דאָס ייִדישע טעאַטער קאָן קיין אויסנאַם נישט זיין. דאָס טעאַטער דאַרף זיין אַן אַנשטאַלט צו דערציען דעם גרויסן, און עס קאָן נישט בעסער און שענער זיין פאַרן חדר, ווו עס ווערט דערצויגן דאָס קינד"...

„ווער האַלט אונטער דאָס טעאַטער? חסידים און בעלי־בתים נישט — רייכע און אַסימילאַטאָרן נייִשט — דער פּראָלעטאַריער קאָן עס נישט (פּרצעס אונטערשטרייכונג) אויסהאַלטן, ער האַלט קוים זיך אַליין אויף!...".

„אויף וועמען צו שטיצן האָט זיך דאָס טעאַטער נישט. און אויב אַ טעאַטער האָט זיין פּובליקום נישט, מוז עס אַריינכאַרן פון גאַס, ווי אין אַ באַלאַגאַן אַריין, מוז עס זיין נחת תּיבה מיט אַלע חיות, אַ כּל־בו פון זינג, טאַנץ, שפּרונג, שרייענדיקע, וויינענדיקע סצענען...

„...און דערווייל גייען טאַלאַנטן פאַרלוירן, אונדזער געשמאַק ביים אָנגעלאָפּענעם, צופעליקן פּובליקום פאַרדאַרבט זיך פון טאָג צו טאָג"...

ער זעט קלאָר, אַז עס פעלט די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספעס אַרי־בערן ייִדישן טעאַטער. אין די כּוחות זיינע האָט ער געגלויבט, כאָטש ער האָט זיך געשראָקן וועגן זיי ביי אַן ערנסטן פאַרמעסט, ווען פּרץ איז געגאַנגען אויף דער פאַרשטעלונג פון מאַקסים גאָרקיס „אויפן לעצטן

שטאפל" („נא חניע") האָט ער געהאַט גרויסע ספיקות, וואָס שייך די אַקטיאָרן און פּובליקום. אָבער וועגן אַקטיאָרן: „אין אַלגעמיין זיינען די ספיקות צערונען גלייך נאָכן אויפגיין פון פאָרהאַנג"; און וועגן פּובליקום: „עס זיינען געקומען די נעכטיקע און אייערנעכטיקע געסט, וואָס זוכן „אַפּערעטקעס" מיט כישוף־מאַכעריננס און קורצע קליידלעך מיט פעטע לידלעך"... און פּרץ רופט אויס: „גאַרקיס פּובליקום וועט ערשט קור־מען"... דאָס איז זיין טיפער גלויבן אין טעאַטער און אין אויפשטייג פון דער מאַסע.

„היינט איז געווען די פיער־פּראָבע פאַרן יידישן אַקטיאָר, ער איז באַשטאַנען, ער איז אַרויס מיט „נצחון", שרייבט ער וועגן דער אויפפירונג פון גאָרקיס פּיעסע. דאָס שטערט אים נישט אין אַ קורצער צייט שפּעטער צו דערקלערן אין אַן אינטערוויו (אין דער לעמבערגער יידישער פּוילישער ציימונג „יעדנאָשטש"):

ס'פעלן אונדז אויך אַקטיאָרן, ווייל די וואָס שפּילן איצט רעקרוטירן זיך ס'רוב פון מענטשן אָן אַ געהעריקער פאַך־אויסבילדונג. ביים שפּילן האָבן זיי אַ געוויסן שאַבלאָן, מאַכן אַ תל פון מחברים געדאַנקען, כדי אויסצונוצן ביי די נידעריקסטע יידישע שיכטן, וואָס האָבן ביז אַהער קיין אַנדער שפּיל נישט געזען". (ציטירט לויט נחמן מייזלס פריער ציטירטן בוך).

אָדער אין אַ שפּעטערדיקן אינטערוויו מיט ש. שנייפּאַל: „דער צו־שטאַנד פונעם יידישן טעאַטער וואָלט געווען דער זעלבער טרויעריקער, ווי ביי דער ליטעראַטור. קומט אָבער צו נאָך אַ מאָמענט: דער שוישפּי־לער, דער צווייטער מאַן נאָכן אויטאָר, איז אויך אָן שול און מיט דער גאַנצער אָרעמקייט און עסטעטישער איגנאָראַנץ... דאָפּלטע אַמעראַצעס... שטייט דאָס טעאַטער פיל נידעריקער אַלס די ליטעראַטור, עס איז טראַ־גיקאָמיש" (ציטירט פון קיעווער זשורנאַל „סאָוויעטישע ליטעראַטור" נר. 10, פאַרן יאָר 1940).

דאָס זיינען סתירות, וואָס זיינען געקומען אין רעזולטאַט פון שטי־מונגען און אַנטוישונגען. אָבער פּרץ איז פרעמד פעסימיסטישע רעזיגנאַציע. דעריבער זוכט ער וועגן צו ענדערן די לאַגע און קאָן דער־קלערן (אין פריער ציטירטן אינטערוויו אין „יעדנאָשטש").

„ביי אונדז אין וואַרשע האָבן מיר שוין אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן אין דער ריכטונג. מיר שאַפן ליבהאָבער־סצענעס מיט אינטעליגענטע אַק־טיאָרן און געקליבענע פּיעסעס". ער קאָנסטאַטירט די קראַנקהייטן פון דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער, הגם נישט שטענדיק שטעלט ער אַוועק דעם

זעלבן דיאגנאָז און נעמט זיך אַליין צו דער ראָל פון אַ רופא. ער וויל ווערן דער רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער, דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ נייעם, קינסטלערישן יידישן טעאַטער. און דאָ קומט די ריי אויף נייע אַנטוישונגען.

3

שוין אין זיינע רעצענזיעס וועגן פאָרשטעלונגען און יידישן טעאַטער און אין זיינע טעאַטער־פּובליציסטאַנען פרווט פּרץ צו ווירקן אין דער ריכטונג פון דערהויבן, דערציען, רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער. ער קומט מיט אינטערעסאַנטע, בליציקע געדאַנקען (כאָטש אָפטמאָל זייער סתירותדיקע).

ראָזא פּרץ־לאַקס זיין קרובה און אָפטע איינגייערין צו אים אין הויז, ברענגט פּרצעס אַ מיינונג וועגן סטאַניסלאַווסקיס קונסט־טעאַטער:

„סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער איז צופיל רעאַליסטיש. די אַרטיסטן דאַרפן פאָרשטעלן נאָר דאָס, וואָס דער מענטש זעט אין טרוים". (לויט זלמן זילבערצווייג „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

אין זיין אַרטיקל וועגן פּינסקיס „פאַמיליע צבי" שרייבט טאַקע פּרץ:

„דעם הייסט מיט זיין כוויטווענדיקער לאָגיק, קליינע אינטערעסן, קליינע טוגנדן און פאַרברעכן מוז דער קינסטלער איבערלאָזן דעם בראַניקער, דער פּאָליטיקרשרייבער און מאַכער — דעם „גאָראָדאָוואָי"!

„דער קינסטלער מוז האָבן די פּערספּעקטיוו פון דער צייט; דאָס, וואָס איז פאַרגאַנגען אין לעבן קאָן אויפשטיין אין ליד; דאָס, וואָס איז נאָך נישט געשען, קאָן ווערן געחלומט. דאָס אָרומיקע קאָן העכסטנס זיין ליטעראַטור (פּרצעס קורסיוו, ווי אין די וויטערדיקע ציטאַטן), געוויינלעך נאָר סעזאָן־אַרבעט".

און רעצענזירנדיק די פאָרשטעלונג פון פּינסקיס „מוטער" מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ, ווייזט אויף פּרץ, אַז דער שוואַכער איינדרוק פון דער פאָרשטעלונג, ליגט אין די פעלערן פון דער פּיעסע, אין סטיל אירן. ער האַלט, אַז די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין דער פּיעסע, קאָנען געמאָלט זיין ביי אומגעוויינלעכע מענטשן, דאַרף דעריבער זייער שפּראַך זיין אומגעוויינלעך און „דאָ רעדט די גאַנצע פאַמיליע וואָכעדיק... קיין איינציקער מעטאַלענער קלאַנג, קיין טיפערער אויסדרוק"...

„און דאָך וואָלט מען געקאָנט די דראַמע רעטן. דער אַקטיאָר קאָן מיט זיינע באַוועגונגען דעקן די פעלערן פון דער שפּראַך! עס דאַרף אויסזען, אַז די מענטשן פילן מער און טיפער, אַלס זיי רעדן".

האָקעגן אין א בריוו צו פּינסקין א קורצע צייט שפּעטער (1907), שרייבט פּרץ:

„איינטראכטן זיך אין א טיפּ, אויסשטודירן זיינע באַוועגונגען, באשאפן דאָס רעאַלע פאַרן אידעאַלן — אָט דאָס איז דעם יידישן אקטיאָר נאָך פרעמד, זייער פרעמד. ער שטייט אימער מיטן אויער צום סופלער און דעריבער מוז דער צושויער אים אין מויל אריינקוקן. פאַר־הערט מען עפּעס, אויבוואָל מען זעט, פאַרלירט מען דעם צוזאמענהאַנג. און גוט שפּילט דאָך נאָר דער, וואָס שפּילט מיטן מויל פאַרן אויער און מיטן גאַנצן קערפּער פאַרן אויג...".

איז עס דאָך אן עקסטרעם־פאַרשידענער צוגאַנג צו דער פאָרם און תוך פון א טעאַטער־פאָרשטעלונג. ריכטיקער: א נישט־קלאָרקייט אין פאָרמולירן דאָס, וואָס פּרץ האָט געפילט און געמיינט, אז טעאַטער און א טעאַטער־פאָרשטעלונג דאַרפן געבן. און די נישט־קלאָרקייט — באַזונדערס אין באַצוג צום יידישן טעאַטער — האָט זיך גענומען פון דער צעשוווּמענקייט פון דעמלטיקן יידישן טעאַטער. ווייל קלאָר איז איינס: פּרץ האָט אין טעאַטער געזוכט קונסט, דערהויבענע און דער־ציענדיקע — און טאַקע נישט אָפּגעריסענע פון לעבן. ער איז אַרויס־געטראָטן קעגן נאַטוראַליזם (און לאָמיר זיך דערמאָנען, אין שייכות מיט זיין מיינונג וועגן מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אז אין יענער צייט איז סטאַניסלאַווסקי געווען אויפן וועג פון נאַטוראַליסטישע פּרוּוון), גראָד, ווי ער האָט באַקעמפט נאַטוראַליזם אין דער ליטעראַטור, אָבער נישט קעגן רעאַליזם, ווי מיר פאַרשטייען אים היינט (דאָן פלעגן די צוויי באַ־גריפן פאַרמישט ווערן). ער זאָגט עס דייטלעך אַרויס אין די „געדאַנקען אין דער וועלט אריין".

„ביים פונדאַמענט האָט געאַרבעט גאָלדפאַדען, ציגל געלייגט: דאָס האַרציקע יידישע לידל, דאָס שפּיציק־יידישע ווערטל, בענקשאַפט, באַרמ־הערציקייט — און אַלץ נאַיוו, פאָלקסטימלעך — אָבער ווי קאָן זיין אָן א דאַך? שפּרינגט באַלד אַרויס גאָרדין, דעקט דאָס הויז מיט גרייטע דראַמען! דאָס פאָלק און זיין לעבן האָבן נאָך דעם מאַטעריאַל נישט גע־געבן (אונדזער קורסיוו) — אויף וואָס אָבער האָט א מענטש העַנט? צום נעמען" א. א. וו.

קומט דער יונגער, מאָדערן־טראַכטנדיקער ייד אין טעאַטער אַריין „פּילט ער, אז עס איז א שקר! אז עס איז א שפּינוועבס און אז אַלץ איז אים פרעמד, אומגעהויער און אוממעגלעך פרעמד, יעדעס וואָרט, יעדער זשעסט, יעדער באַוועגונג און אַזוי דער גרים, ווי דער אקטיאָר... א

מערכה. — דאָס לידל, אַ מערכה דאָס פּעמע ווערטל, אַ מערכה דאָס טענצל, אַניישט וואָלט לאַנגווייליק געווען צו שטאַרבן"...

„ווילד־פּרעמדע געדאַנקען און געפילן און פאַרוויקלונגען. און קוים קאָן ער, אַנטלויפט ער צום אמת — צום ווירקלעכן גויאישן טעאַטער, ווי יעדעס וואָרט האָט זיין ווירקלעכע באַדייטונג, יעדער זשעסט איז נאַטיר־לעך און וואָר. וו די, וואָס באַוועגן זיך אויף דער בינע, זיינען לעבעדיקע מענטשן, נישט שפּרעכנדיקע מאַנעקינען (אונזערע קורסיוו) און אין די אָדערן רינט ביי זיי בלוט, נישט וואַסער געפאַרבטע, ווו מען וויינט — ווייל עס טוט וויי און מען לאַכט, ווען עס איז ווירקלעך פריילעך!".

און אַזאַ טעאַטער האָט פּרץ געשטרעבט צו שאַפן ביי יידן. דערפון — זיין אומרויק זוכעניש פון וועגן, ווי אַזוי דאָס טעאַטער צו באַשאַפן. אַנטוישט ער זיך אין אַלטע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן .(פּרץ האָט געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זייער טאַלאַנט און איז געווען אויפגעטרייסלט פון זייער אומוויסן און מאַנגל אין באַציונג), שטעלט ער זיין גאַנצן אויטאָ־ריטעט אין דינסט פון דוד הערמאַנס דראַמאַטישן קרייז און פון ענלעכע ערנסטע דראַמאַטישע קרייזן (למשל — אין לאָדזש), ברענגט אַראָפּ די פּרץ־הירשביין־טרופּע קיין וואַרשע, מיינענדיק זי צו פאַרוואַנדלען אין דעם יידישן טעאַטער.

אָבער די אַלע פּרוון זיינען צעקלאַפּט געוואָרן קודם־כל עקאָנאָמיש, ווייל עס האָט געפעלט די געזונטע באַזע פאַרן טעאַטער (ווי פּרץ אַליין האָט עס גלענצנדיק באַצייכנט אין דעם פריער ציטירטן פעליעטאָן „אוי, דלות, דלות"). פּרץ — דער האַמאַנטיקער — גלויבט, אַז מיטן ברען און גוטן ווילן פון יחידים וועט קאָנען געשאַפן ווערן די באַזע. דערפון — זיין גרויסע אַקציע מיט דער הילף פון גבירים און מעצענאַטן, וועלכע האָבן געדאַרפט געבן געלט אויף דעם צוועק, צו שאַפן אַ יידיש קונסט־טעאַטער. ער פאַרט אַליין וועגן דעם ענין קיין פעטערבורג, כדי דורכצו־פירן די אַקציע צווישן דער דאָרטיקער אינטעליגענץ און גבירים און רייסט אַליין אויף די אַקציע, ווייל — די נאַסטנעבער האָבן נישט גע־רעדט קיין יידיש...

די אַקציע איז נישט געווען סתם אַ שטימונג. זי איז געווען אַ שטיק פון פּרצעס לעבן אין יענער צייט. ווי שטאַרק ער האָט געגלויבט אין דער אַקציע, קאָן מען זען פון זיין בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים:

„עס איז געבליבן, אַז עס מוז געבויט ווערן אַ ביי יידיש טעאַטער. צו דעם צוועק מוז מען זיך ווענדן צו דער געזעלשאַפטלעכער הילף"...

„...אין נאָמען פֿון דער חבֿרה קום איך איך בעטן, זייער און זייער בעטן, איר זאָלט צו אונדז צושטיין און לאָזן אונטערצייכענען אייער נאָמען אויך. אייער נאָמען איז, דאָס ווייסט איר אַליין, דער לויכטיקסטער, דער שטאַרקסטער... אייער נאָמען טאָר נישט פֿעלן. הייבט זיך אפֿשר אָן אַ נײַ בלעטל פֿון דער יידישער קולטור, אָדער קונסטגעשיכטע. טאָ זאָל זיך דאָס בלעטל אָן אייער נאָמען נישט אָנהייבן" (נ. מייזל „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ").

אָבער ווי האָט דער טרוימער געקאָנט נישט אַנטוישט ווערן, אַז ער האָט זיין חלום וועגן „אַ נײַ בלעטל פֿון דער יידישער קולטור, אָדער קונסטגעשיכטע", פֿאַרבונדן מיט דער פֿאַרשטענדעניש און מיט דער ברייטער האַנט פֿון גבֿירים?

פּרץ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז געזונט מאַכן דאָס יידישע טעאַטער קאָן נאָר אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג אַרום טעאַטער, ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז אַזאַ געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג קאָן נישט האָבן קיין האַפֿט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, ביי איר בורזשואַזער געזעלשאַפֿט.

4

אָבער די שטאַרקסטע אַנטוישונגען האָט י. ל. פּרץ איבערגעלעבט אַלס דראַמאַטורג. ווייל אויב די אינאַקטערס בעיקר „שוועסטער" און „ס'ברענט" האָבן נאָך געהאַט אַ תּיקון — מערסטנס אין דראַמאַטישע קרייזן — איז אַ סך שווערער געגאַנגען מיט פּרצעס דראַמאַטישע שאַפֿונגען.

„שוועסטער" איז צום ערשטן מאָל אויסגעפֿירט געוואָרן אין פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער אין וואַרשע מיט דער באַטייליקונג פֿון אסתּר רחל קאַמינסקאַ און פּרץ איז נאָך דער פֿאָרשטעלונג דערשינען אויף דער בינע, אַרויסגערופֿן דורכן עולם (אַגבֿ, לויט נח פּרילוצקיס רעצענזיע — אַ געציילטן עולם). עס איז אַ שטאַרקער, רעאַליסטישער אַקט, און וועלכן עס ווערט אין אַ געפּרעסטן דיאַלאָג, אָבער מיט שאַרפֿע פֿאַרבן געמאָלן די טראַגעדיע פֿון דער יידישער פֿרוי, וואָס איר וועג „גייט משופּע אַראָפּ".

לויט דעם סאָוועטיש-יידישן קריטיקער און טעאַטראָלאָג נ. אויסלענדער, איז די אויפֿפֿירונג פֿון י. ל. פּרצעס „שוועסטער" אין יאָר 1905 געווען זייער אַ סימפּטאָמאַטישע דערשיינונג, דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו איינצופֿירן די „דלות"-טעמע אויף דער יידישער בינע. עס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דער ערשטער דעבוט פֿון די „דלות"-פֿי-

גורן אין יידישן טעאטער. לאָמיר פון זיך צוגעבן — דער ערשטער ערנסטער פּרווו, ווייל דלות־פיגורן זייַנען שוין דאַן נישט געווען קיין נייעס אויף דער יידישער בינע. זיי זייַנען אויף איר אַרויף צוזאַמען מיט די ערשטע שריט פון יידישן טעאַטער. פּרצעס פאַרדינסט איז געווען דאָס געזעלשאַפטלעך־אויפרייסערישע אַרויסשטעלן די דאָזיקע פיגורן.

„ס'ברענט" איז ווידער דער פּאָפּולערער פּרץ־מאָטיוו: די טראַגעדיע פון דער יידישער פרוי, וועלכע פּרץ האָט אין זייַנע ווערק געשילדערט אין פאַרשיידענע פאָרמען און וואַריאַנטן — נישט רחמנותדיק, נאָר סאָציאַל־פּאַרטייאיש. דער אַקט האָט טאַקע אַ שטאַרקע דראַמאַטישע אָנלאָדונג (כאָטש אין פאָרעמען דיאַלאָג), אָבער אייַנאַקטערס האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט האָבן די געהעריקע סצענישע וואָג. די נאָרמאַלע שפּיז פאַר אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער (און צו אַזאַ האָט פּרץ געזוכט אַ וועג מיט זייַנע דראַמען), איז אַ טעמאַטיש־גאַנצע סצענישע זאַך, וואָס זאָל קאָנען אויספילן אַ גאַנצן טעאַטער־אָוונט. און מיט דער ערשטער, מיט וועלכער פּרץ איז דערשינען אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער (קורץ נאָך דער פּרעמיערע פון די „שוועסטער") — מיטן „נסיון", האָט ער געהאַט אַן אַנטוישונג.

„דער נסיון" איז אַ צווייטער וואַריאַנט פון פּרצעס דראַמע „אונטערגאַנג פון צדיקים הויז", וואָס איז לכתחילה אָפּגעדרוקט געוואָרן אין העברעיש און איז שפּעטער, נאָך פאַרשיידענע באַאַרבעטונגען פון פּרצן, געוואָרן „די גאָלדענע קייט".

„דער נסיון" איז געווען אַ דורכפאַל. פּרץ האָט באַשולדיקט אין דעם די אַקטיאָרן, הגם ער האָט זיך אַליין באַטייליקט אין רעזשיסירן די פאָרשטעלונג און ביז דער פּרעמיערע האָט ער שטאַרק געגלייבט אין איר דערפאָלג. פּרצעס פאַרערער, דער דאַן פּאָפּולערער אין וואַרשע געזעלשאַפטלעכער טוער ד"ר גרשון לעווין, האַלט, אַז נישט נאָר דאָס (דאָס הייסט — די אַקטיאָרן) איז געווען די סיבה — „אין איר (אין דער דראַמע) איז נישט געווען קיין שום דראַמאַטישע אַקציע. די סצענע איז געווען אינגאַנצן איבעריק, ווייל די העלדן, וואָס האָבן זיך אויף איר אַרומגעדרייט, האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן. זיי זייַנען געווען פאַרנומען מיט רייד" (ציטירט לויט זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

באַקענט מען זיך אָבער מיטן טעקסט פון „אונטערגאַנג פון צדיקים הויז" (צום ערשטן מאָל דערשינען אין יידיש אין „סאָוויעטישער ליטעראַטור" נר. 10, קיעוו, 1940). קאָן מען עס נישט זאָגן. די פּיעסע פאַרמאָגט ערטערווייז אַ שטאַרקע דראַמאַטישע אַקציע, וואָס דערגייט אין

דרויטן אקט צו אן אויפטרייסלענדיקער מאסן־סצענע. זי איז אבער קאריק־אפטעמדיק, דער דיאלאג באשטייט פון אגדריטינגען, וואס פילן נישט אויס די אקציע. און הגם די פיעסע האט א שטארקע אידעישע אנלאדונג, זי איז שטורעמדיק אנטי־חסידיש און, מען קאן זאגן אנטי־רעליגיעז (להיפוך צו דער „גאלדענער קייט", ווו עס איז שוין דא אן עסטעטיזירנדיקע אידעאליזאציע פון חסידיזם), זיינען די געשטאלטן אויך ווייניק סצעניש מאטיווירט (אחוץ דער געשטאלט פון ישראל דעם גבאי, וואס וואקסט אויס צו א צענטראלער נעגאטיווער פיגור אין דער פיעסע), אז זיי ווערן סכעמעס, נישט קיין לעבעדיקע בינע־געשטאלטן. די שפעטערדיקע באאר־בעטונגען האבן נאך פארגרעסערט די סכעמאטישקייט פון די געשטאלטן. דאס באארבעטן די פיעסע אין פערז האט פארשטארקט די דיכטערישע וואג פון „דער גאלדענער קייט", אבער נאך מער אפגעשוואכט אירע סצע־נישע ווערטן. ריכטיק איז אין דעם פרט די אפשאצונג, אז „פרצעס „די גאלדענע קייט", ביי אלע אירע גרויסע מעלות, איז דאך א נישט־דערמאכט ווערק, איז מער שטאף צו א גרויסער טראגעדיע, ווי די טראגעדיע אליין". (דוד פינסקי „דאס יידישע דראמא"). אויב מיר ווילן נאך נעמען אין אכט, אז די באארבעטונגען זיינען געמאכט געווארן בעת פרצעס דער־פרעסיע־שטימונגען נאכן דורכפאל פון דער רעוואלוציע פון 1905 יאר, בעת דער פארשטארקטער רעאקציע אין רוסלאנד, וועט אונדז פאר־שטענדלעך ווערן די אפשוואכונג פון די אידעאלאגישע ווערטן, פון דעם אויפרייסעריש, וואס איז געווען אין „נסיון". אגב דריקט זיך פרץ אליין אויס וועגן „נסיון" (אין זיין בריוו צו פינסקין): „איך האב נאר שלעכט אויסגעפירט מיין פלאן, ווייל איך האב גענומען צו ליטעראריש און צו ווייניק סצעניש". דא ליגט טאקע דער סוד פון דער שוואכקייט פון פרצעס דראמאטישע ווערק: זייער ליטערארישע פארטראכטונג און מאנגל אין סצענישער אויספירעמונג. דאס איז די שוואכע זייט פון „פאליש אויף דער קייט", פון „וואס אין פידעלע שטעקט" שוין אפגערעדט פון דער גאר שוואכער — סיי סצעניש, סיי ליטעראריש — „אמאל איז געווען א מלך".

די שטארקסטע פון אלע פרצעס דראמאטישע ווערק, אין זין פון פאנטאזיע און אויספילן מיט סצענישער דינאמיק, איז „ביינאכט אויפן אלטן מארק". אבער צי קאן די זאך אנגערופן ווערן א סצעניש ווערק אין פולן זין פון ווארט? עס איז אן אויסגוס פון דיכטערישע וויזיעס, כמעט נישט־געבונדענע מיט זיך, און אן אנווויקס, און א שטיגערונג — „א טרוים פון א פיבער־נאכט", ווי דער דיכטער רופט עס אליין אן.

האט עס העדיבער געקאנט זיין שטאף פאר פארמאליסטישע עקספערימענטן (וואס זיינען טאקע אין זייער צייט אדורך מיט גרויס הערפאלג), אבער נישט קיין שטאף פאר דעם רעאליסטישן יידישן טעאטער, וואס האט אנגעהויבן צו ווירקן אין פרצעס צייטן, און טאקע צוליב דער לייזער קאנסטרוקציע פון ווערק האט עס געקאנט אזוי פארשידנארטיק אויסגעטייטשט ווערן און מען האט אזוי פיל געקאנט אין דעם אריינטייטשן. לינקיסטישע קריטיקער פון די „ראפפאוצעס" האבן געקאנט זען אין דעם פרצעס רעאקציאנערישקייט, גראד ווי ש. ניגער האט פון ווערק ארויסגעכאפט, וואס אים איז געפעלן — דעם רוף „אין שול אריין", מיט וועלכן דער ברחן פארענדיקט די פיעסע. דאס האט, לויט זייער מיינונג, געזאלט זיין דער לעצטער אויסקלאנג פון פרצעס שאפן. א דורכויס פאלשע מיינונג, וואס דארף קלאר און דייטלעך פעסטגעשטעלט ווערן, א מיינונג, וואס פארקריפלט אינגאנצן דעם געדאנקענגאנג פון שארפן אנטי־קלעריקאלן י. ל. פרץ. די מיינונג איז אדער א באוווסטזיניקע פעלשונג פון פרצעס געדאנקענוועלט, אדער א רעזולטאט פון נישט קענען (סיידן — נישט ווילן קענען) פרצעס דראמאטישע טעכניק.

ווייל באקענט מען זיך נענטער מיט דער האזיקער טעכניק ביי פרצן, באזונדערס אין זיינע געפערזטע דראמאטישע ווערק, איבערצייגט מען זיך, אז דער דיאלאג פארנעמט דארט נישט דעם אויבנאן אין זין פון סצענישער וואג: דער דיאלאג אין די ווערק פון פרצן באשטייט בלויז פון דיכטערישע קיצורים, פון סימבאלן, וואס ווערן געבונדן און אויסגעטייטשט דורך דעם מחברס באמערקונגען, די אזוי גערופענע רעמארקעס. און נאך דעם רוף „אין שול אריין!... אין שול..." קומט אין „ביינאכט אויפן אלטן מארק" דעם דיכטערס רעמארקע: „די פאבריק הייבט אָן פייפן און פארטויבט אלץ און אלע". דאס איז דאך דעם דיכטערס לעצט וואָרט, זיין לעצטער רוף, דער אויסקלאנג פון זיין פיעסע. און די פאבריק הייסט אין פרצעס לאקאנישן סטיל די ארבעטנדיקע וועלט, דער ארבעטער־קלאס, וואס „פארטויבט אלץ און אלע", וואס צעטרייבט די מתים פון אלטן מארק און דעם בדחן מיט זיין רוף „אין שול אריין", און אויב מיר ווילן עס פארבינדן מיט די ראלן „פארהונגערטער ארבעטער", „בלינדע זעצערין", „געהאנגענער גארבער", „געקעפטער גארבער" — די דאזיקע פאזיטיווע, קעמפערישע העלדן פון דער מאקאברישער געשטאלטן־גאלעריע, וועלכע דער דיכטער פירט ארויס אויפן אלטן מארק, וועט אונדז ערשט קלאר ווערן, ווי פאלש עס האבן אויסגעטייטשט פרצן — דעם שטורעמער פון פינצטערניש און רעליגיער־

דער אפגעשטאנענקייט — די, וועלכע האבן אים געוואלט פארוואנדלען אין א העראלד פון „צוריק אין שול אריין". און ווען מען זאל אפילו מסכים זיין, אז „ביינאכט אויפן אלטן מארק" איז געשאפן געווארן דירעקט אונטער דער השפעה פון ווייספיאנסקיס „וועסעלע", מוז מען אבער פעסטשטעלן, אז פרץ איז אין זיין פיעסע געווען פיל ברייטער, ווי ווייספיאנסקי אין פרט פון פראבלעמען אוועקשטעלן, א סך אלמענטשלעכער פון אים — ביי דער טיפער ייִדישקייט פון „ביינאכט אויפן אלטן מארק", ווי פון אלע פרצעס ווערק; אז פרץ איז געווען ווייניקער מיסטיקער פון ווייספיאנסקין און מער רעוואלוציאנער.

אבער די רעוואלוציאנערע עלעמענטן פון פרצעס דראמאטישע ווערק ענדערן נישט דעם פאקט פון זייער קליינער בינע־פעיִקייט, און די קליינע בינע־פעיִקייט נעמט זיך דערפון, וואס פרץ האט זיינע דראמאטישע ווערק אויסגעדיכטעט, אויסגעטרוימט, אויסגעפיבערט, ער האט זיי אבער נישט אויסגעבויט. א סצעניש ווערק, אחוץ דער אנלאזונג פון דיכטערישער פאנטאזיע, איז אן איינגעארדנטער געבוי, וואס זיינע פונדאמענטן זיינען: די האנדלונג, די אקציע; די ווענט און זיילן — די געשטאלטן; דער דורכשטאף — דער דיאלאג און די קרוין פון בנין איז דער דאך זיינער; די אידעע, דער „פארוואס" און „מיט וואס" דער דיכטער קומט צום טעאטער־עולם. דיכטערישע פאנטאזיע, אין דער פארם פון סצענישע וויזיעס, איז ביי פרצן געווען אן א שיעור; די קרוין איז אין פרצעס דראמאטישע ווערק שטענדיק געווען, ווי בולטער, ווי פארנעפלטער, אבער אומעטום — הרייסט און שטורעמדיק; די זיילן — די געשטאלטן, וואס זיינען אין פרצעס דערציילונגען אזוי פעסט און קערנדיק, — זיינען אין די דראמאטישע ווערק שוין אדער מער, צוגעטראכטער; דער דורכשטאף — דער דיאלאג, וואס איז אין אזא שפע צעזייט אין פרצעס אלע ווערק, אזוי קערנדיק און ווירקנדיק, איז חוקא אין די דראמאטישע ווערק קארגער, באגרענעצטער; דער פונדאמענט — דער יסוד פון סצענישן געבוי — איז דער שוואכסטער. ווייל פרץ האט בלויז אויסגעדיכטעט און נישט קאנסטרוירט זיינע סצענישע ווערק. זיין שעפערישער אומרו האט אים אויפגעצוואונגען א ראשיקע פיבערדיקייט אין שאפן און נישט קיין באזאכטע דורכגעטראכטקייט.

און דאס איז געווען דער עיקר גורם פון די אנטוישונגען, וועלכע עס האט איבערגעלעבט י. ל. פרץ דער דראמאטורג.

5

און דאָך האָט פּרץ, אין אַלע פאָרמען פון זיינע טעאַטראַלע פאַראינטערעסירונגען, אַזוי באַרייכערט דאָס יידישע טעאַטער!

ווי קומט עס? — דאָס איז דער סוד פון דער השפּעה פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט, דאָס איז דער פּונקט, וואָס האָט געקאָנט אָנצינדן, באַגייסטערן.

מיט זיינע טעאַטער־רעצענזיעס, וואָס זיינען נישט געווען קיין פאַכמענישע אָפּהאַנדלונגען, נאָר שאַרפזיניקע, גייסטרייכע פּאַרציכענונגען און איינדרוקן, האָט ער געלערנט און דערצויגן; מיט זיינע אַרויסטריטן און אַקציעס האָט ער געוועקט די עפנטלעכע מיינונג אַרום יידישן טעאַטער, געמאָנט באַציונג און פאַראינטערעסירונג צו אים. טראָץ זיינע אָפטמאָל סתירותדיקע מיינונגען וועגן טעאַטער און זיינע ווידעריקסטע שפּעטער (גאָלדפאַדען, גאָרדין), וואָס זיינען פאַראַן אין פּרצעס פאַרשידענע אַרויסזאָגונגען, האָט ער דערזען די וויכטיקייט פון זייער אויפטו, רופנדיק צו העכער ווייטערדיקער פאַרשענערונג און פאַרטיפונג פון דער אינסטיטוציע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אין יידישן קולטור־לעבן. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן זיין געוואַלדיקע אויפמערקזאַמקייט צו דער אינסטיטוציע (אין אַ בריוו צו י. דינעזאָנען פון זאַקאָפּאַנע, אין יאָר 1907, שרייבט ער אין שייכות מיט אַ בראָשור „קליידונג און שמוק אין ביבלישן און תלמודישן שריפטום": „אויב דו טרעפסט זיך מיט קאַמינסקי, ראַט אים, ער זאָל זיך די בראָשור פאַרשאַפן. די טראַכט איז זייער גוט באַשריבן, זי איז ביליק און לייכט צו באַזאָרגן" (נ. מייזל: „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ) — אָט ווי ווייט ס'איז געגאַנגען זיין זאָרג!).

„פאַרוואָס מוזן יידישע טאַלאַנטן שפּילן „בר־כוכבא" און אשה רעה?" רופט ער אויס מיט פאַרביטערונג („דער טאָג").

„קונסט איז די נשמה פון פאָלק, די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט. די מענטשלעכע קונסט ווערט ערשט באַשאַפן ווערן מיט דער מענטשהייט צוזאַמען; דערווייל עקזיסטירט זי נישט" („וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?") — צו אַזאַ אויספיר איז געקומען דער אַזוי פיל מאָל אָנגעשטעטער, פאַרביטערטער, אָבער נישט רעזיגנירטער פּרץ, וועלכער האָט דערזען, אַז עס עקזיסטירט נישט די מענטשהייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

זיין גרויסקייט איז באשטאנען אין דערזען דאָס שלעכטע און אין פלאַמיקן רוף צום צו ענדערן. אויך אין פּרץ פון יידישן טעאַטער.

און טראָץ דעם, וואָס זיין דראַמאַטורגישע ירושה, אַלס אַזאַ, האָט פאַר אונדז אַ קליינעם אַקטועלן ווערט, איז אָבער זיין גאַנצע ליטעראַרישע ירושה אַ קוואַל פון דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל, וואָס קאָן און דאַרף אויסגענוצט ווערן פאַרן טעאַטער. פאַר דעם טעאַטער, פאַר וועלכן פּרץ האָט געקעמפט, צוליב וועלכן ער האָט איבערגעלעבט אַזעלכע ווייטיקלעכע אַנטוישונגען און וועלכן ער האָט באַשאָנקען מיט אַזוי פיל דערהויבונגען.

„אין דעם פוילן, וואָס וועט קומען, וועל איך יאָ אַ חלק האָבן: דער מענטשלעך־דעמאָקראַטישער מענטש, דער פרייער און איך" — האָט געגלויבט י. ל. פּרץ אין יענע שווערע טעג פון זיינע אַנטוישונגען („איך זאָג מיך אָפּ").

אין דעם פוילן, וואָס איז געקומען — אין נייעם פוילן האָט פּרץ זיין פאַרדינטן חלק; אין דעם יידישן טעאַטער, וואָס איז געקומען — אין נייעם יידישן טעאַטער, וואָס איז „פאַרן פאָלק און דורך דעם פאָלק" — האָט אויך פּרץ זיין חלק און וועט אויך האָבן זיין פאַרדינטן אָרט.

י. עגיט

י. ל. פרצעס לייבלעכע קרובים — חשובע מענטשן פון נייעם פוילן

עס איז שוין שפעט אין אוונט. אין גרויסן ליכטיקן רעגטיסטישן קאבינעט זיצט דער אלטער דאקטאר אהרן פרץ ופארטיפט אין א בוך.

אהרן פרץ איז אלט 73 יאר. אבער ער ארבעט נאך אן בריל. זיין קאפ — איינגאנצן א גרויער, אבער דער בליק און אויסזען — א יונגער, פול מיט לעבן. אויף מיין פארוואונדערונג, פארוואס ער זיצט נאך אזוי שפעט אין אוונט און ארבעט, דערציילט מיר דער גוטמוטיקער ד״ר אהרן פרץ מיט א שמייכל: „מיר, אלטע, דארפן נאך אויך עפעס טאן, מיר האבן איצט א סך מעגלעכקייטן צו גיין אין פוס־טראט מיט דער נייער צייט, בכדי דורך ארבעט צו ווערן ווידער יונג״.

ד״ר אהרן פרץ ארבעט איצט אינטענסיוו אויף א נייעם מעטאד פון היילן ציין, אויסמיידנדיק פולשטענדיק דאס ארויסרייסן זיי. ער באגרינדעט דאס וויסנשאפטלעך. ער האט שוין ארום דער פראגע געשאפן א גאנצע טעאריע, וואס דארף אין דער נאענטסטער צייט באקומען א פראקטישן תיקון.

ווי איך זע, שטייט איר נישט אפ פון אייער זון, דעם אינזשעניער משה פרץ, וועלכער איז אין פוילן באקאנט אלס א נאוואטאר און רעדפיינדער...

זיינע אויגן צעשמייכלען זיך.

— נאך פאר דער מלחמה האב איך וועגן מיין ארבעט א סך געטראכט, אבער צום באדויערן זיינען דאן נישט געווען קיין מעגלעכקייטן זיך צו עפעס וואס דערשלאגן. היינט זיינען אנדערע צייטן. היינט קאן איך אויך, ביי מיין עלטער, שטודירן, א סך לערנען, און זיך באמיען וואס אויפצוטאן פאר אונדזער נייַ לעבן.

ד״ר אהרן פרץ איז א לייבלעכער קרוב פון דעם גרויסן יצחק

ליבוש פּרץ, זייערע זיידעס זיינען געווען ברידער. ער שטאַמט אויך פון דער שטאָט זאַמאָשטש. דער יחוס פון דער משפּחה פּרץ ציט זיך נאָך פון 16־טן יאָרהונדערט. דער העטמאַן יאַן זאַמאָיסקי האָט געוואָלט מאַכן פון זאַמאָשטש א פאַרבינדונגספּונקט פון האַנדל מיט די באַלקאַנלענדער, האָט ער אַראָפּגעבראַכט אין 1587 יאָר קיין זאַמאָשטש 60 יידישע משפּחות. צווישן די דאָזיקע 60 משפּחות איז געווען א ייד מיטן נאָמען פּרץ. זינט יענער צייט איז שוין אַוועק קנאַפּע 400 יאָר. דור הולך ודור בא. אפילו דער היטלעריסטישער מבול האָט נישט געקאָנט אָפּווישן דעם המשך פון דער פּרץ־משפּחה — די בריק פון י. ל. פּרץ צום הייַנטיקן פּוילן. ד"ר אהרן פּרץ מיט זיין גאַנצער משפּחה האָט בעת דער גרויליקער היטלער־צייט געפונען א רעטונג צוזאַמען מיט אַנדערע צענדליקער טויזנטער יידישע משפּחות אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו לעבן און אַרבעטן. באַלד נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין אייבערשלעזיע. הא, אין דעם פּוילן, וועגן וועלכן עס האָט אַזוי געטרוימט י. ל. פּרץ, זעצט פאָר אהרן און זיין זון משה דאָס דורותדיקע לעבן פון דער משפּחה פּרץ אויף דער פּוילישער ערד. זיי זיינען די איינציקע משפּחה־מיטגלידער פון דער גרויסן פּרץ אויף דער פּוילישער ערד. זיי זיינען די איינציקע משפּחה־מיטגלידער פון גרויסן פּרץ, וועלכע זיינען פאַרבליבן ביים לעבן. י. ל. פּרץ האָט מיט זיי אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציונגען. פיל בריוו האָט י. ל. פּרץ געשריבן פון וואַרשע צו ד"ר אהרן פּרץ.

ד"ר אהרן פּרץ געדענקט י. ל. פּרצן פון יענער צייט, ווען ער האָט געלעבט אין זאַמאָשטש. „איך בין נאָך דאַן געווען — דערציילט ער — א קליין יינגל, ווען פּרץ און שפּימאַן האָבן געקעמפט קעגן די חסידים. פּרץ האָט פאַרוואַנדלט דאָס בית־המדרש אין א שול צו דערלערנען די פּוילישע און רוסישע שפּראַך. עס זיינען פאָרגעקומען געשלעגן. די חסידים האָבן אפילו איינמאָל, אַלס „פּראָטעסט", שבת נישט געלאָזט „אויסנעמען", די דאָזיקע חסידים פלעגט מען רופן די „זאַלאַגע".

ד"ר אהרן פּרץ פאַרטראַכט זיך א ווייל און זינגט שטיל איים י. ל. פּרצעס א דעמלטיק לידל:

„מעל, קאַרטאָפל זיינען טייער
א שלעכטע צייט ס'איז נישטאָ קיין דרייער.
אָרעמעלייט די שטאַרבן פאַר הונגער,
שרייען געוואַלד, ביסן די פינגער".

— אזוי האט פרץ געשריבן אין זאמאשטש, ווייל אזוי איז טאקע געווען דאס לעבן: ביטער און שווער. אך, ווען פרץ וואלט היינט גע־לעבט אין אונדזער פוילן! ער וואלט באזונגען יונג און אלט, וואס האבן דערלעבט אזא צייט.

אין יאר 1912 האט ד"ר אהרן פרץ זיך געטראפן מיט י. ל. פרץ אין טשענסטאכאוו. די יידישע געזעלשאפט „לירא" האט פרצן איינגע־אָרדנט אַן אָוונט. דער עולם האט אים אויפגענומען מיט באגייסטערונג. י. ל. פרץ האט דאן דערקלערט, אז ער וועט לייענען צוויי נאָוועלן, וואס ער האט אָנגעשריבן אין דעם טאג פון זיין קומען קיין טשענסטאכאוו. פרץ האט די נאָוועלן געלייענט אויף אויסנווייניק. דאס זיינען געווען: „א דין־תורה מיטן ווינט" און „מאטל פרינץ". עס זיינען געווען אין זאל אזעלכע צוהערער, וואס האבן פארשריבן וואָרט נאך וואָרט, בכדי צו זען, צי וועלן די נאָוועלן טאקע אזוי אָפּגעדרוקט ווערן אין דער צייטונג. די זעלבע נאָוועלן זיינען ווערטלעך אזוי אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פרעסע.

זייענדיק אין ווארשע ביי י. ל. פרצן האט ער אמאָל דערציילט, אז י. מ. ווייסנבערג האט אויף א צייט לאנג אויפגעהערט צו קומען צו אים און לייענען זיינע כתבים. נאך א לענגערער צייט, טרעפט י. ל. פרץ ווייסנבערגן און פרעגט אים: וואס איז געשען, ווייסנבערג, וואס מען זעט זיך נישט? ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, האט ווייסנבערג, צוליב פערזענלעכע שווערע איבערלעבונגען געהאט אויפגעהערט צו שרייבן. אבער י. ל. פרץ האט אויף אים געווירקט. ער האט אים געהאָלפן זיך באפרייען פון זיינע שווערע שטימונגען.

— איינמאָל — דערציילט אהרן פרץ — בין איך געפאָרן מיט י. ל. פרצן מיט דער באן קיין ווארשע. אין דער קופע האט זיך געפונען חוץ אונדז אויך א פרוי און א מאנספארשוין. דער דאָזיקער מאן האט גע־האלטן אין איין רייכערן און נישט געלאָזט דער פרוי עפענען דאס פענצ־טער. צווישן דער פרוי און דעם מאן איז געקומען צו א סקאנדאל. י. ל. פרצן האט אויפגערעגט, ער האט גענומען זיין שטעקן און אויסגעהאקט די שויב און דאן דריק באצאָלט דעם קאָנדוקטאָר פאר דעם געמאכטן שאָדן.

אזוי דערציילט ד"ר אהרן פרץ וועגן זיין גרויסן קרוב י. ל. פרצן און אליין איז ער איינגאנצן פארטראכט אין יענע ווייטע יונגע יאָרן.

ד"ר אהרן פרץ איז א מיטגליד פון דער פוילישער פאריניקטער ארבעטער־פארטיי, און אקטיווער טוער אין קולטור־געזעלשאפטלעכן פאר־

באַנד פֿון די ייִדן אין פּוילן. ער פֿאַרנעמט זיך מיט טאָג־טעגלעכער קולטור־אַרבעט צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין אויבער־שלעזיע.

דער נאָמען פּרץ איז היינט אויך זייער פּאָפּולער צווישן דער פּויליִשער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין אויבער־שלעזיע. דאָס האָט פֿאַרדינט דעם כּבֿוד פֿון דער פּרץ־משפּחה דער זון פֿון אהרן פּרץ, דער אינזשעניער־טעכניקער משה פּרץ.

אינזש. משה פּרץ איז אַ קאָמוניסט נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה. אַלס אַ מיטגליד פֿון קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד אין פּוילן ווערט ער באַזייטיקט פֿון דער שול. אין סאַנאַציאָנישן פּוילן ווערט ער אַריינגעוואָרפֿן אין טורמע. ער איז געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און עמיגרירן קיין פֿראַנקרייך, וווּ ער שטודירט אויף אינזשעניער־טעכניק.

אין 1939 געפֿינט זיך משה פּרץ צוריק אין פּוילן. בשעת עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה גייט משה פּרץ אין דער פּויליִשער אַרמיי, בכדי צו קעמפֿן קעגן היטלער־פֿאַשיזם. נאָכן צוזאַמענברעכן זיך פֿון דער פּויליִשער אַרמיי, קומט משה פּרץ קיין ראַטנפֿאַרבאַנד און דאָרטן געפֿינט ער אויך זיין משפּחה. אין ראַטנפֿאַרבאַנד שטעלט ער זיך באַלד אַרבעטן אַלס אינזשעניער אין אַ מעטאַל־פֿאַבריק און דאָן אַרבעט ער עטלעכע יאָר אין אַ טעכנאָלאָגישן פֿאָרשונגס־אינסטיטוט. משה פּרץ נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ער איז פֿאָרזיצער פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון פּויליִשע פּאַטריאָטן" (זפּפּ) אין אָרסק.

פֿון דאָרטן קערט ער זיך אום מיט זיין גאַנצער משפּחה צוריק קיין פּוילן. ער באַזעצט זיך אין אויבער־שלעזיע (אין גליוויץ). דאָ ווערט ער דער ליטער פֿון דער כעמיש־פֿיזישער אָפּטיילונג און דער הויכשול פֿון מעטאַלורגיע. משה פּרץ האָט רעגיסטרירט דריי פּאַטענטן פֿון דערפֿינדונגען אין געביט פֿון הידראָמעטאַלורגיע. אָראַנק די דערפֿינדונגען פֿון אינזש. משה פּרץ איז מעגלעך געוואָרן ביי אונדז אין לאַנד אויסצואַרבעטן עלעקטרישן מאַנגאַן, וואָס איז נייטיק צו שטאָל־ליגירונגען — אַ מאַטעריאַל, וואָס פּוילן האָט פֿריער נישט אויסגעאַרבעט. ער איז דער קאָנסטרוקטאָר פֿון אַ נייער וואַנע פֿאַר מעטאַל־אַרומרינגלונג און פֿון אַ נייעם כראָנאָמעטרישן מעטאָד פֿאַר קופּער.

פֿאַר זיינע דערפֿינדונגען איז אינזש. משה פּרץ שוין פֿיל מאָל געוואָרן אויסגעצייכנט און פּרעמירט.

אינזוש. משה פּרץ האָט שוין פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. ער איז אַ מיטאַרבעטער פון די וויכטיקסטע טעכנישע זשורנאַלן אין לאַנד און גליקבציימיק אין אַקטיווער פאַרטייטוער. ער איז שטאָלץ מיט זיין נאָמען, מיט דעם משפחה־נאָמען פון זיין גרויסן י. ל. פּרץ. „פּרצעס גייסט — זאָגט ער — לעבט אין אונדזער משפחה, אין אונדזער שטוב און ביי דער אַרבעט. מיט דעם דאָזיקן גייסט גייען מיר צו אַ נייַ און בעסער לעבן, צו אַ לעבן, פאַר וועלכן דער גרויסער פּרץ האָט געקעמפט".

ש. הורוויטש

י. ל. פּרץ און דער קולטור־אויפֿשטײַג פֿון ייִדישן אַרבעטס־מענטש אין פּוילן

די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿייערט איצט דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פֿון יצחק לייבוש פּרץ — דעם שרייבער, דיכטער, דראַמאַטורג און קולטור־טוער. דער גרויסער הומאַניסט, דער טיפֿער דענקער, דער אומדערמידלעכער קעמפֿער פֿאַר מענטשנרעכט האָט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען ניט נאָר די נויטיקייט צו שרייבן אין אַ שפּראַך, וואָס זאָל זײַן פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די מאַסן, נאָר אויך צו אָרגאַניזירן געזעלשאַפֿטלעך און קולטורעל די דאָזיקע מאַסן, בכדי זיי זאָלן זײַן אויפֿנעמפֿעיק פֿאַר קולטור־ווערטן און קאָנען גײַסטיק וואַקסן.

י. ל. פּרץ האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פֿאַרשטענדעניש און אינטערעס פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט און קולטור־טעטיקייט און אַליין אַקטיוו מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזירונג פֿון פֿאָלקס־בילדונג. פּובליציסטיק און פֿאַרשידנאַרטיק זײַנען געווען די פֿאָרמען און אויסדרוקן פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויקייט, פֿון זײַן קולטורעל־אויפֿקלערערישער און קולטורעל־אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט. פֿון שרײַבן פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען ביז אָרגאַניזירן אָוונט־קורסן פֿאַר אַרבעטער; פֿון אַרויסגעבן די פּאָפּולערע „יום־טוב־בלעטלעך" ביז אָנטיילנעמען אין דער פֿאָלקלאָריסטישער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע צווישן דער ייִדיש־פּוילישער באַפֿעלקערונג; פֿון מיטאָרגאַניזירן די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ אין 1908 יאָר ביז אויפֿשטעלן אַ סיסטעמאַטישע הילף פֿאַר די היימלאָזע און קינדער אין פֿעריאָד פֿון דער ערשטער וועלטמלחמה.

י. ל. פּרץ האָט מיט אַלע פֿיברן פֿון זײַן האַרץ און נשמה געשטרעבט צו זען אַן אינטעליגענט־דערהויבענע, אַ קולטורעל־דערצויגענע, — גײַסטיק־אויסגעוואַקסענע ייִדישע אַרבעטער־מאַסע. ער, וואָס האָט זיך געפֿילט

אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די לײַדנדיקע ייִדישע מאַסן אין די באַדינגונגען פון סאָציאַלער עקספּלואַטאַציע, פּאָליטישער אונטערדריקונג און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע פון יענער צײַט, וואָס האָט מיט זײַן גאַנץ וועזן געגלויבט אין אַ פרײַ פוילן און נישט אידענטיפיצירט די דעמאָלטיקע מושלים פון לאַנד מיט דער קעמפנדיקער אַרבעטער־מאַסע, וואָס האָט געהאַט אַלס זײַן טיפן, אומאויסשעפּלעכן אינספּיראַציע־קוואַל די אָרעמע שיכטן פון פאָלק, — די ווערקטעטיקע האָרעפּאַשניקעס, די ערלעכע און אויפריכטיקע מענטשן פון מי און פּראַצע, — האָט אין שווערער געזעלשאַפטלעכער אָנשטרענגונג געהאָלפן שמידן דעם קולטור־וווּקס פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע שיכטן, וואָס האָבן מאַכטיק אין זײַן צײַט אָנגעהויבן דעם גרויסן גאַנג פאָרויס צו סאָציאַלער, פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער באַפרײַונג.

פּרץ האָט געלעבט און געשאַפן אין אַ צײַט, ווען עס זײַנען אָפּגעשטאָרבן אַלטע, פאַרפוילטע האַלב־פעאָדאַלע פאָרמען פון לעבן; ווען אַלטער שטייגער, מנהגים, זיטן, אידעען האָבן נאָך געהאַט אַ שטיקל אָנהאַלט אין די קליינע שטעטלעך — האָבן שוין אָבער אָנגעהויבן אָפּטרעטן זייער אָרט די שטורמיש־אָנוואַקסנדיקע דערשײַנונגען פון אַ נײַעם לעבנס־אינהאַלט, ווען עס האָט זיך קאָנסטיטוירט אַלס קלאַס דער ייִדישער אַרבעטער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אין די רייען פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער פּאָליטישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

פּרץ איז געווען דער אויסדריקער פון דאָס נײַע, אָבער נאָכנישט אויסקריסטאַליזירטע פון זײַן צײַט. ער האָט לײַדנשאַפטלעך געזוכט אַ קינסטלערישן און אידעיִשן תּיקון פאַר זײַן טיפער בענקשאַפט נאָך אמת, יושר און פרײַהייט — ער האָט אָבער נישט געקאָנט איבערווינדן די אָביעקטיווע סתּירות, וואַקלונגען, פאָרויסגאַנגען און צוריקגאַנגען, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט זײַן קלאַס, זײַן סבֿיבֿה און — זײַן צײַט.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם דערמאָנטן פּעריאָד האָט ערשט אָנגעמאַכט די גענעראַלע רעפּעטיציע צו די גרויסע, אַנטשיידנדיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן. זי האָט באַוויזן אָנצינדן און מיטרײַסן פּרצן — אָבער נאָר אויף אירע אויפשטײַג־עטאַפּן, ווען ברייטע שיכטן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין ווירקונגס־קרייז פון די פּראָגרעסיווע אידעען און אויך רעוואָלטירט קעגן דעם שימל פון די אַלטע אָפּגעלעבטע לעבנספאָרמען. די רעוואָלוציאָנערע

אידעען פון דער אויפקומענדיקער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך אָבער נישט באַוויזן אַזוי פעסט און טיף צו פאַראַנקערן אין פרצעס גייסטיקן וועלטבאַנעם, אַז זיי זאָלן און שום רעשט אַרויסשטופן די שאָטנס פון נעכטן. מיט טויזנטער פעדעם איז נאָך פרץ געווען פאַרבונדן מיט זיין אַלטער היים, אַלטער סביבה, אַלטער וועלט — און אַהינצו געפרווּוט אַריבערוואַרפן בריקן. אָבער זאָל געזאָגט ווערן מיט דער גאַנצער קראַפט: נישט כדי צו בלייבן שטעקן אין די שטייענדיקע וואַסערן פון די קאָנסערוואַטיווע לעבנס־מנהגים, רעליגיעזן שימל, נאַציאָנאַליסטישער באַגרענעצטקייט — נאָר בכדי אויך דאָרטן צו געפינען עלעמענטן פון איינערלעבן אויפרייסערישן אומרו, אויסדרוקן פון פראָטעסט קעגן די העכסטע אויטאָריטעטן, וואָס ווילן אַנוואַרפן דעם טריוען איינדערוואַכן דער בענקענדיקער נאָך שיינקייט, האַרמאָניע און שלימות — יידישער מאַסע.

דער גרויסער קלאַסיקער פון דער פוילישער ליטעראַטור אַדאַם מיצקעוויטש האָט נאָך דעם אַדורכפאַל פון אויפשטאַנד פון 1831 יאָר, נאָכן נאַציאָנאַל־באַפרייערישן רעוואָלוציאָנערן אָנשטורעם, וועלכן ענגעלס האָט באַצייכנט אַלס די „קאָנסערוואַטיווע רעוואָלוציע" — געזוכט זיך צוריק אומקערן מיטן האַרץ און געדאַנק צו דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט. און קינסטלעריש צו פאַרפיקסירן מיט אויסערגעוויינלעכן רעאַליזם די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט אין זיין וווּנדערבאַרער פאָעמע „פאַן טאַדעוש". פרץ האָט אין דעם צוריקגאַנגס־פּעריאָד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיך אויך געווענדעט צו דעם שוין אַוועקגייענדיקן לעבן — אָבער דעם דאָזיקן לעבן אַנטפּלעקט אין ראָמאַנטישע האַלב־סימבאָלישע פאָרמען. מיצקעוויטש האָט מיט אַ מילדן, פאָטערלעכן שמייכל געזעגנט אין „פאַן טאַדעוש" די שוין פאַרשווינדנדע לעצטע איבערבלייבענצן פון פעאָדאַלן לעבנס־שטייגער אין דער פוילישער געזעלשאַפט. פרץ האָט מיט אַ קלוגן, איראָנישן שמייכל באַגלייט די נאָכנישט פאַרשוווּנדענע, אָבער שוין אַוועקגייענדיקע רעליגיעזע שיכטן און פּרובירט רעהאַביליטירן די פון זיי, וואָס האָבן אין זייער צייט און אין זייער סביבה איינהאַלטנדיק די רעליגיעזע פאָרמען — געזוכט אויפצורייסן פון אינעווייניק דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט אַרויסהייבנדיק די עטישע ווערטן, די פאָלקסטימלעכע פשטות, די מאָראַלישע ריינקייט, די בענקשאַפט נאָך אמת און יושר.

ווי אַ ליטעראַטור, ווי אַן עיקרדיקער שטריך אין זיין גאַנצן שאַפן — שלאָגט זיך דורך די שטרעבונג צו שיינקייט, עסטעטישער און עטי־

שער. די חזקע שיינקייט געפינט נישט פּרץ אין אָלימפּישער אָפּגעריסנקייט אָפּגעזונדערט אין א טורעם פון העלפאַנטביין. די אמתע נישט־געפעלשטע שיינקייט און אינערלעכע דערהויבונג, די וואונדערבאַרע העראָיק געפינט פּרץ אין די מענטשן פון פאָלק. די אויפריכטיקע, טיף־רירנדיקע ליבע אין „שלום־בית", די אויסערגעוויינלעכע בענקשאַפט נאָך שיינקייט און יום־טובדיקייט אין דער „גאָלדענער קייט", די טיפע פאַרשטענדעניש פאַר וואָרעמער מענטשלעכער הילף אין „אויב נישט נאָך העכער", דעם סאַמע שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער נויט און אונטערדריקונג אין „באָנטשע שווייג", „העלבער־ליבע", „דריי נייטאָרינס", „ביים פרעמדן חופּה־קלייד", שאַרפע אַנטיקלעריקאַלע אַקצענטן אין „שטריימל" און אַנדערע — אָט דאָס כאַראַקטעריזירט פּרצן, דעם בונטאַר קעגן אַלדאָס שלעכטע, מיאוסע, פאַרהאַרבענע.

אין גרונט גענומען איז פּרץ ביי אַלע זיינע ראָמאַנטישע אָנהויבונגען געווען א רעאַליסט — אין טראַכטן, אין שאַפן און האַנדלען. פּרצעס טיף־רעאַליסטישער חוש, וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע גרויסע קינסטלער האָט אים דיקטירט צו זוכן און געפינען שיינקייט, דערהויבנקייט און גאַנצקייט אין די מענטשן פון אַרבעט און מי. דער זעלביקער רעאַליזם האָט אים באַווירקט איבערצוגיין פון העברעיש צו יידיש און שאַפן אין א צוגענגלעכער און פאַרשטענדלעכער פאַר די מאַסן שפּראַך. אומבאַדינגט רעאַליסטיש זיינען פּרצעס געמעלן פון דער סביבה, שטימונג, טיפּן אפילו אין די ווערק, וווּ פּרץ רוקט אַרויס בלומרייכע סימבאָלישע געשטאַלטן, וואָס רעדן מיט רמזים וועגן היימלישע ענינים. פּרצעס טיפער פּאַטריאָטיזם צו פּוילן און זיין גלייבן אין די נייע מאָרגנדיקע כוחות, וואָס וועלן קומען און פאַרוואַלטן מיטן לאַנד איז אויך אַן אויסדרוק פון זיין רעאַליזם און חוש פאַר ווירקלעכקייט. דערמיט ביינדט זיך אָרגאַניש זיין אינטערנאַציאָנאַליזם, זיין גלייבן אין מענטש אומאָפּהענגיק פון קאָליר און ראַסע, זיין ווידערווילן צו נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט. און ווייל פּרץ איז געווען אַזאַ רעאַליסט האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די סאָציאַלע פונקציע פון דער ליטעראַטור און זיין חוב אַלס שרייבער צו אָרגאַניזירן געזעלשאַפטלעך די יידישע מאַסן, צו זאָרגן פאַר זייער קולטורעלן וווּקס, צו רעאַגירן מיט זיין וואָרט אויף אַלע אַקטועלע, צאַפּלדיקע געשעענישן פון טאָג.

היינט פייערן מיר דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ אין באַדינגונגען, ווען עס זיינען יסודותדיק געענדערט געוואָרן די סאָ־

ציאַלע און פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון לעבן, ווען עס זײַנען אויף אייביק פֿאַרשוווּנדן די שפּורן פֿון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, ווען דער באַפֿרײַטער אַרבעטער־קלאַס, דעראָבערנדיק די פֿולע פּאָליטישע מאַכט אין פֿאַרבינדונג מיטן פּויערטום רעאַליזירט דערפֿאָלגרײַך די גרויסע, היסטאָרישע קולטור־רעוואָלוציע פֿאַר אַלע אַרבעטס־מענטשן פֿון לאַנד.

מיר זײַנען עדות פֿון אַ פּראָצעס פֿון אומאויפֿהערלעכן קולטור־וווּקס פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע שיכטן אין נײַעם פּוילן, פֿון אַ כּסדר־דיקן גאַנג פֿאָרויס צו נײַע קולטור־דערגרייכונגען, פֿון אַ פֿאַרברייטערונג און פֿאַרטיפֿערונג, באַרײַכערונג און דינאַמיזירונג פֿון זייער קולטור־לעבן.

די ייִדישע אַרבעטס־מענטשן אין לאַנד בויען און פֿאַרפֿעסטיקן זייערע קולטור־פּאָזיציעס בײַ דער אַקטיווער מיטהילף פֿון די מאַכט־אָרגאַנען פֿון נײַעם פֿאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן. דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער, האָבנדיק איצט — נאָך דער פֿאַרמלוכהשונג — אַ געזיכערטע פּאָליטישע און מאַטעריעלע באַזע, אומפֿאַרגלײַכלעך בעסערע טעכנישע באַדינגונגען פֿאַר אַרבעט (דער נײַער פּרעכטיקער בנין אין לאָדזש), אַ זייער אַקטיווע און וואַרעמע געזעלשאַפֿטלעכע אַטמאָספֿער — גייט פֿון דערפֿאָלג צו דערפֿאָלג, וואַקסנדיק אידעיִש און קינסטלעריש. די מלוכהשע ייִדישע שולן דערציילן היי־יאָר וועגן באַדײַטנדיקע פּעדאַגאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפֿטוען, וועגן אַ וווּקס פֿון דער צאָל קינדער אין די קלאַסן, וועגן געשטיגענער געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט פֿון די עלטערן־קאָמיטעטן אין די שולן. די מאַסן־קולטור־אַרבעט פֿון די ייִדישע אַרבעטער אַנטוויקלט זיך אין דער ברייט און אין דער טיף, ציִענדיק אירע זאַפֿטן פֿון דער אַלץ מער אָנוואַקסנדיקער קולטור־רעוואָלוציע אין לאַנד.

וואָס זײַנען די כאַראַקטעריסטישע עיקר־שטריכן און סימנים פֿון דעם קולטור־וווּקס פֿון דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אויפֿן איצטיקן עטאַפּ פֿון דער פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג אין פּוילן? באַדײַטנדיקע דערנענטערונג פֿון אַלע פֿאָרמען און אויסדרוקן פֿון אונדזער קולטור־לעבן צום הײַנט, כאַראַקטער און אינהאַלט פֿון דער אַלגעמיינער, סאָציאַליסטישער קולטור־רעוואָלוציע אין לאַנד; סטאַביליזירונג פֿון די קולטור־פּאָזיציעס און פֿאַרטיפֿערונג אין אינהאַלט פֿון טאָג־טעגלעכער אַרבעט; שנעלער און באַדײַטנדיקער וווּקס פֿון קולטור־קאַדערן; גרויסע דערגרייכונגען אויף אַ רײַ נײַע קולטור־געביטן.

ווען מיר אַנאַליזירן און פֿאַרגלײַכן דעם אינהאַלט פֿון אונדזער הײַנטיקער קולטור־בויונג מיט דעם צושטאַנד פֿון די ערשטע יאָרן פֿון

נאָך דער מלחמה, זעען מיר אַ זייער טיפֿן אונטערשייד. מיר זעען, ווי פֿון טאָג צו טאָג וואַקסט היינט די אָרגאַנישע פֿאַרבינדנקייט פֿון אונדזער קולטור־לעבן מיט דעם פֿאָרויסגאַנג פֿון גאַנצן לאַנד צו נײַע דערגרייכונגען; ווי עס ווערט אַלץ שטאַרקער און סטאַבילער די דירעקטע און אומיטלבאַרע קאָאָרדינירונג פֿון די קולטור־פּאָזיציעס פֿון די יידישע אַרבעטס־מענטשן מיט די פּאַראַלעלע קולטור־פּאָזיציעס פֿון פּויליש אַרבעטער־קלאַס; ווי אין אַן אַלץ גרעסערער און פֿולערער מאָס ווערן אונדזערע קולטור־אינסטיטוציעס פֿאַרוואַנדלט אין וויכטיקע כלי־זיין פֿון קאַמף פֿאַר רעאַליזירן די גרויסע היסטאָרישע אויפֿגאַבן, וואָס עס שטעלט אַוועק פֿאַרן גאַנצן אַרבעטנדיקן פֿאָלק אין פּוילן די פּאַרטיי און רעגירונג אין איצטיקן פּעריאָד פֿון פֿאַרשאַרפֿטן קאַמף פֿאַר שלום און זעקס־יאָר־פּלאַן.

היינט ווערן גערופֿן שעפֿערישע שרייבער־קאָנפֿערענצן, ווו דאָס צענטראַלע פּראָבלעם איז דאָס באַהאַנדלען די אופֿנים פֿון אַנטוויקלען אונדזערע קולטור־ווערטן מיט סאָציאַליסטישער טעמאַטיק און סאָציאַליסטישן אינהאַלט; היינט ווערט אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, ווען דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער נעמט אָנטייל אין פֿעסטיוואַלן מיט פּיעסעס אויף אַקטועלע, אָרטיקע טעמעס. היינט ווערן איינגעאָרדנט פֿאַרשיידענע שולונגס־קורסן פֿאַר די יידישע קולטור־אַקטיוויסטן אונטער פּראָטעקטאָראַט און בײַ דער אַקטיווער מיטווירקונג פֿון פּוילישע קולטור־אינסטיטוציעס און קולטור־טוער. היינט טרעטן אויף יידישע כאָרן און דראַמקרייזן מיט יידיש־פּוילישן רעפּערטואַר אין דערפֿער און פֿאַבריקן און פּוילישע דראַמקרייזן אויף יידישע פֿרײַטיק־צונאַכטן.

אַ קלאָרער, באַשײַנפּערלעכער און נאַטירלעכער פּראָצעס, אין דער מאָס, אין וועלכער עס אַנטשטייט אין פּוילן אין רעזולטאַט פֿון די היסטאָרישע — סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע דערגרייכונגען — אַ סאָציאַליסטישע נאַציע, באַפֿרייט פֿון אינערלעכע קעגנזאַצן און אַנטאַגאָניזמען, באַזירט אויף דער אידעיש־מאָראַלישער קאָנסאָלידאַציע פֿון פֿאָלק, אַדורכגעדרונגען מיט איידעלן פּאַטריאָטיזם און טיפֿן אינטערנאַציאָנאַליזם — ווערן געשאַפֿן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פֿאַר אומאויפֿהערלעכער דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט אויפֿן קולטור־געביט.

די סטאַביליזירונג פֿון אונדזערע קולטור־פּאָזיציעס, די פֿאַרטיפֿערונג פֿון אינהאַלט פֿון אונדזער אַרבעט איז אַ נאַטירלעכע באַגלייט־

דערשיינונג פון די אויבנדערמאנטע דערשיינונגען, ווי אויך א רעזולטאט פון דער אלגעמיינער געזונטמאכונג פון דעם לעבן פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין פוילן. די ייִדישע ארבעטסמענטשן, וואס זיינען געזיכערט מיט זייער עקאנאמישער עקזיסטענץ, וואס זיינען אין זייער א גרויסער מאס אריינגעצויגן געווארן אין אקטיוון געזעלשאפטלעכן לעבן, וואס זיינען געשטעלט געווארן — צוזאמען מיט אלע ארבעטנדיקע פון לאנד — פאר דער גרויסער אויפגאבע צו באריכערן זייער ארבעטספראצעס, צו פארגרעסערן זייערע אויפטועס, צו אנטוויקלען זיך פאראויס — האבן א נאטירלעכן דראנג און שטרעבונג צו אינטענסיווער גייסטיקער און קולטורעלער אויסלעבונג, בכדי נישט אפצושטיין פון שטורמישן גאנג פון גאנצן לאנד צום סאציאליזם. דעריבער איז דאס קולטור־ווינקל אין שטאט און שטעטל געווארן א סטאבילער צענטער פאר די ייִדישע ארבעטער, דעריבער האבן אויפגעהערט קולטור־אונטערנעמונגען צו זיין א ספאראדישע דערשיינונג, דעריבער רוקן זיך ארויס אין פאדערגרונט פון אונדזער קולטור־ארבעט אזעלכע פארמען און אויסדרוקן, וואס אנטשפרעכן די אויסגעוואקסענע קולטור־נייטן און באדערפענישן פון די ייִדישע ארבעטער.

מיט עטלעכע יאר צוריק איז אנגעהויבן געווארן אן אקציע צו ליקווידירן דעם אנאלפאבעטיזם צווישן די ייִדישע ארבעטסמענטשן. הונדערטער זיינען שוין פאראן צענדליקער ייִדישע ארבעטער, וואס נישט נאר זיי האבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, נאר זיי בילדן זיך ווייטער אויף אלגעמיינע בילדונגס־קורסן, וואס זיינען ארגאניזירט געווארן אין לאדזש, ווראצלאוו און אין אנדערע פונקטן. מיט עטלעכע יאר צוריק זיינען געפירט געווארן פון צייט צו צייט איינמאליקע אקציעס צו פארקויפן ייִדישע ביכער — היינט דערגייט שוין אין לאנד די צאל פון שטענדיקע אבאנענטן פון אלע ביכער פון פארלאג „ייִדיש בוך" ביז דער ציפער פון דרייטהאלבן טויזנט. מיט עטלעכע יאר צוריק האבן מיר געהאט איינציקע אנפירער פון אונדזערע דראמקרייזן און כארן — מענטשן, וואס האבן געהאט א שטיקל „טעאטער"־פארגאנגענהייט — היינט האבן מיט עטלעכע צענדליק רעזשיסערן און דיריגענטן, וואס זיינען געקומען דירעקט פון ווארשטאט, וואקסן אויס אין דער ארבעט, שולן זיך כסדר אויף קורסן, וואס עס ארגאניזירט פעריאדיש די הויפט־פארוואלטונג. מיט עטלעכע יאר צוריק האבן מיר געהאט צופעליקע קולטור־קאנסומענטן — היינט האבן מיר אין דער גרונטמאסע סטאבילע קולטור־קאנסומענטן, וואס זוכן אין אונדזער קולטור־ארבעט אן אנשפאר און

הילף אין זייער ארייננוואקסן אין דער נייער סאציאליסטישער ווירקלעכקייט.

איצט, ווען טויזנטער יידישע ארבעטס־מענטשן אין פוילן פייערן די גרויסע קולטור־דאטע, ווען זיי לעבן אויפסניי איבער אין זייערע הערצער און מוחות די אידעאלן פון דעם טיף־נאציאנאלן און סאציאלן שרייבער און דיכטער, ווען זיי דערמאנען זיך זיין גליענדיקן פראטעסט קעגן פארמיסטיקטער וואכעדיקייט, קליינלעכקייט און זיין שטרעבונג צו זען א געבילדעטע יידישע ארבעטער־מאסע — זייענען זיי שטאלץ מיט זייערע קולטור־דערגרייכונגען, וואס זייענען די בעסטע פארווירקלעכונג פון זיינע אידעען.

אינהאלט

זייט

ה. סמאָליאַר — י. ל. פּרץ — דער שטענדיק־לעבעדיקער . . . 3

בינעם העלער — י. ל. פּרץ — אונדזער גרויסער וועג־ווייזער . 15

משה שקליאַר — צו י. ל. פּרץ (ליד) 18
— איבער נישט נאָך העכער (ליד) 19

מ. מירסקי — י. ל. פּרץ דער הומאַניסט און פּאַטריאָט פון פּוילן 20

משה זאַלצמאַן — צו י. ל. פּרץ 39
— דיין ניגון (ליד) 40
— * * * (ליד) 41

שלמה לאַסטיק. — די פּרץ־טראַדיציע 44

לייב מאָרגנטוי — צו י. ל. פּרץ (ליד) 70

דוד ספּאַרד — די פּראָגרעסיווע ירושה פון י. ל. פּרץ 71
— ס'איז וואָר און ס'איז חלום... (ליד) 87

ב. מאַרק — י. ל. פּרץ וועגן דער מיסיע פון דער ליטעראַטור 89

ל. אליצקי — פּרץ — דער משלים־דיכטער 98
— באַלאַדע וועגן א גאַנג צום אוהל־פּרץ 101
— פּרץ און דער אייזל פון זיין פאַבל 102
— דער סאָלאָוויי און די געבנדז (משל) 104

יצחק טורקאָוו — פון ביידע זייטן ראַמפּע 106

יעקב עגיט — י. ל. פּרצעס לייבלעכע קרובים — חשובע מענטשן פון נייעם פּוילן 121

ע. הורוויטש — י. ל. פּרץ און דער קולטור־אויפשטייג פון יידישן אַרבעטס־מענטש אין פּוילן 126

אין ליכטיקן אנדענק
פון יידישן קולטור טוער



סעם (שאול) ליפשיץ

געבוירן אין קריוואיע-אזערע
זון פון
מרדכי און גליה ליפשיץ
געשטאָרבן אין פילאדעלפיע
דעם 8טן יאנואר, 1958

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:

ל. אָליצקי ד. ספאַרד